STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10538

# SHRIFTEN

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דריטעס זאמעלבוך

פערלאג „אמעריקא"
1914

ערשיינט אין 1000 עקזעמפּליאַרן.
געדרוקט אין „פּינסקי־מזל פּרעס“.
הויפּט פערקויף אין „ליטעראַרישען פערלאַג“.

אינהאַלט: מאַני לייב — שטילער, שטילער; דוד איגנאַטאָוו — פיבי; ר. אייזלאַנד — לידער; א. מ. דילאָן — פון בעהזען געמיט; מ. ל. האַלפּערן — צוויי לידער; ה. ראָזענטהאַל — א ליעד; זישא לאַנדוי — פינף לידער; וו. נאַטאַנסאָן — קולטור און ענטוויקלונג; מאַני לייב — אינגעל צינגעל כוואַט; א. ראַבאָי — הערר גאָלדענבערג; אַ. ראַבאָי — קליינע דער־צעהלונגען; איבערזעצונגען — I אַלט־קלאַסישע, II מאָדערנע. דערקלערונגען.

מאני לייב:

# שטילער, שטילער.

זישא לאנדוי'ן.

שטילער! שטילער! רעדט ניט הויך!
שטעהט געבויגען שווארץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פיין,
שווייגט און האלט דעם אטעם איין.

פון דער טיעפער נאכט ארויס
און פון קיינעם ניט געהערט,
וועט ער אויף א ווייסען פערד
קומען שטיל צו אונזער הויז.

פון זיין לויטערען געזיכט
און זיין קלאהרען ווייסען קלייד

װעהען װעט אויף אונז די פרייד,
פאַלען װעט אויף אונז זיין ליכט.

זייט נאָר שטילער! רעדט ניט הויך!
שטעהט געבויגען שװאַרץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פיין,
שטעהט און האַלט דעם אָטעם איין.

אויב מען האָט אונז אָפּגענאַרט,
און מען האָט אונז אויסגעלאַכט,
און די גאַנצע לאַנגע נאַכט
האָבען מיר אומזיסט געװאַרט,

װעלען מיר אין אונזער בראָך
בויגען זיך צום האַרטען דיל
און מיר װעלען שװייגען שטיל,
שטילער נאָך און שטילער נאָך,

זייט זשע שטילער! רעדט ניט הויך!
שטעהט געבויגען שװאַרץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פיין,
שטעהט און האַלט דעם אָטעם איין...

דוד איגנאַטאָוו:

# פּיבּי.

(אַ דערצעהלונג)

איך האָב ליעב שלאַנגען.. —

ווי שעהן עס איז זייער גלאַנציגער שטיינער־געוועב. — ווי שעהן דאָס געוועב, ווי פון פּאָלירטע שטיינער, גלאַנצט און שרעקט ביי דעם שיין פון דער זון.

און ווי שעהן זיי פלעכטען זיך איינס אינ׳ם צווייטען.

און ווי קונציג זיי קאַטשען זיך צונויף און וואַרפען זיך פאַנאַנדער: וויפיעל שעהנקייט אין זייערע רינגען, וויפיעל אונענדליכע שעהנקייט אין זייערע עלאַסטישע קנייטשען און אין דעם גראַציעזען ווענד פון זייערע דינע און פאַרביגע לייבער!

און ווען זיי בויגען צו מיר זייערע שלאַנגישע קעפּ, מיט די קלאָרע, קלוגע אויגען און שטעקען צו מיר ארוים זייערע צוצווייגטע צינגער, דאַכט זיך מיר אָפּט, אַז צו מיר ציהען זיך קעפּ פון ליעבע היימישע גענז. און מיר ווילט זיך זיי גלעטען און קושען: — קינדער! ליעבע, שעהנע קינדער!

אָט אזוי הויב איך אָן מיין דערצעהלונג — פּיבי.

# I

פּיבי! — ווי אַן אויסגעטראַכטע איז זי צו מיר, ווי אַן איינגע־רעדטער שרעק, וואָס פערפאָלגט דאָך אַזוי קלאָר און קיהלט מיר אַזוי אָפּט דאָס בלוט אין די אָדערען.

און דער איצטיגער פריהלינג האָט זיך דאָך אָנגעהויבען לאַנג נאָך אונזער צוזאַמענשטויס, לאַנג נאָך יענער שרעקליכער נאַכט.

דער איצטיגער פריהלינג! — דאָס איז געווען דער ערשטער פריה־לינג־טאָג פון יאָהר. מיטאָג־צייט בין איך אַרוים אין גאַס, און מיט מיינע פערוואונדערט צועפענטע אויגען דערזעהן ווי דער ערשטער פריה־לינג־טאָג האָט זיך אַ ציה געטהון איבער דער לאַנגער גאַס און גאַסען — — די פערשיעדען־קאָלירטע ברייטע און הימעל־הויכע מויערען מיט זייערע טויזענדער און טויזענדער פענסטער האָבען זיך מיט אַ מאָל אַזוי ווי העבער אַ הויב געטהון, זיך אַ ציה געטהון אַרויף צום הויכען, בלאַס־בלויען הימעל, און די פאַבריק־סיגנאַלען פון נאָהענט און פון ווייט האָבען אַלע אויף איינמאָל גוט־ברודעריש אַרויסגעהילכט: פריהלינג! פריה־לינג! פרי־ה־ה־לינג!

די מויערען זיינען פאַר מיינע אויגען געלאָפען הויך און העכער, און האָבען מיר אויסגעזעהן ווי ריעזיגע, פאַנטאַסטישע פּאַלאַצען.

עס האָבען זיך צועפענט זייערע ברייטע טיהרען און הונדערטער און טויזענדער מענשען האָבען זיך פון זיי גענומען אַרויסשפּאַרען אויף דער גאַס און זיך גענומען ציהען און שפּרייטען ווי לאַנגע און פאַרביגע טע־פּיכען. און איך האָב געקוקט אויפ׳ן טאָג, אויף דער גאַס און אויף די פאַרביגע מענשען־מענגעס און האָב געזעהן ווי צופריעדענע און אונצו־פריעדענע, בעקאַנטע און אונבעקאַנטע, קוקען זיך איבער און שמייכלען זיך איבער: פריהלינג! פריהלינג!

איך בין איבערגעפילט געוואָרען מיט פרייד.

איך האָב פּשוט ניט געוואוסט וואָס צו טהון מיט זיך. איך האָב געפיהלט, ווי איך וואָלט נאָר וואָס געבוירען געוואָרען. און גלייך ביי מיין געבוירען שוין געטראָפען אַזאַ שעהנע וועלט, וואָס אָטעמט מיט פריהלינג און מיט אַזוי פיעל זון און ליכט.

איך בין געגאַנגען — און מויערען און גאַסען און מענשען האָבען זיך פאַר מיינע אויגען געשפּרייט און געוועבט מיט פריהלינג, מיט ליכט און מיט זון...

איך האָב דערפיהלט ווי אויסצושפּרייטען מיינע הענד, ארומנעהמען די גאַנצע וועלט; די גאַנצע וועלט, מיט איהרע ים'ען און טייכען, מיט איהרע פעלקער און לענדער, וואָס שווימט איצט אום אַ פערשטראַהלטע און שמייכעלט און גריסט און קושט זיך מיט דעם רוים און מיט דער ווייטקייט, וואָס ארום איהר.

איך האָב דערזעהן די גאַנצע וועלט און די אונענדליכקייט, איבער וועלכער זי שווימט, ווי אַ ליכטיגע שיף איבער אַ לויטערען ים.

ווען דער טאָג האָט זיך געענדיגט, בין איך נאָך מיט'ן פאַרנאַכט, און מיר האָט זיך געקומען צו זיך אהיים. אַלץ אין מיר האָט זיך גערייצט און געריסען. מיט ליעבע און בענקען האָב איך זיך אומגעקוקט אויף מיין וועלאָסיפּעד. בין צו איהם צוגעגאַנגען, ווי צו אַ ליעבען פריינד, איהם אָנגענומען פאַר די הענטלעך און בין מיט איהם ארויס אין גאַס.

מיין וועלאָסיפּעד איז גוט און לייכט, און די גלייכקייט און זיכער־קייט, מיט וועלכער די לאַנגע גאַס שניידט זיך אַוועק מיט איהרע הויכע מויערען, האָט מיך געכומען רייצען און רופען. — — —

די גאַס האָט מיר אויסגעזעהן, ווי אַ וועג צו דער ווייטקייט, און האָט מיר אויסגעזעהן ווי עמיצער פון דער ווייטקייט וואָלט אַזוי לאַנג, ברייט און שטאַרק אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס און מיט זיי דורכגעלעגט אַזאַ לאַנגען און גלייכען וועג צו זיך. דער גלאַטער אַספאַלט פון דער לאַנגער גאַס איז אָבער געווען פערזייהט מיט קינדער, מיט מענשען און מאַמעס. און איך האָב דעריבער געמוזט איינהאַלטען מיין לייכטען וועל־לאָסיפּעד. און איך בין געפאָהרען איינגעהאַלטען און האָב געשמייכעלט צו דער גאַס מיט איהרע פיעלע קינדער, און האָב געשמייכעלט פון זיך, פון מיינע פיס און פון מיין וועלאָסיפּעד, וואָס האָבען זיך גערייצט און

געריםען צו פאָהרען שנעלער ווי מען האָט געקאָנט פאָהרען אויף דער גאַס.
נאָר אָט בין איך ארויס אויף דעם ברייטען און פרייען „קאָנקורס“.

דער „קאָנקורס“ — דאָס זיינען דריי ברייטע וועגען וואָס לויפען איינס־נעבען־אנאנדער איבער אַ ברייטען און ווייטען שטח. — דער מיטעלסטער וועג איז פאַר פערד־רייטער, און די זייטיגע צוויי זיינען געפלאַסטערט פאַר אויטאָמאָבילען און וועלאָסיפּעדען.

דריי מאָל ברייט איז דער וועג און ציהט זיך דורך אַ האַלב־ווילדער, ווייניג פערבויטער געגענד. און די ברייטקייט פאַר די אויגען ווערט דורך דעם נאָך ברייטער און ווייטער.

דריי מאָל ברייט איז דער וועג. און דריי מאָל ברייט און ווייט און גרויס צוּוואַקסט זיך אין מיר אַ פערלאַנג, זיך אוועקצוטראָגען מיט איין אָטעם ערגעץ ווייט, אהין אין דער ווייטקייט אריין. האָב איך זיך מיט אמאָל צוגעבויגען צו מיין לייכטען וועלאָסיפּעד און מיט אַ צור דייצטער און ווילדער לײדענשאַפט גענומען מיט מיינע פיס פּרעסען די פּעדאַלען, און איך האָב זיך אוועקגעטראָגען, אזוי אַז די לופט אַרום מיר האָט גענומען רוישען.

האָבען מיר אנדערע וועלאָסיפּעדען־פאָהרער גענומען נאָכטהון, און מיר האָבען זיך אוועקגעטראָגען צווישען די אויטאָמאָבילען אויף דעם דריי מאָל ברייטען וועג, ווי פויגעל, און נאָך פיעל שעהנער און שטאַרקער פון פויגעל. און מיט אונז און פאַר אונז האָבען זיך אין ברייטע און לאַנגע מחנות געטראָגען די גלאַנציגע אויטאָמאָבילען, ווי זיי וואָלטען זיך אונטערגעהויבען פון דער ערד, גרייט אריבערצופליהען איינער דעם צווייטען. און די לופט אַרום אונז און איבער אונז האָט זיך נאָך אַלץ געשפּיעלט מיט טאָג און מיט אָבענד, מיט פריהלינג און מיט ווייטקייט. און דאָרטען, ווייט ארויף, איז צווישען טאָג און אָבענד געבליבען הענגען די זון; אַ רויטע און ברייט־צועפּענטע האָט זי געקוקט אויף דעם גלאַנ־ציגען אַספאַלט און אויף אונז.

דער וועג פאַר אונז האָט דאָ און דאָרטען גענומען שיינען ווי אַ פּור־פּורנער טייך. אונזערע אַלעמענס פּנים'ער און אונזערע הענט זיינען פער־צויגען געוואָרען מיט אַ דינער, שפּילעוודיגער רויטקייט. די פערשיעדענע פאַרבען פון אונזערע אַלעמענס קליידער זיינען מיט אמאָל געוואָרען לעבע־דיגער און רייכער, און אונזערע אַלעמענס אויגען האָבען זיך צושיינט מיט

טאָג און מיט אָבענד, מיט פריהלינג, מיט ווייטקייט און מיט זון. און מיר אַלע, די פאַהרער פון דעם דריי מאָל ברייטען וועג, האָבען געריסען און געטראָגען אונזערע לאַנגע און פארביגע מחנות צו דער זון, צו דער גרויסער און ווייטער זון, וואָס איז געהאַנגען פאַר אונז.

קיין מורא, קיין פלעק פון פערגאַנגענע טעג איז דאַכט זיך דעם גאַנצען טאָג ניט געוועזען אין מיר; עס איז, דאַכט זיך, אין מיר גאַר קיין פּלאַץ דערפאַר ניט געוועזען. טו ווי אַזוי זשע האָב איך אין זיך מיט אַמאָל דערפיהלט אָט די צושראָקענע אונרוהיגקייט? אָט דעם פּיבי־שרעק?...

איז דאָס געוועזען דערפאַר, וואָס איך בין פון מיין האַסטיגען יאָגען זיך מיעד געוואָרען און גענומען פאַהרען לאַנגזאַמער?

צי אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב פאַר זיך מיט אַמאָל דערזעהן ביים ברעג פון וועג דעם גרויסען ווייסען מאָנומענט, וואָס מען האָט אַמאָל מיט שטיינער בעוואָרפען און אָבגעבראָכען דעם קאָפּ און די פינגער ביי איינער פון די שעהנע גראַציעס, וואָס זיצען ארום איהם? — — —

און אפשר איז דאָס טאַקע אָט די צובראָכענע גראַציע, וואָס האָט מיך אָן פּיבי'ן דערמאָנט? — — —

ווער ווייסט?! ווער ווייסט?! — נאָר אַ סך חושים זיינען אין מיר מיט אַמאָל אָפּגעטעמפּט געוואָרען, און ביסלעכווייז האָב איך גענומען ווי גליווערען פון שרעק.

איך האָב גענומען קוקען פאַר זיך בייז און ביטער, ווי זיך ראַנגלענדיג און טרייבענדיג פון זיך עפּעס, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר דערנעהנטערט. באַלד אָבער האָט פאַר מיר אויפגעשיינט אַ געדאַנק, אָן וועלכען איך האָב זיך אָנגעכאַפּט, ווי איינער וואָס טרינקט זיך. און איך האָב גלייך אויסגעדרעהט דעם וועלאָסיפּעד און גענומען לויפען פון דער זון און פון דעם מאָנומענט. און האָב געקוקט פאַר זיך איבער דעם דריי מאָל ברייטען וועג ווי אַ בעפרייטער. — פאַר מיינע אויגען האָט זיך גענומען וועבען דאָס „טעניס"־שפּיעל; די געלע טעניס קוואַדראַטען, די ווייסע געפלאָכטענע נעצען, די לייכט געקליידעטע מענער און פרויען מיט די „רעקעטס" אין זייערע הענד, — ווי שעהן, געשיקט און לייכט זיי זיינען! אָט ציהען זיי זיך מיט'ן „רעקעט" אין האַנד נאָך אַ באַל, וואָס פליהט רעכטס, און אָט לינקס, אָט זיך צוזעצענדיג און צובויגענדיג און אָט גאָר אויפשפּרינגענדיג. אָט מאַכט זיך אין דער לופט פון זייער קערפּער

אזא און אַט אַן אנדער פיגור. און יעדע פיגור מיט'ן „רעקעט“ אין האנד איז פול מיט פליים און ענערגישע בעוועגונג. יאָ, איך האָב ליעב דאָס „טענים“־שפּיעל. און איך אייל און טראָג זיך איצט אויף מיין וועלאָסיפּעד ארויף אהין צו די „טענים“־שפּיעלער וואָס שפּרינגען דאָרט אום אויף די געלע קוואדראַטען וואָס אויפ'ן גרינעם גראָז.

איך בין ארויף אויף א וועג, וואָס ציהט זיך אויף א געוויסער שטרעקע גלייך, און לאָזט זיך נאָכדעם לויפען מיט א זעהר שארפען אראָב־באַרג. אָפענע גראָז פעלדער, בערג, שפּיעלער, קוואדראַטען, בלאַנ־קע, געלע, האָבען מיט א פלוצלונג שרעקעדיגער איילעניש זיך גענומען טראָגען גלייך אויף מיר... איך האָב זיך מיט האסט א יאָג געטהאָן צום שארפען אראָבבאַרג. מיין הארץ און דער וועג אונטער מיר האָבען זיך מיט אמאָל א ריס געטאָהן. אַט—און איך ברעך דעם קאָפּ! מיט אמאָל האָט זיך נאָך דער וועלאָסיפּעד אַן עפּעס אָבגעשלאָגען, האָט א שפּרונג געטהאָן; עס האָט זיך דערהערט א קלונג, ווי עפּעס וואָלט זיך אין איהם צובראָכען, און גלייך דערויף האָב איך דערהערט א צושראָקענעם פרויען־קוויטש; איך האָב אַן איהם גלייך דערקאָנט פּיבי'ס לעצטען פערצווייפעלטען קוויטש, און איך האָב פאר זיך אויך גלייך דערזעהן פּיבי'ן מיט א „רעקעט“ אין איין האנט און מיט א באָל אין דער צווייטער. איהר פּנים איז געוועזן צוקרימט פון פערצווייפעלטען שרעק. דאָס קלייד אויף איהר איז געוועזן ליכטיג וויים, פּונקט ווי דאָס קלייד, אין וועלכען זי איז געוועזן אין יענער לעצטער נאכט. — — — — — —

מיין וועלאָסיפּעד, צו וועלכען איך בין ווי צוגעוואקסען געוואָרען, האָט מיך מיט זיין שווינדלענדיגער שנעלקייט דורכגעטראָגען פארביי איהר, און איז מיט מיר אוועק, ניט פיהלענדיג די ערד אונטער זיך. און ווען דער שארפער און לאַנגער בארג־אראָפּ האָט זיך געענדיגט, האָב איך מיט א צושראָקענעם אימפּעט זיך גענומען טראָגען אָהן אויפהער אלץ האָס־טיגער און ווייטער, ווייל פּיבים געשטאַלט האָט נאָך אלץ געשוועבט פאר מיינע אויגען, און איהר פערצווייפעלטער קוויטש האָט מיר נאָך אלץ נאָכגעהילכט.

## II

פּיבי. נאָך איידער איך האָב זי געקאָנט האָט מען מיך שוין גע־שראָקען מיט איהר.

שפּאַסענדיג האָב איך זיך אַמאָל אין הויז פון דער פאַמיליע באַש אַרויסגערעדט, אַז מיר ווילט זיך אויף שטענדיג בלייבען אַליין, ווייל איך וויל אַז דער וועג פאַר מיר זאָל אויף שטענדיג בלייבען ריין און ברייט און ווייט.

די טאָכטער פון דער פאַמיליע באַש האָט מיר דערויף געענטפערט פערדראָסיג און שמייכלענדיג:

— און מיר דאַכט, אַז אַט די אַלע געדאַנקען אייערע נעהמען זיך ביי אייך פון דעם, וואָס אַט ווי גרויס איהר זיינט, זיינט איהר נאָך פּאָרט אַ קינד... און זיך ווענדענדיג צום פאָטער, מיט וועלכען זי איז געווען אין חבר'שע בעציהונגען, האָט זי געזאָגט:

— דו ווייסט, פּאַפּאַ, וואָס מיר איז איינגעפאַלען? מען וואָלט איהם בעדאַרפט בעקאָנען מיט פּיבי'ן!...

דעם חבר'שען פאָטער איהרען איז דאָס שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער האָט צוגעגעבען:

— גערעכט, טאָכטער! מען דאַרף איהם טאַקע זעהן בעקאָנען מיט פּיבי'ן. יאָ, זי וועט שוין פון איהם מאַכען אַ מענש!

און נאָכדעם פּלעגט מיר, באַלד עפּעס, אויסקומען צו הערען:

— וואַרט, איהר וועט זיך בעקאָנען מיט פּיבי'ן!

און נאָכדעם האָט שוין געטראָפען, אַז מען האָט מיר אין דער פאַ־מיליע באַש אַ פּאָר מאָל פאָרגעוואָרפען פאַר וואָס איך בין ביי זיי ניט געווען יענעם און יענעם אָווענד. איך האָב דאָך צוגעזאָגט צו זיין. — און גראַד דאַן איז ביי זיי געווען פּיבי...

און איינמאָל בין איך געקומען צו די באַשי'ס און געטראָפען אַ גרוי־סען אויטאָמאָביל פאַר'ן אריינגאַנג, און אין הויז — אַ טיפּיש אידישע

מיידעל, מיט שעהנע עטוואָס געקרויזטע שווארצע האָר, אַ ווייס־בלאַסער פּנים, שווארצע ברעמען, און אויגען שעהנע, שעהן־צועפּענטע, נאָר גרויע... איהרע מאַניערען זיינען געווען גרויסשטעדטיש־עלעגאַנטע, ענערגיש־צולאָזענע און דאָך מינוטענווייז עטוואָס פויל און פערבענקט... געפּלוי־דערט האָט זי ווי אַ לוסטיגע שול־מיידעל, און די ווערטער זיינען ארויס־געקומען פון איהר מויל שאַרף, אָפּגעטאַקט און רונדיג־קליין. און צו דעם האָט זי נאָך פון מאָל צו מאָל ארויסגעלאכט מיט אַ לאַנגען רינגען־געלעכ־טער. דער געלעכטער האָט געקלונגען זאַנפטיג־רייך און פארביג, און איהרע גרויסע שטאָל־גרויע אויגען פלעגען זיך דערביי צועפּענען ליכטיג־ברייט און פלעגען זיך פערציהען מיט אַ שטראַהליגער פייכטקייט. איהר געלעכטער פלעגט זי נאָך אָפט בעקרוינען מיט דעם וואָס זי פלעגט אין מיטען לאכען צוטראָגען איינע אָדער איהרעביידע הענט צום הארצען, און עס האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט מיט דעם וועלען איינהאַלטען דעם קוואַל פון איהר לאַכען.

מען האָט מיך פאָרגעשטעלט פאר איהר און מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז פּיבי.

פּיבי האָט מיר מיט אַ שמייכעל דערלאַנגט איהר ווייסע האנט. נאָר איהרע גרויסע, גרויע אויגען האָבען זיך דערביי שאַרף און קאַלט אריינגעגעסען אין מיינע.... — קאַלט און שטאָלץ־צוריקשטויסענדיג איז געווען איהר בליק, כאָטש איהרע ליפּען האָבען צו מיר פריינדליך גע־שמייכעלט... און איך האָב דערפיהלט ווי אַ קעלט איז אריבער מיין לייב.

פּיבי האָט מיט זיך אויך מיטגעבראַכט דריי פריינד. מען האָט מיך אויך פאר זיי פאָרגעשטעלט. די אַלע דריי זיינען געווען קריסטען.

אין אַ צייט ארום, ווען איך בין ווידער געווען ביי די באַש׳ס, האָבען זיך דאָרט אַלע נייגעריג נאָכגעפרעגט, ווי עס געפעלט מיר פּיבי. איך האָב געענטפערט:

— אָ, זי לאַכט זעהר שעהן.

מיין גרינגשעצונג, וואָס איך האָב אויף אַזאַ אופן ארויסגעציינט צו פּיבי׳ן, האָט אַלעמען אין דער פאַמיליע באַש בעליידיגט... און זיי האָבען אויף מיר גענומען קוקען מיט בליקען, פון וועלכע איך האָב זיך גענומען פיהלען נאַריש, און ווען איך בין אוועק פון זיי, האָב איך בעשלאָסען זיי מעהר קיין מאָל ניט בעזוכען.

## III

איינמאָל בין איך שפּעט ביינאַכט אַרויס פון מיין צימער און זיך אויף מיין שטייגער געלאָזט גײן איבער אַן איינגעשטילטער, לאַנגער און ווייטער גאַס. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ שוואַרצע, און די גאַס מיט אירע עלעקטרישע לאָמפּן האָט זיך אין דער נאַכט אויסגעשיינט ווי אַ לאַנגע און ליכטיגע הייל.

איך בין איבער דער גאַס לאַנג געגאַנגען און האָב, דאַכט זיך, אָהן שום געדאַנקען געקוקט פאַר זיך אויף דער ליכטיגער שטילקייט, וואָס האָט זיך פאַר מיר געצויגן ווי אַ לאַנגע און ליכטיגע תפילה...

פּלוצלונג האָב איך פאַר זיך דערהערט אַ שאָס און אַ צושראָקענעם פרויען־קוויטש, און גלייך מיט דעם האָב איך פאַר זיך דערזעהן אַ שוואַרצען אויטאָמאָביל מיט צוויי ליכטיגע רונדע לאַמטערנעס, וואָס האָבען אויף מיר געקוקט מיט זייערע בלענדענדיג געלע ליכט־שטראָמען. אין אויטאָמאָביל איז האַלב אויפגעשפּרונגען געזעסען פּיבי...

אַ פאָדערשטע ראָד האָט אין אויטאָמאָביל געפּלאַצט און פּיבי האָט זיך דערשראָקען.

איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר ווען דער אויטאָמאָביל האָט ווי אַ פערוואונדעטע חיה זיך מיט מאַטערניש גענומען שאַרען צום טראָטואַר, האָב איך וועהמוטהיג געשמייכעלט פון אַ פאַרטיגען געדאַנק: אַז די נאַכט, די שפּעטע, שוואַרצע נאַכט, האָט אַרויפגעזעצט פּיבי׳ן אויף אַ שוואַרצען אויטאָמאָביל און זי אַרויסגעשיקט מיך בעגעגענען אויף אָט דעם לאַנגען און ליכטיגען הייל. און אַז דער שאָפער איז ניט קיין מענש, נאָר אַזא נאַכט־גייסט, וואָס האָט שוין געוואוסט צו מאַכען אַזוי, אַז פּונקט פאַר מיר זאָל אַ ראָד פּלאַצען...

איך בין צוגעגאַנגען צום אויטאָמאָביל. פּיבי האָט מיך אַ ווײלע צושראָקען אָנגעקוקט מיט אירע קאַלטע און צושראָקען־ברייט־צו־עפענטע, גרויע אויגען, נאָר באַלד האָט זי זיך פרעהליך צולאַכט, און

לאַכענדיג מיר אנטקעגען געטראָגען איהר האַנד און זיך אָנהאַלטענדיג מיט איהר האַנד אָן מיינער איז זי לאַכענדיג אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ־מאָביל. דאָס לאַכט זי פון איהר שרעק, וועלכער געפעלט איהר... און פון דעם אונערוואַרטעטען מאָדנעם צופאַל, וואָס האָט אונז צוזאַמענ־געבראַכט; זי האָט דאָך געמיינט, אַז זי וועט שוין אפשר גאָר קיינמאָל מעהר ניט זעהן מיינע ברוינע ברעמען, וועלכע איך לאָז אָפּט אַזוי בייז אַראָפּהענגען פון מיין שאַרפען שטערען. — ביי די באַש'ס האָט מען איהר געזאָגט, אַז איך בין שוין דאָרט זעהר לאַנג ניט געווען, און אַז איך בין, ווייזט אויס, אויף זיי ברוגז. און איצט וועל איך זי דאָך געוויס בעגלייטען אהיים. ניט אמת? זי וואוינט דאָ ניט ווייט. און — כאָ, כאָ, כאָ — — — ביי די באַש'ס האָט מען איהר געזאָגט, אַז איך האָב פיינד גוים, און אַז דאָס וואָס איך האָב זי דאָרט געטראָפען מיט דריי קריסטען קען פאַר מיר זיין געווּנג, ניט צו האַלטען פון איהר. אָבער דאָס איז דאָך ניט גוט פון מיר, ניט טאָלעראַנט. איך דאַרף דאָך ניט פערגעסען, אַז מיר זיינען דאָך אַמעריקאַנער, פרייע אַמעריקאַנער בירגער, מיטגליעדער פון דער גרויסער און פרייער אַמעריקאַנער נאַציאָן.

פון איהר לאַכען, פון איהר האַלטען זיך און פון דעם בעלעהרענדיגען טאָן, מיט וועלכען זי האָט צו מיר גערעדט, האָב איך קלאָר פערשטאַנען, אַז די טאָכטער פון דער פאַמיליע באַש האָט איהר געוויס געזאָגט אַז איך בין אַ קינד...

פון וואַנען פאַהרט זי עס אַזוי שפּעט, האָט זי ניט געפונען פאַר נויטיג מיר צו דערצעהלען, און איך האָב געטראַכט — זאָל זיין אַז זי קומט דאָס טאַקע פון דער נאַכט.

ווי אַזוי אַ אידישע מיידעל לאָזט זיך דאָס פאָהרען אַזוי שפּעט ביינאַכט אַליין, דאָס האָב איך ביי איהר ניט געפרעגט. זי אָבער האָט ביי מיר יאָ געפרעגט, פאַר וואָס איך שפּאַציר מיר אַרום אַליין אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? און זי האָט לייכט געלאַכט פון מיר:

— אָ, דאָס איז דאָך ווייל איצט וועבט איהר געוויס אייער גרויסען געדאַנק, אַז אַלץ פאַר אייך זאָל אויף שטענדיג פערבלייבען „ריין“ און „ברייט“ און „ווייט“ — — — גליקליך קינד!...

„גליקליך קינד“ — האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכטער. דער קלאַנג

פון איהר שטימע האָט אָבער דערביי אָפּגעהילכט אינ׳ם עלעקטרישען שיין פון דער לאַנגער גאַס ווי א טיעפער זיפץ...

פיבי, מיט וועלכער מען האָט מיך געשראָקען; פיבי, וועלכע פערמאָגט אזא קיימעלדיגען און שטראַהלענדיגען געלעכטער, האָט איצט געבען מיר א זיפץ געטהון — — — און דער אויסזעהן איהרער, און דער בליק פון איהרע ברייט־צועפענטע גרויע אויגען מיט די קויהל־שווארצע ברעמען האָבען זיך ביי איהר נאָכדעם גלייך געביטען אויף טיעפער און ערנסטער. איהר האַלטונג איז געוואָרען נאָך שטאָלצער, אָבער אויך אמת׳ער און רוהיגער. און נאָך א לענגערען שווייגען און קוקען פאַר זיך, האָט זי גאָר אונערוואַרטעט גענומען רעדען כמעט ווי צו זיך, אז אידען זיינען נאָך אַלעמען פאָרט אינטערעסאַנטער. די גוים, דאכט זיך איהר שטענדיג, פערמאָגען אין זיך אזא מין סאָרט „ווילד־פלייש“, וואָס קיין ציוויליזאציאָן און קיין רעליגיאָן וועט דאָס פון זיי ניט אויסהיילען... די אידען, אָבער, האָבען אין זיך עפּעס אַזוינס וואָס איז אייביג. אפשר איז דאָס דער געפיהל פאַר אייביגקייט — — — — — קאָנסט פון עפּעס מיט זיי רעדען, זאָגען, קוקען אין זייערע אויגען — — — איהר ווייסט, אידען זיינען דאָך אפשר דאָס אינטערעסאַנטסטע פאָלק אין דער וועלט!

מיר האָבען די ווערטער איהרע געקלונגען מגושם׳דיג. איך האָב א קנייטש געטהון מיט די אַקסלען:

— גאָט איז מיט אייך, פיבי! איהר רעדט עפּעס גאָר ווי א „גוטע“ גויע!...

פיבי האָט זיך אויף מיינע ווערטער אויפגעכאַפּט ווי פון פערגעסענהייט, און מיך אָנגעקוקט א בלאַסע... איך האָב זיך פערלאָרען, ניט וויסענדיג וואָס דאָס בעדייט, און זי האָט מיט א מאָל מיר גלייך און שארף א קוק געטהון אין די אויגען אריין און געזאָגט:

— אַט ווי איהר זעהט, בין איך גאָר ניט אזא שלעכטע. — — —

איך האָב פון דעם א ציטער געטהון, ניט וויסענדיג פאַר וואָס און פאַר ווען. — — —

ביים געזעגענען זיך האָב איך פיבי׳ן צוגעזאָגט א מאָל ארויפקומען צו איהר. איך האָב דאָס איהר צוגעזאָגט, כאָטש איך האָב געוואוסט, אז איך וועל דאָס ניט טהון.

# IV

איינמאָל, ווען איך האָב זיך אויף מיין וועלאָסיפּעד ארומגעיאָגט איבער גאַסען, פּאַרקס און וועגען, האָב איך זיך אָנגעטראָגען אויף אַן אָפּענעם גרינעם פעלד, וואָס האָט געבלאַנקט מיט געלע „טענים"־קוואַדראַטען און מיט אומלויפענדיגע „טענים"־שפּיעלער. איך בין אראָב פון מיין וועלאָסיפּעד און זיך געשטעלט קוקען אויפ'ן שפּיעל. און צווישען די שפּיעלער אויף איינעם פון די דאָזיגע „טענים"־קוואַדראַטען האָב איך דערזעהן פּיבי'ן. מיט א שלאַנגישער פלינקייט און בויגינקייט האָט זי נאָכגעקוקט דעם באַל און איהם געשיקט געקלאַפּט צוריק אַט פון רעכטס און אַט פון לינקס. אַט איז זי מיט קליינע פרויען־טריט און כמעט זיצענדיג געלאָפען אַנטקעגען א באַל וואָס איז צו איהר געפלויגען קורץ און ניעדריג, און אַט האָט זי גענומען אַן אויסגעצויגענע שפּרינגען אויף צוריק, האַלטענדיג דעם רעקעט אויפגעהויבען הויך איבערע איהר קאָפּ און איז אין דער ריכטיגער מינוט אונטערגעשפּרונגען אין דער לופטען אויף צו קלאַפּען א הויך און ווייט־פליהענדיגען באַל. אַט איז אָבער דער באַל צו איהר א פליה געטהון צו הויך און איז אין גאַנצען ארויס פון „טענים"־קוואַדראַט. זי האָט זיך אויסגעדרעהט אויף צו לויפען נאָכ'ן באַל און האָט מיך דערזעהן. זי איז גלייך צוגעקומען צו מיר א פערפלאַמטע מיט'ן רעקעט אין האַנד: — עס פרעהט זי, עס פרעהט זי זעהר וואָס זי זעהט מיך. און מיך? — יאָ, מיך פרעהט דאָס אויך, מיך פרעהט דאָס טאַקע מיט אַן אמת. — — — און איך מוז איהר זאָגען, אַז זי שפּיעלט זעהר גוט טענים. — דאָס אָבער ווייסט זי אליין. נאָר זי האָט געהערט, אַז איך בין א זעהר ליידענשאַפטליכער וועלאָסיפּעד־פאָהרער, זאָגט זי, און לעגט דערביי ארויף איהר האַנד אויף מיין וועלאָסיפּעד, ווי א קינד אויף א שפּיעלכעל, און אויך ווי א סימן פון גאָר נאָהענטער פריינדשאַפט. און איהר ווילט זיך זעהר אויסלערנען פאָהרען אויף א וועלאָסיפּעד; זי וואָלט זעהר וועלען דאָס קענען. נו, געוויס וועל איך איהר

דאָך פון דעם ניט אָפּזאָגען, — יאָ, געוויס ניט. אָט טאַקע נאָך היינט אָבענד. און זי צולאַכט זיך, — ווייל אַז ניט, קען איך נאָך פערגעסען און ניט קומען... און דערצו איז ביי איהר אין הויז היינט גראָד דאָ אַ פרויען־וועלאָסיפעד, וואָס איהרע אַ פריינדין האָט ביי איהר ניט לאַנג צוריק איבערגעלאָזט.

אין אבענד בין איך אין דער בעשטימטער צייט צוגעפאָהרען צו איהר הויז אויף מיין וועלאָסיפעד. איהר וועלאָסיפעד איז שוין גע־שטאַנען אין דרויסען אָנגעשפּארט אָן זייט פון די טרעפּ. ווי נאָר איך בין אראָפּ פון מיין וועלאָסיפעד־זאָטעל, איז זי גלייך ארויס צו מיר. ביים טענים־שפּיעל איז זי געווען אין ווייסען, און איצט איז זי געווען איבערגעטהון אין אַ טונקעל־ברוין קלייד. אַ וואַרימע ליבטיגקייט האָט זיך געטראָגען פון איהר פּנים, פון איהר שמייכעל און פון די בעזונדערע צופריעדענע בויגונגען, וואָס מאַכען עלאַסטישער, אָפּגערונדערטער און שלאַנקער דעם קערפּער פון אַ פרוי דאַן ווען זי פיהלט זיך צו שטיפען ווי אַ „בייבי". זי האָט מיר געגעבען איהר שעהנע האַנד און מיך לאַבענדיג געפרעגט, צי דענק איך ניט, אַז פאַר איהר וואָלט געווען פיעל קליגער ניט צו נעהמען איהרע ערשטע לעקציעס אויף דער גאַס?

איך האָב צוגעגעבען, אַז פאַלען איז טאַקע בעסער אויף אַ גאַס וואָס איז פרעמד... זי האָט זיך פון דעם הילכיג צולאַכט, — וואָס איך רעכען, אַז זי וועט פאַלען?!

איך האָב געקוקט אויף איהר — ווי שעהן זי איז אַ לאַבעדיגע, אין'ם טונקעל ברוינעם קלייד מיט דער ווייסער, ליכטיגער האַנד ביים האַרצען, און געזאָגט:

— און אַז מען פאַלט צוקלאַפּט מען זיך, און עס טהוט וועה...

— געהט, איהר מיינט דאָס ניט! — האָט זי געזאָגט און גענומען איהר וועלאָסיפעד.

— אָלרייט, איהר'ט שוין זעהן! — האָב איך געסטראַשעט.

מיר זיינען ארויס אויף אַ שטילער גאַס. איך האָב אוועקגעלעגט מיין וועלאָסיפעד אָן אַ זייט, גענומען איהרען, און זיך געשטעלט ער־קלעהרען וואָס און ווי אַזוי זי זאָל טהון. און אַז דער בעסטער מיטעל ניט צו פאַלען, איז ניט מורא האָבען פאַר'ן פאַלען, ניט אין זינען האָבען,

ניט טראַכטען פון דעם. און נאָכדעם האָב איך זי אַרויפגעזעצט אויפ׳ן וועלאָסיפּעד און איהר אָנגעזאָגט:

— איך וועל די ערשטע צייט האַלטען און פיהרען דעם וועלאָסיפּעד. זי אָבער זאָל זיך האַלטען פריי, זאָל זיך אָן מיר ניט אָנלעהנען.

אָבער ווי נאָר די רעדער פון וועלאָסיפּעד האָבען זיך גענומען דרעהען, האָט זי גלייך צושראָקען אַ געשריי געטהון און מיך אַרומגעכאַפּט מיט איהרע הענט.

פּיבי׳ס הענט זיינען געווען גוט און לאַנג. און איהר ברוסט, צו וועלכער מיין קאָפּ איז צוגעפאַלען, האָט מיט אַ ווייכען און וואַרימען ציטער אָנגעריהרט מיין פּנים און איך האָב דערהערט דעם ריח פון איהר לייב.

איך האָב זי אַראָפּגעשטעלט און זיך גענומען בייזערען אויף איהר, פאַר וואָס זי פאָלגט ניט וואָס איך האָב איהר אָנגעזאָגט. איך האָב איהר נאָך אַמאָל גענומען ערקלעהרען, ווי, און ווי אַזוי, אָבער וויפיעל מאָל איך האָב זי נאָר אַרויפגעזעצט אויפ׳ן וועלאָסיפּעד, איז זי אַלץ ווידער אַרויפגעפאַלען צו מיר אויפ׳ן האַלז, אָדער אַריינגעפאַלען צו מיר אין די הענט, און דערביי האָט זיך פון מאָל צו מאָל אָנגעריהרט די הויט פון איהר פּנים אָן מיין פּנים.

איך האָב זיך גע׳כעס׳ט און געערגערט.

פּלוצלונג אָבער האָט זיך פּיבי מיט׳ן וועלאָסיפּעד אַרויסגעריסען פון מיינע הענט, און זיך אַוועקגעטראָגען מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז איך בין פערציטערט געוואָרען. — — —

איך האָב גענומען נאָכלויפען, נאָכשרייען — אָבער וואו?! — — —

דער וועלאָסיפּעד מיט פּיבי׳ן האָט זיך געטראָגען אַזוי, אַז איך האָב גענומען גליווערען פון שרעק.

עס טרעפט אָפט, אַז אַן אָנפאַנגער רייסט זיך אָפּ און לויפט. אַזוי ווי אָבער קערעווען אָדער אָפּשטעלען זיך קאָנען זיי ניט, לויפען זיי אַזוי לאַנג ביז זיי שלאָגען זיך אָן עפּעס אָפּ און פאַלען... און ווי אַז זי וועט זיך אָנטראָגען ביז וויים אַרויף, וואו די גאַס ווערט צוויי מאָל איבער־געשניטען פון רעלסען?! גאָט מיינער! איך האָב זיך אַ לאָז געטהון צו מיין וועלאָסיפּעד, זיך אַרויפגעכאַפּט אויף איהם און זיך גענומען יאָגען וואָס נאָר כח... מיט אַ מאָל אָבער איז מיר געוואָרען קאַלט און היים —

איך האָב דערהערט דעם שווערען אייזערנעם טומעל פון אַ שנעל־פליהענ־דיגער קאַר, און איך האָב באַלד פאַר זיך דערזעהן פּיבי'ן און די העל־בעלויכטענע קאַר, וואָס האָט זיך אַ טראָג געטהון גלייך אויף איהר — — — — אַ ליכטיגקייט האָט ווי אַ בלישטשענדיגע כוואַליע מיר אַ שלאָג געטהון אין די אויגען אַריין און נאָך דעם איז אַלץ געוואָרען שוואַרץ און פינסטער... — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין געקומען צו זיך, איז שוין די קאַר ניט געווען, און עס איז שוין אויך קיינער און גאָר ניט געווען... איך בין געשטאַנען אליין נעבען מיין יועלאָסיפּעד און די גאַס האָט זיך פאַר מיר געצויגען לאַנג און ווייט. אַ פערשטראַהלטע פון דעם ווייסען שיין פון די עלעקטרישע לאָמפּען, האָט זיך די גאַס געצויגען דורך דער נאַכט ווי אַ לאַנגע, ווייסע הייל... איך האָב זיך מיט מיינע אויגען איינגעגעסען אין דער לאַנגער ווייט, און האָב דאָרט פאַר זיך דערזעהן פּיבי'ן פאָהרענדיג אויף איהר וועלאָסיפּעד! — — — זי איז איצט געפאָהרען צו מיר, זיך אפילו ניט אָנהאַלטענדיג אָן רודער... און ווען זי איז אָנגעקומען נעהנטער און האָט מיך דערזעהן שטעהן אַזוי ווי אַן אַריינגעגראָבענעם, האָט זי מיט איין האַנד אָנגעכאַפּט דעם רודער און די צווייטע צוגעטראָגען צום ברוסט, און האָט זיך הויך און הילכיג צולאַכט. — — — זי האָט געלאַכט און האָט זיך דערביי געהאַלטען אויפ'ן וועלאָסיפּעד ווי אַ גוט־געניטע פאָה־רערקע. און די ליכטיגע עלעקטרישע לאָמפּען האָבען געוואָרפען דעם שאָטען פון וועלאָסיפּעד, און פון איהר, אָט אויף רעכטס, אָט אויף לינקס...

זי איז צוגעקומען ביז צו מיר און איז ריהרעוודיג און שעהן בויגענדיג איהר קערפּער אויסגעפאָהרען אַ ראָד אַרום מיר און איז לאַכענדיג ווידער אַוועק פון מיר — דאָס האָט זי געלאַכט פון מיר, וואָס איך האָב זיך געלאָזט איינרעדען, אַז זי קאָן ניט פאָהרען, און וואָס איך האָב זי מיט אַזאַ נאַאיווען ערנסט געלערענט ווי צו פאָהרען. — — —

פּיבי פלעגט שטענדיג הנאה האָבען פון איהר אייגענעם געלעכטער, און בעזונדערס גרויס איז איהר הנאה געווען, ווען זי האָט געפיהלט, אַז עס איז טאַקע דאָ פון וואָס צו לאַכען.

איך האָב זיך אַרויפגעזעצט אויף מיין וועלאָסיפּעד און האָב זי

אַנגעיאָגט. זי האָט פאַהרענדיג ארויסגעשטרעקט צו מיר איהר לינקע האנד. איך האָב זי אָנגענומען מיט מיין רעכטער. זי האָט געפרעגט:

— איהר פערגיט דאָך מיר?

איך האָב א דריק געטהון איהר האנד און געזאָגט:

— ס'אַרא גוטע האנד איהר האָט.

ביי די באַש'ס האָט מען איהר געזאָגט, אז איך בין א קינד. איז איהר דעריבער איינגעפאַלען אָט דער שפּאַס.

און מיר זיינען אזוי אוועקגעפאָהרען, זיך האַלטענדיג פאַר די הענט און שמועסענדיג און זעהענדיג אונזערע שאָטענס פון רעכטס און פון לינקס און פאַר זיך.—און די גאַס האָט זיך פאַר אונז געצויגען ציטערדיג, שטיל און ליכטיג ווייט. — און אָט נעמט פיבי רעדען און זאָגט:

— איהר זייט אַ ענערגישער און ליידענשאַפטליכער.

איך ציטער אויף — — — אין איהר האנד איז גוט און וואַרעם. און זי זאָגט:

— נאָר עס איז, ווייזט אויס, אמת וואָס דער אַלטער באַש זאָגט וועגען אייך, אז איהר בעזיצט די ספּעציעלע אידישע פעהיגקייט צו קאָנטראָלירען אייער אייגענע ענערגיע און ליידענשאַפט.

איך האָב זיך דערפיהלט אונבעקוועם, האָב אָפּגעלאָזט איהר האנד און געזאָגט:

— לאָמיר פאָהרען שנעלער.

זי אָבער האָט זיך אָנגערופען לאַכענדיג:

— ניין, ריכטיג, איך מיין דאָס ערנסט, — איהר מיינט, אז איהר וועט טאָקע שטענדיג זיעגען?

האָב איך זיך שוין צולאַכט און געפרעגט:

— איבער וועמען? איבער ווייבער? — — —

האָט זי אַ קוק געטהון אויף מיר און געזאָגט:

— יאָ.

און איך האָב געענטפערט:

— יאָ.

און אין א ווייל ארום האָט זי זיך אָנגערופען:

— ניט ווייט פון דאַנען איז דער פּאַרק! — — — — —

— יאָ, — האָב איך געענטפערט. — איהר ווילט אין פּאַרק?

און זי האָט געזאָגט:

— איך וויל צום פאַנטאַן, איך וויל אַ טרונק.

מיר זיינען אריין אין פּאַרק. ביים ערשטען פאַנטאַן, וואָס איז אונז אַנטקעגען געקומען, זיינען מיר אַראָפּ פון די וועלאָסיפּעדען, זיי אָנגע־שפּאַרט אָן אַ בוים. זי האָט געטרונקען, איך אויך. נאָכדעם איז זי געבליבען שטעהן פאַר מיר, מיך איבער עפּעס כמעט ביז אויסגעמאָסטען מיט די אויגען. — — — איך האָב זיך ווידער דערפיהלט אונבעקוועם. באַלד אָבער איז זי עטוואָס ווייכער געוואָרען, איז צו מיר צו און מיט אַ מאָל פערוואָרפען איהרע הענט ארום מיין האַלז, און מיך אַ קוש געטהון.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אונזער פאָהרען צוריק איז געווען אַ שווייגענדיגער. און ווען איך בין געקומען צו מיר אין צימער, האָב איך אָנגעצונדען מיין גאז־לאָמפּ, זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, געעפענט אַ בוך און געלייענט:

„איך בין אונטערוואָרפען אַלערליי ליידענשאַפטען, דערפאַר וויל זיי זיינען אַלע אין מיר, נאָר איך האַלט זיי ווי ווילדע חיות אין שטייגען און צוגעבונדען, נאָר איך הער פון מאָל צו מאָל זייער רעווען. איך האָב שוין אין זיך דערשטיקט ניט איין ליעבע, וואָס האָט זיך אין מיר פער־נומען: פאַר וואָס? — וואָרים מיט מיין טיעפסטען בעוואוסטזיין האָב איך שטענדיג געפיהלט, אַז זי איז נאָך קורצער פון מיין אייגען לעבען.“

אויף מאָרגען האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און דערהערט, אַז איך טראַכט פון פּיבי'ן. אַז אין מיר שרייט עס: פּיבי, פּיבי, פּיבי! און מיין הארץ ווארעמט זיך דערביי, און דאָס בלוט מיינס ווארעמט זיך, און מיין לייב פיהלט אויף זיך אַ קינדישע ווארעמקייט. איך האָב געטראַכט:

פּיבי איז נעכטען איבערגעפאָהרען געוואָרען פון אַ קאַר — — —

ניין, פּיבי איז נעכטען ניט איבערגעפאָהרען געוואָרען פון אַ קאַר. עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט? — — —

און איך האָב געלאַכט:

וואָס האָט זיך מיר גע'חלום'ט? אַז פּיבי איז איבערגעפאָהרען גע־וואָרען, צי, אַז זי איז צוריקגעקומען? — — —

יאָ, איך דאַרף דאָך היינט זיין ביי איהר. — — — ניין, איך וועל היינט ניט זיין ביי איהר.

איך האָב דאָס איהר אָבער צוגעזאָגט!

האָב איך איהר ניט געזאָלט צוזאָגען.

און איך האָב געטראַכט:

שוין אַ לאַנגע צייט ווי איך בּיינק נאָך ברייטע און שטאַרקע בּעוועגונגען — — — יאָ, מיר בּיינקט זיך טאַקע נאָך ברייטע און שטאַרקע בּעוועגונגען.

און עס איז בּיי מיר געבּליבּען:

נאָך היינט דאַרף איך זיך זעהן מיט מיין בּעקאַנטען, וואָס איז אָנגעשטעלט אין דער אידישער פילאַנטראָפּישער פאַרם־געזעלשאַפט, ער זאָל מיר אָנווייזען אַ פאַרם, וואוהין איך זאָל קאָנען אָנקומען אַלס פאַרם־אַרבּייטער, ווייל מיינע בּיינער בּענקען נאָך שווערער, וואָגיגער אַרבּייט.

איך בּין אַרויס פון בּעט, זיך אָנגעטהון, זיך גענומען איינוואַשען. וואַשענדיג האָב איך מיט אַ פּלוצלינגען שטוינען דערפיהלט, אַז דער קוש וואָס פּיבּי האָט מיר נעכטען געגעבּען, וואַשט זיך ניט אָפּ, נאָר וואַשט זיך אײנ'ם פרישען וואַסער אינאיינעם מיט מיין פּנים, מיט די ליפּען. — — — איך האָב אויפגעהויבּען די אויגען צום שפּיעגעל וואָס פאַר מיר און דערזעהן די רויטע ליפּען מיינע. די ליפּען האָבּען זיך אַ צופריעדענעם קנייטש געטהון, און די אויגען האָבּען דערויף אַ צושמייכעלטען שטראַהל געטהון. מיט אַמאָל אָבּער זיינען מיר די אויגען פינסטער געוואָרען, איך האָב זיך גלייך אָפּגעקעהרט פון שפּיגעל. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר בּיטער אַ וויעג געטהון, ווי עס וואָלט זיך אָן עפּעס שטעכיגעס אָנגעשלאָגען:

— מיט די אייגענע ליפּען האָט זי געוויס אויך געקושט אַן אַנדערען, אפשר איינעם פון יענע גוים!...

גאָט מיינער, ווי ניט גוט מיר ווערט בּיי דעם געדאַנק, אַז אַ אידישע מיידעל קען אַמאָל קושען אַ גוי!

## V

מיין פריינד, אין דער אידישער פארם־געזעלשאפט, האָט זיך זעהר גוט איינגעאייגענט מיט די אסימילאַטאָרישע אידעען פון די פילאנט־ראָפען פון דער געזעלשאפט. — ער האָט מיך גלייך גענומען צורעדען, אז אָננעהמען א שטעלע זאָל איך נאָר ביי א קריסטליכען פארמער, ווייל איך אלס אינטעליגענטער מענש דאַרף אליין פערשטעהן אז ביי א קריסט איז פיעל בעסער צו ארבייטען — — — א איד, דאַרף איך פערשטעהן, איז א ביסעל צו קלוג; א איד וויל מען זאָל פאר איהם ארבייטען אומזיסט. און היינט ביי א קריסטליכען פארמער בין איך כאָטש זיכער מיט א זונטאָגדיגען רוה־טאָג, און ביי א אידען וועל איך ניט האָבען ניט קיין שבת און ניט קיין זונטאָג. און דערצו, איז צו א קריסט, אויב איך וויל, האָט ער פאר מיר שוין א גוטע שטעלע — אפילו גלייך פאָהרען; אויב אָבער איך וויל דורכאוים צו א אידען, וועל איך מוזען ווארטען עטליכע טעג.

איך האָב בעשלאָסען, אז זאָל זיין א קריסט, אבי שוין פאָהרען. און דערצו נאָך האָט מיך א רייץ געטהון א ליידענשאפט, זיך אין דעם פאַל איבערגעבען אין די הענד פון אָט די נייע ערלייזער אונזערע.

אויף מאָרגען נאָך האלבען טאָג בין איך שוין געווען ווייט פון ניו יאָרק און פון פיבי'ן, ערגעץ אויף א פארם צווישען די „ווייסע בערג“ פון דעם שטאאט ווערמאָנט, נאָהענט פון דעם שטילען קאָנעקטיקוט־טייך, וואָס האָט פאר זיך געמאכט פלאַץ צווישען די בערג פון ניי־העמפשייר און ווערמאָנט.

# VI

די ווייסע בערג! די בערג פון ווערמאָנט און ניו־העמפּשייר! גאָט מיינער! איך חלום דאָך נאָך ביז אויף היינט, אז עמיצער, א ווייסער, א ליכטיגער, האָט זיך דאָרט אמאָל בעוויעזען, דעמאָלט ווען די ערד איז נאָך געווען רויה און וויסט און ווילד, און די וויסטע ערד איז פער׳כשופ׳ט געוואָרען פון זיין גרויסער און ליכטיגער ווייסקייט, האָט גענומען בליהען און וואַקסען, און מיט פרייד און מיט שרעק האָבען נאָכדעם בעגראָזטע און בעווילדערטע מיילען און מיילען גענומען לויפען און שפּרינגען אין האַרבעס און קנייטשען איינס נאָכ׳ן אנדערען, איינס אויפ׳ן אנדערען, און גענומען קוקען ארום זיך און זוכען. — זיי האָבען איהם, דעם ווייסען, שוין ניט געפונען, אָבער נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג שטעהען אויפ־געשפּרונגענע אָט די צעהנדליגע און הונדערטע בעגראָזטע און בעוויל־דערטע מיילען, קוקען פאר זיך געהאָרבעט און געקנייטשט, געשפּיצט און געבויגען, קוקען פערציטערטע פון פרייד און שרעק און מיינען נאָך אַלץ צו דערזעהן איהם, דעם ווייסען.

און ווען מען זאָל ניט אויפהויבען די אויגען, און אין וועלכער זייט מען זאָל ניט קוקען פון דעם פּלאַץ, וואו עס געפינט זיך א׳נעלסאָן׳ס פארם, וואוהין איך בין אָנגעקומען ארבייטען, זעהט מען פאר זיך בלויז בערג, דורכאוים בערג און בערג, מיט פערשיעדענערליי פּלאַכען און שפּיצען און קנייטשען.

דער מיסטער א׳נעלסאָן, א גוי, א בעל־גוף, מיט א ראָזליכען קאָליר אין די פעטע באַקען, מיט גלייכע אראָפּגעהאַנגענע גרויע וואָנצען, וואָס זיינען ווייזט אוים נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק געווען געל, האָט מיך בעגע־גענט זיצענדיג אויף א טרעפּ פון דער ווערענדע פון זיין ווייס־געפארבטער הויז.

ער איז געווען אָנגעטהון מיט פּשוט׳ע שיך און הויזען מעשה פארם־ארבייטער, מיט א גוטער ווייסער העמד, מעשה פריץ, און מיט אן אָפּגע־

טראגנעם, ערטערווייז צוריסענעם שטרוי־הוט אויפ'ן קאפ. ער האט מיך בעגריסט, צוגענומען די אנווייזונג פון דער געזעלשאפט, מיך געפרעגט ביי וואס איך האב ביז איצט געארבייט, און צי איך האב שוין ווען גע־טהון פארם־ארבייט, און צי איך וויים זיינע בעדינגונגען. און עס געפעלט איהם, וואס איך, א איד, רעד אזא גוטען ענגליש. און עס געפעלט איהם זעהר וואס אידען האבען זיך גענומען צו ערד־ארבייט. און אט די געזעל־שאפט, וואס וויל דערנעהנטערען „איזראעלען" צוריק צו גאט'ס ערד, טהוט דערמיט א זעהר גוטע זאך. יא, דאס איז א זעהר גוטע אידעע. מיר וועט ביי איהם זיין גוט. איך דארף נאר ניט זאגען קיין ליגענס — — — עס איז אלעמאל בעסער צו זאגען דעם אמת — — — טרעפט זיך עפעס, קומט עפעס פאר, אזוי צי אזוי, זאל איך בעסער זאגען דעם אמת — — — אבער דאך מיינט ער פון דעסטוועגען, אז אידען זיינען פעהיגע מענשען — זיי האבען געגעבען די ביבעל — — — יא, שלאפען אבער וועל איך מוזען אין שטאל, אויפ'ן בוידעם — — — ווייל אין הויז איז מעהר קיין פלאץ ניטא. — אבער דארט, אויפ'ן בוידעם, איז נאר ניט אזוי שלעכט; פאראן דארט אזא אפצאמונג, וואס זעהט אויס ווי א בעזונדער צימער, און א בעט שטעהט דארט. און אט איז וויליאמס — היר וויליאמס! קום אהער! — האט ער אויסגעשריען צו א פערשטויבטען ארבייטער, וואס איז נאר וואס געקומען פון פעלד מיט די פערד געשפאנט אין גראב־מאשין — זאל מעקס אויסשפאנען!

דער פערשטויבטער וויליאמס האט גלייך גענומען נעהן צו אונז א צופריעדענער פון דעם וואס ער האט פערשטאנען, אז איך בין דאס דער נייער ארבייטער, אויף וועמען זיי האבען געווארט. ער האט מיך איבער־גענומען פון דעם מיסטער א'נעלסאן, און מיך געפיהרט אין שטאל אוועק־צולעגען מיינע זאכען און מיר ווייזען מיין ארט.

## VII.

אויפ'ן בוידעם איז אויף אַן אָפּגעצאַמטען פּלאַץ געשטאַנען אַן אַלטע בעט מיט צופוילטע טעפּיכען, אַלס אונטערבעטעכץ, און אַן אָנגעשטאָפּטען זאַק מיט שטרוי פאַר צוקאָפּענס. די בעט איז געווען צוטריקענט און צופּאָהרען. און איך און וויליאַמס האָבען זיך גלייך גענומען זי איבער־בינדען מיט שטריק.

וויליאַמס האָט מיר דערביי גענומען דערצעהלען, אַז ער פּרעהט זיך זעהר מיט דעם וואָס איך בין געקומען — זיי זענען איצט בלויז פיער אַרבייטער, און דאַרפען וואָלט מען כאָטש נאָך פיער, ווייל אויסער דעם גרויסען שטח ערד וואָס עס איז דאָ צו בעאַרבייטען, איז נאָך דאָ איבער פופציג קיה און נאָך אַמאָל אַזוי פיעל קעלבער און קעלבלעך. נאָר דער מיסטער אָ'נעלסאָן, מוז ער מיר זאָגען דעם אמת, האָט געקראָגען אַזא נאָמען אין די „עמפּלאָימענט"־ביוראָס, אַז זיי ווילען מיט איהם מעהר קיין עסקים ניט האָבען, און די אַרבייטער וואָס ער קריגט שוין יאָ, האַלטען זיך ניט לאַנג. אָט פון לעצטען הערבסט אָן איז ער, וויליאַמס, דער איינציגער אַרבייטער, וואָס איז דאָ אויסגעווען אַ גאַנצען מאָנאַט און איז נאָך פערבליבען אויף אַ צווייטען. און מען קאָן צו די אַרבייטער גאָר ניט האָבען, ווייל דער מיסטער אָ'נעלסאָן איז — — —

דאָ אָבער האָט זיך וויליאַמס מיט אַמאָל דערשראָקען און זיך גע־נומען פערדעכטיג אַרומקוקען — ער האָט דערהערט טריט... אָבער דאָס איז געווען ניט מעהר ווי מעקס, אַ יונגער, לאַכענדיגער שייגעץ, נאָך כמעט אַ סקוהל־באָי. ער איז אַרויף אַראָפּצואוואַרפען היי פון בוידעם און דערוויייל געוואָלט מיך אָנקוקען.

— וואָס ווילסטו דאָ האָבען? — האָט וויליאַמס אויף איהם אויס־געשריען און אויסגעשפּיגען כמעט גלייך אויף איהם.

מעקס' שמייכעל אָבער האָט זיך פון דעם ניט געענדערט — ער איז געבליבען שטעהן מיט דער האַנד אָן דעם הילצערנעם היי־גאָפּעל, וואָס

איז געווען פיעל העכער פון איהם. און שמייכלענדיג געקוקט אויף דעם צו'כעס'טען וויליאמסען און אויף דער סקריפּענדיגער בעט וואָס מיר האָבען געבונדען און געפרעגט:

— אַט אַ דאָ וועט ער טאַקע שלאָפען? — — —

— ניט דיין עסק! געה אַוועק, דו גאַרנישט! — האָט זיך וויליאם אלץ געכעס'ט.

מעקס אָבער האָט ניט אויפגעהערט שמייכלען, און נאָך געמאַכט אַ בעוועגונג אונז אַרויסצוהעלפען אין דער ארבייט.

וויליאמס האָט איהם בייז אָפּגעשטופּט:

— געה, טהו דיין ארבייט! קיינער בעט דיך דאָ נישט!

ווען מעקס איז אוועקגעגאַנגען, האָט מיר וויליאמס געזאָגט, אַז מיסטער אָ'נעלסאָן האָט איהם נאָך נעכטען געהייסען צורעכט מאַכען דאָס בעט פאַר דעם אידען, וואָס קומט אַהער ארבייטען. נאָר אַזוי ווי די מאַדאַם אָ'נעלסאָן איז דערביי אויך געווען, און ער, וויליאמס, האָט בעמערקט אַז זי איז פון דעם ניט צופריעדען — ביי יעזוס! די מאַדאַם אָ'נעלסאָן איז אַ גוטע פרוי! — זי האָט זיך אַ ברוגז'ע אויפגעהויבען און אוועקגעגאַנגען... און דערפאַר האָט ער, וויליאמס, זיך ניט געאיילט, ווייל ער אליין וואָלט אויך וועלען, מען זאָל פאַר מיר בעסער מאַכען אַ פּלאַץ אין הויז, ווייל ער ווייסט דאָך אַז אַן ארבייטער קען אמאָל פאַר אַזעלכע זאַכען ברוגז ווערען, און דעם ארבייטער דאַרף מען איצט זעהר נויטיג. און וואָס איז דען דער אונטערשיעד — אַ איד צי אַ קריסט? — — — — ביי יעזוס! אַלע מענשען זיינען גלייך — וואָס איז, די אידען גלויבען דען ניט אין גאָט?

ביי דער ארבייט איז ביי מיר אַרויסגעפאַלען פון קעשענע די פאָנטאָן־פּען.

וויליאמס איז פון דער פאָנטאָן־פּען גאָר צומישט געוואָרען. ער האָט געבעטען איך זאָל זי פאַר איהם עפענען. איך זאָל איהם צייגען, ווי זי שרייבט, איך זאָל זי איהם געבען האַלטען אין זיינע הענט. און ס'אַרא מאָדנע זאַך דאָס איז! ווי אַזוי ווערט דאָס געמאַכט וואָס זי שרייבט אָהן טינט?! און די פּען איז טאַקע אַ גאָלדענע?! טאַקע פון אמת'ע גאָלד?! וואונדערבאַר! ווען ער וואָלט געהאַט אַזאַ זאַך, וואָלט ער שוין ניט געקומען ארבייטען אויף אָ'נעלסאָן'ס פאַרם.

אַ, ניין! און צי וועל איך איהם געבען מיט דער פּען שרייבען אַ בריעף צו זיין שוועסטער? — ער איז ניט אבי ווער! — ער האָט אַ שוועסטער! און דזשאַן, מיט וועלכען איך וועל זיך באַלד בעקענען, איז אַן אַנגעלאָ־פּענער, גאָט ווייסט פון וואַנען. — זינט ער איז דאָ האָט ער נאָך קיין איין בריעף ניט ערהאַלטען, און צו קיינעם ניט געשריעבען, אפילו אַ וואָרט ניט! ביי יעזוס, מיט אַזאַ מאַן איז דאָך געפעהרליך צו שלאָפען אין איין צימער. און די פאַנטאַן־פּען זאָל איך בעסער ניט האַלטען אַזוי אויבען־אויף... ער שווערט מיר אפילו ביי יעזוס'ן, אַז ער מיינט חלילה ניט, אַז עמיצער פון די אַרבייטער איז דאָ אַ גנב, אָבער עס איז פאָרט בעסער אַז מען ווייזט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכען.

שפּעטער אין אָבענד, ווען מיר זיינען אַלע געזעסען און געגעסען אונזער „סאַפּער", האָב איך זיך בעקאַנט מיט דער מאַדאַם אָ'נעלסאָן.

ווען מיר האָבען שוין געהאַלטען אין ענדיגען אונזער עסען, האָט זיך געעפענט די טיהר, וואָס פיהרט אין די בעל־הבתישע צימערען, און עס איז אריין אַ בלאָנדע דאַמע, האַלטענדיג אויף איהר אָרעם ווייסע בעט־וועש. וויליאַמס האָט זיך גלייך אויפגעהויבען און מיט אַ חניפה־דיגער פרייד זיך אָפּגערופען:

— מאַדאַם אָ'נעלסאָן, דאָס איז אונזער נייער אַרבייטער!

די מאַדאַם האָט אויף מיר אַנגעשטעלט איהרע אויגען — — — און געפרעגט מיין נאָמען, און צי איך קום טאַקע פון ניו יאָרק — און וואו האָב איך געוואוינט אין ניו יאָרק. און ווען איך האָב איהר אָנגערופען די געגענד, האָט זי פערדעכטיג מיך נאָכאַמאָל געמאַכט אָנרופען דעם נאָמען פון דער געגענד — — — און ערשט נאָכדעם מיך ווידער אַ ווײַלע אָנגעקוקט און געפרעגט אין וועלכען טהייל פון יענער געגענד איך האָב געוואוינט און צי איך האָב דאָרטען אייגענע, בעקאַנטע — — — און בשעת זי האָט מיך געפרעגט אָט די אַלע שאלות, האָט זיך געפיהלט, אַז דאָס איז ביי איהר ניט קיין נייגעריגקייט, נאָר אַ מין בענקען, אַז ווער ווייס ווען זי האָט דאָרטען — — — זי קומט, הייסט דאָס, אויך פון ניו יאָרק...

אַ בעזונדער וויכקייט האָט זיך געטראָגען פון דער מאַדאַם אָ'נעל־

סאָן'ס שטימע. אזא ווייכקייט הערט זיך בלויז אין די שטימען פון די פרויען וואָס וויינען אָפּט אין דער שטיל.

ווען די דיענסט איז אריין אין אונזער עס-צימער, האָט איהר די מאַדאַם אַ'נעלסאָן איבערגעגעבען די ווייסע וועש, זי זאָל ארויפגעהן צו מיר און דערמיט איבערציהען מיין בעט — — — און פאר'ן ארויס־געהן האָט צו מיר די מאַדאַם געזאָגט — זי האָפּט, אז איך וועל זיך דאָ פיהלען גוט.

# VIII.

אַ חיים־בלויער הימעל האָט זיך געשפּרייט איבער אַ קיהלער נאַכט. איך בין געלעגען מיט'ן פּנים ארויף. ווייך און שטיל האָבען די גראָזען געגלעט מיינע הענט, מיין נאַקען. דאָ און דאָרט האָט פון גראָז געגומען ארויס'שרייען: Whip-poor-will! Whip-poor-will! Whip-poor-will! *

די געשרייען זיינען געווען מעלאַנכאָליש, פערטרויערט און האָבען זיך ווידערהאָלט קורץ, אונערוואַרטעט און קרעפטיג־קנאַלענדיג: „וויפּ־פּור־וויל!" — „וויפּ־פּור־וויל!" — „וויפּ־פּור־וויל!"

איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז דער וויפּ־פּור־וויל־פויגעל, איינער פון דעם מין גאָוטסאַקער פויגעל וואָס געפינט זיך נאָר אין די מזרח־געגענדען פון צפון־אמעריקאַ. דאָס זיינען פויגלען, וועמעס טאָג עס פאַנגט זיך אָן אַ פּאָר שעה נאָך זון־אונטערגאַנג, און וועלכע מען זעהט כמעט קיינמאָל ניט. מען הערט זיי בלויז. און אויך וועלכע אינ־דיאַנער און ניגערס גלויבען, אַז דאָס זיינען אַזעלכע גלגולים, גייסטער און פאַראויסזאָגער.

איינער פון דעם סאָרט פויגלען האָט זיך פּלוצלונג פון ערגעץ אַ באָרג ניט ווייט פון אונז מיט אַמאָל הילכיג צושריען: האַ, האַ, האַ! האַ, האַ, האַ! — — — און יעדעס מאָל אַלץ העכער און שרעקעדיגער. און כאָטש איך האָב, דאַכט זיך, גוט געוואוסט, אַז דאָס זיינען פויגלען, פון דעסטוועגען האָב איך געטראַכט, אַז דאָס זיינען אַזעלכע שטיק פון דעם קליינעם בלאַסען און שטענדיג־לאַכענדיגען מעקס. אַז דאָס שפּיעלט ער זיך איצט מיט זיך אַליין, שפּרינגט ארום אין גראָז, בעהאַלט זיך אויס אונטער שטרויכען און פעלזען און שרייט אין דער נאַכט אריין:

Whip-poor-will! Whip-poor-will! און האַ—האַ—האַ!

אָדער גאָר: Willie-com-go! Willie-com-go! (**

*) שמייס, אָרעמער וויליאַם! שמייס, אָרימער וויליאַם!!

**) וויליאַם־קום־געה! וויליאַם־קום־געה!

וויליאַם איז פאַרבייגעגאַנגען, אַ לאַנגער, אַ שוואַרצער און שטיל, ווי אַן אויפגעשפּרונגענער שאָטען.

דזשאָהן, אַ שטאַרק געבויטער דייטש, מיט אַ בלאָנדער באָרד און בלויע אויגען, איז געזעסען געבען מיר, און מיר דערצעהלט, אַז ער איז אויך אַ ניו יאָרקער, אַז ער האָט דאָרטען צוויי געליעבטע, נאָר מען האָט איהם אַרויסגעשיקט פון ניו־יאָרק אויף פינף יאָהר — איין יאָהר איז ער אָפּגעזעסען אין שטאַדטישען געפענגניס, נאָכדעם האָט מען איהם ערשט פערבאָטען צו זיין אין ניו־יאָרק סטייט. זיי זיינען אפשר גערעכט — האָט ער צוגעגעבען — אָבער שולדיג איז אין דעם זיין פאָטער — ער איז געשטאָרבען און איהם איבערגעלאָזט זעקס און פערציג טויזענד דאָלאַר, און ער, דזשאָהן, איז דאַן געווען אַ יונגער באָי, אַ סטודענט פון שטאַדטישען אוניווערזיטעט, — יאָ, יאָ, איך מעג איהם גלויבען, — ער אָט דער פאַרמער, וועמען איך זעה איצט נעבען מיר, איז אַן אינטעליגענטער מענש, האָט געלערענט אַנאַטאָמיע, פיזיקע — און אַז אַנאַטאָמיע געדענקט ער נאָך ביז היינט. אַז אָט דער ביין פון האַנד הייסט „אולנאַ“, אָט דער „ראַדיוס“ און אָט זיינען די „קאַרפּוס“, און ער האָט זיך גענומען אויסרעכענען זייערע נעמען איינס נאָכ'ן אַנדערען. ער געדענקט זיי שוין אפילו ניט אין גאַנצען, אָבער איך קען דאָך זעהן, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער מענש. נאָר איבער די געלד, וואָס ער האָט דאַן נאָכ'ן פאָטער'ס טויט אַריינגעקראָגען אין זיינע הענד, איז ער אַריינגעפאַלען אין שלעכטער קאָמפּאַניע. אָבער ער איז שוין אויסגעוועזען אַ וועלט! „געפּייקט“, „געגעמבעלט“, געהאַט אַ „פייט“ מיט מעקענזי'ן, מיט מעקענזי'ן אַליין! אָט איך קען דאָס זעהן פון זיין גראָבען פינגער אין זיין רעכטער האַנד — דער פינגער איז ביי איהם פון דאַן אָן צובראָכען. איך דאַרף דאָס נאָר ניט דערצעהלען וויליאַמס'ען, ווייל אַזוי האָט וויליאַמס מורא צו איהם צוצוגעהן נאָהענט, ווען אָבער וויליאַמס זאָל זיך דערוויסען אַז ער האָט גאָר אַ צובראָכענעם פינגער אין דער רעכטער האַנד, וואָלט ער מיט איהם גאָר אַנדערש גערעדט. — — —

דזשאָהן'ס רייד האָבען זיך פאַר מיר געמישט מיט'ן אָבענד און מיט די מעלאַנכאָלישע און כעס'דיגע געשרייען, און איך האָב דערביי געקוקט אין הימעל און געזעהן איבער מיר מיליאַרדען קליינע און גרויסע שטערען. די שטערען האָבען ליכטיג און שאַרף געקוקט אויף מיר און

אויף די בערג און בערג, וואָס זיינען אַזוי רייך פּאַנאַנדערגעוואָרפען אונטער דעם ברייט־צושפּרייטען הימעל — — — און איך האָב דערביי געטראַכט פון אַ סך זאַכען און אויך פון דעם, אַז פאַר דער מאַראָם אָ'נעלסאָן וואָלט געווען גוט צו האָבען אַ מאַמע, אָדער צו זיין אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענע טאָכטער, צו וועמען מען קאָן רעדען — — ווייסע, שטילע פרויען — אָט ריידען זיי דאַכט זיך קלוג און שמייכלען פרעהליך, און ווי נאָר זיי פערמאַכען הינטער זיך די טיהר קאָן זיין צואווייגען זיי זיך גלייך. — — —

ביסלעכווייז בין איך צואוועבט און צומישט געוואָרען מיט די בערג, מיט די שטערען, מיט'ן הימעל — — — איך האָב קוים געהערט דזשאָהן'ס „גוט־נאַכט" און נאָכדעם שוין גאָר ניט געהערט. — — — פּיבי קוקט אַרויס פון אַ פענסטער. איהרע שטאָל־גרויע אויגען זיינען גרויס און ברייט צועפענט און די ווייסלען פון איהרע אויגען גלאַנצען און שיינען ליכטיג ווייס — — — פּיבי קוקט ניט אַרויס פון אַ פענ־סטער, פּיבי קוקט אַרויס פון הימעל — — — און איהרע שוואַרצע עטוואָס געקרייזעטע האָר פאַלען אַראָפּ פון איבער איהר שעהנעם, ווייך־רונדען אַקסעל און גרייכען פון הימעל ביז צו דער ערד און גרייכען ביז מיין האַנד, ביז מיין נאַקען, ביז מיין פּנים. — — —

עמיצער פּאַרעט זיך ביי מיין זייט קעשענע — — — דאָס אייזענדעל וואָס האָט אָנגעהאַלטען מיין פאַנטאַן־פען אין דער קעשענע האָט אַ שאַרפען „פּיטש" געטהון און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — — — איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און האָב זיך דערשראָקען פון דעם, וואָס איך בין ניט ביי זיך אין מיין היימישער בעט, נאָר אויף אַ בעגראָזטער ערד. צווישען בערג און הימעל און שטערען — — — וויליאַמס איז גע־שטאַנען איבער מיר אַ צומישטער... ער וועקט דאָס מיך איך זאָל אַרויס־געהן צו זיך שלאָפען — ער וויל ניט איך זאָל מיך פערקיהלען...

ערשט אַרויפקומענדיג צו זיך אויפ'ן בוידעם, האָב איך זיך דער־מאָנט אָן וויליאַמס'ן — — — האָב אַ טאַפּ געטהון מיין זייט־קעשענע און ניט געפונען מיין פאַנטאַן־פען.

איך בין שוין כמעט געווען איינגעשלאָפען אין מיין סקריפּענדיגער

בעט, ווען איך האָב דערהערט עמיצענס טריט איבער'ן בוידעם — — — די היי שארט זיך... איך האָב צועפענט ברייט די אויגען, געקוקט פאר זיך און דערזעהן א שווארצע פיגור — — — די פיגור דערנעהנטערט זיך לאנגזאם — — — אט איז זי אריבער די שוועל פון מיין אפּצאָ מונג — — —

— ווער איז?! — האָב איך אויסגעשריען.

— דאָס בין איך, וויליאמס; גלאט אזוי — — —

— וואָס איז?! — האָב איך איהם מיט כעס איבערגעשלאָגען זיין צוטומעלטקייט.

— גאָר ניט. ער וויל נאָר וויסען ווי מיר שלאָפט זיך. און איך זאָל ניט פערגעסען, אז מאָרגען פונקט פיער א זייגער וועט ער מיך אויפ־וועקען צו דער ארבייט.

— גוט; א גוטע נאכט.

ווען וויליאמס איז ארויס בין איך אראָפּ פון מיין נעלעגער און אויפגעזוכט א זיכערען פלאץ פאר דעם ביסעל געלד וואָס איך האָב געהאט.

ווען איך האָב אויף מאָרגען געזאָגט וויליאמס'ען, אז איך האָב ניט די פען, האָט ער זיך אזש פאר'ן קאָפּ געכאפּט:

— שטייטש, אזא פען! אן אמת'ע, א גאָלדענע! ער האָט מיך אָבער געוואָרענט, איך זאָל זי ניט האלטען אויבען־אויף. ביי יעזוס'ען, ער מיינט ניט צו זאָגען, אז עמיצער האָט זי ביי מיר גע'גנב'עט. אט זענען דאָך דאָ דזשאָהן, פיליפ, מעקס. ביי יעזוס'ען, אז ער מיינט גאָר ניט צו ווארפען אזא פערדאכט אויף עמיצען. איך האָב זי געווים פערלוירען אין גראָז וואו איך בין נעכטען איינגעשלאָפען. ער אליין וועט זי מיר העלפען זוכען, ווייל עס איז ניט לייכט צו געפינען אזא זאך אין גראָז. מען קאָן אמאָל אזא זאך אָפּזוכען א גאנצען זומער, און דאָס ערשט אין הערבסט געפינען — — — קאָן זיין אז איך וויים גאָר ניט צי איך בין נעכטען איינגעשלאָפען אויפ'ן גראָז. יאָ, איך בין נעכטען איינגעשלאָפען אין גראָז. ער געדענקט גוט דעם פלאַץ. און ער וועט מיר איהם צייגען

און ער וועט מיר דאָרט העלפּען זוכען. זיכער. וואָס הייסט, אַזאַ גוטע זאַך, אַזאַ טהייער שטיקעל גוטס.

און אָפּט, שוין לאַנג נאָכדעם, פּלעגט זיך וויליאמס פון צייט צו צייט דערמאָנען אָן מיין פּען פון „אמת׳ען גאָלד“ און פּלעגט מיך טרייסטען און צוזאָגען אַז ער וועט זי פאַר מיר זוכען.

# IX

פון דער דיענסט בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז די מאַדאַם אַ'נעלסאָן איז, ווי איהר ווייזט זיך אויס, אַ פראַנצויזישע און דער מיסטער אַ'נעלסאָן — אַן איירישער חזיר (די דיענסט האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט, כאָטש זי אַליין איז אויך געווען אַן איירישע) און אַז עס איז אויף דער מאַדאַם אַ רחמנות.

— אַ רחמנות אויף דער מאַדאַם? פאַר וואָס? — האָב איך געפרעגט.

אָבער אויפ'ן אָרט פון צו ענטפערען, האָט די דיענסט צו מיר אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און געזאָגט:

— בעסער פרעג ניט!

און וואָס מעהר מיר פלעגט אויסקומען צו זעהן די בלאָנדע מאַדאַם אַ'נעלסאָן, אַלץ מעהר פלעג איך זעהן, אַז אַ דריקענדע שווערקייט קוקט ארויס פון איהרע אויגען.

גאָר אָפט פלעגט זי מיך פרעגען צי איך בענק ניט אַהיים... און אַ בעזונדערער, האָפנונגסלאָזער ציטער פלעגט דערביי פערבענקט ארויס־קלינגען פון איהרע ווערטער. און דערביי פלעגט זי נאָך אָפט צוגעבען, אַז זי מיינט אַהיים, אין דעם „אַלטען לאַנד", וואו איך האָב מיינע עלטערען... און ווי לאַנג האַלט דאָרט אָן דער ווינטער? — — — און פרעסט זענען דאָרט גרויסע? ווייסע? און אַז עס פאַלט דאָרט אויס אַ שניי, איז דאָס אויף לאַנג, אויף זעהר לאַנג. — — — זי האָט וועגען דעם געלעזען.

און איינמאָל, ווען צו מיר איז אָנגעקומען אַ בריעף פון דער „אַלטער היים", האָט מיר די מאַדאַם אַ'נעלסאָן איהם אריינגעטראָגען אויף אַ טעלער צום טיש, וואו מיר, די ארבייטער, האָבען געגעסען, און ווען איך האָב דעם בריעף געעפענט, האָט זי מיך געבעטען איך זאָל איהר איהם ווייזען — — — זי וויל זעהן ווי דער אידישער שריפט זעהט אויס...

# X

די אַרבייט איז געווען אונערטרעגליך שווער. אָהן אַ וועלכען עס איז רוה־טאָג. — טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגט מען זיך דאַרפען אויפהויבען פיער פאַרטאָג און אַרבייטען שווער, אָהן אָפּרוה, ביז זיעבען־אַכט אין אָבענד. פון שבת און זונטאָג האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

דער אַרבייטער פיליפּ האָט זיך איין זונטאָג צובונטעוועט און ניט געוואָלט אַרבייטען, ווייל ער וויל כאָטש איין זונטאָג אין צוויי וואָכען. וויליאַמס איז געווען דער ערשטער וואָס האָט איהם אָפּגעגעבען גערעכט. צו מיר אָבער האָט ער געזאָגט אַזוי, אַז אויך מיסטער אָ'נעלסאָן זאָל הערען:

— פיליפּ איז אַ הונד, אַ טרעמפּ. ער איז אָנגעקומען אהער אַ הונגעריגער. איצט האָט ער זיך אָנגעגעסען, ווייל ער שוין מעהר ניט אַרבייטען.

ווען מיר זענען אַלע אַריין אין עס־צימער פאַר אונזער אָנבייסען, איז אָ'נעלסאָן צו צו פיליפּ'ען און איהם געהייסען אַז ער זאָל שוין אַוועק פון זיין פאַרם, און בעצאָהלען וועט ער איהם אויך ניט, ווייל ער איז זיין צייט ניט אויסגעווען, און ער זאָל זיך אויך ניט זעצען צום טיש, ווייל ער האָט שוין אָנגעזאָגט דער דיענסט, זי זאָל איהם קיין עסען ניט געבען.

פיליפּ האָט גענומען טענה'ן, אָבער אָ'נעלסאָן האָט זיך אויף איהם צושריען, אַז ער זאָל שווייגען און זאָל גלייך אַוועק פון דאַנען. אויב ניט לאָזט ער איהם אַרעסטירען.

— אַרעסטירען! מיך?! פאַר וואָס?! — האָט פיליפּ גענומען שרייען.

— דו האָסט ביי מיר צובראָכען אַ דישעל, און דו דאַרפסט ביי מיר אָפּאַרבייטען אַ גאַנצען חודש, ביז דו וועסט מיר אויסצאָהלען דעם שאָדען!

— דאָס איז אַ ליגען! ניט איך האָב צובראָכען דעם דישעל!

— ווער דען האָט?

— וויליאַמס האָט!

וויליאַמס איז דערויף אויפגעשפּרונגען אַן אַנגעצונדענער מיט געשריי׳ען: „דו פּערדאַמטער, דו פּערדאַמטער טראַמפּ!“ און ער איז מיט זיין פויסט פּערפאַהרען פּיליפּ׳ען גלייך אין פּנים אריין.

געענדיגט האָט זיך מיט דעם, וואָס פּיליפּ איז ארויסגעוואָרפען געוואָרען אַ פּערבלוטיגטער, און איז אַהן אַ סענט געלד און אַ הונגעריגער אַוועק אַליין אויפ׳ן שטויביגען ווייסען וועג, וואָס ציהט זיך צווישען די גרינע בערג. און דער מיסטער אַ׳נעלסאַן האָט אידם נאָכגעשריען, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגען צו ווייזען אויף וועלכען עס איז פּלאַץ פון זיין גוט! ווייל ער וועט איהם דערשיסען ווי אַ משוגע׳נעם הונד!...

און צו אונז האָט זיך אַ׳נעלסאַן געווענדעט:

— און איהר, „באָיעס“, דאַרפט זיך ניט זאָרגען. מאָרגען קומען מיר אַן נייע צוויי ארבייטער — איך האָב אַ בריעף ערהאַלטען. און דער פוילענצער איז מיר איצט סיי ווי סיי געוועזן אַן איבעריגער.

דער קליינער מעקסיל, וואָס האָט יעדען טאָג געהאַלטען אין איין ווערען אַלץ בלאַסער, האָט צופריעדען געקוקט אויף קריעג און געשלעג, און מיט פּערגעניגען געשמייכעלט, פּונקט ווי די גאַנצע געשיכטע וואָלט פאַר איהם פאָרגעקומען ערגעץ אויף „מואווינג פּיקטשורס“ אָדער אין אַ וואָדעוויל — — — דזשאָהן האָט אויסגעקוקט צו זיין גלייכגילטיג, נאָר איך בין פון דעם פּערדאַמט ערנסט געוואָרען. וויליאַמס האָט זיך זיעגרייך אַוועקגעזעצט צום טיש און האָט קוקענדיג צו מיר גענומען ריידען:

— ער איז דאָס ווערט! ער איז דאָס ווערט געוועזן, דער פּערדאַמטער!...

איך האָב איהם מיט כעס איבערגעשלאָגען:

— דו האָסט ניט געהאַט קיין רעכט צו שלאָגען!

— וואָס? וואָס מיינסטו?! — — — —

איך האָב אריינגעוואָרפען וויליאַמס׳ען גלייך אין פּנים אריין:

— ווייל דו האָסט צובראָכען דעם דישעל, ניט פּיליפּ. און מיסטער אַ׳נעלסאַן ווייסט דאָס, און איז נאָך ערגער פון דיר!

וויליאַמס איז צוטומעלט געוואָרען. ער האָט מיר ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען אריין, און ער האָט זיך געווענדעט צו דזשאהנען:

— היר דזשאהן! וואָס זאָגסטו נאָר צו איהם, צו דעם — — — — — — דעם — — — — סאָציאַליסט! (ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט זאָגען שיני).

דזשאהן אָבער האָט גאָר אונערוואַרטעט אויף איהם אויפגעהויבען א פּאָר אָנגעצונדענע אויגען און אויסגעשריען:

— האַלט דיין פּיסק, דו „קרוק!"

וויליאַמס האָט זיך דערפיהלט צוקלאַפּט. און א דערשראָקענער און צוטומעלטער איז ער גלייך אויפגעשפּרונגען פון בענקעל. מעקס האָט זיך צולאַכט. איבערהויפּט האָט איהם הנאה געטהון, ווען וויליאַמס האָט זיך צוקוויטשעט, כמעט ווי א הונד, און איז אַזוי קוויטשענדיג אַוועק פון עס־צימער, אונז פערקלאָגען פאַר מיסטער אָ'נעלסאָן.

דער מיסטער אָ'נעלסאָן האָט אונז וועגען דעם גאָר ניט געזאָגט; אדרבא, ער איז נאָך געוואָרען פריינדליכער.

אין אָבענד האָט ער מיך פריינדליך געפרעגט, וואָס איז מיין מיינונג וועגען דעם ווייץ־פעלד, וואָס ער האָט דאָרט רעכטס.

איך האָב איהם שאַרף און בייזלעך געענטפערט:

— מיין מיינונג איז, אז דאָרט וואַקסט ניט קיין ווייץ, נאָר שטרוי...

ער אָבער האָט ביי מיר פערטרויט געפרעגט:

— וואָס וואָלט געווען דיין עצה?

— איבעראַקערען דאָס פעלד! — האָב איך געזאָגט.

— יאָ, גערעכט! — האָט ער צוגעגעבען — ווייל די שטרוי וואָס איז שוין אָנגעוואַקסען וועט זיין א גוטע מיסטיגונג פאַר דער ערד. און נאָך דעם וועט מען דאָרט קאָנען פערזייען קאַרטאָפעל. אפשר וואָלט מען דאָס נאָך מאָרגען געטהון?

אָ'נעלסאָן האָט גוט געוואוסט, אז מאָרגען קען מען דאָס ניט טהון, ווייל מיט די פערד זענען מיר פערנומען אויף א צווייטען פעלד, און אז מען קען ניט, און אז עס האָט קיין זין ניט אוועקצוואַרפען יענע ארבייט אין מיטען צוליעב דעם פעלד. נאָר דער גאַנצער געשפּרעך זיינער האָט בלויז געהאַט דעם צוועק זיך ארויסצואווייזען פריינדליך און פערטרויט צו מיר. — ווייל וואָס טהוט ער אז די מאָרגעדיגע צוויי ארבייטער קומען

ניט אָן? — — — אָן עהנליכען געשפּרעך האָט ער נאָכדעם געהאַט מיט דזשאהנען און אפילו מיט דעם קליינעם מעקסיל!

אין אבענד, איך האָב זיך געהאַט נאָר וואָס אויסגעטהאָן אויף צו געהן שלאָפען, און האָב שוין אויסגעשטרעקט מיין האנד אויף אויס־צולעשען דאָס לעמפעל, איז צו מיר אריינגעקומען וויליאַמס:

— דזשאהן מיינט, אז ער, וויליאַמס, דאַרף פאַר איהם מורא האָבען ניט אין זיין לעבען! דזשאהן מיינט, אז אויב ער האָט זיך געשלאָגען מיט מעקענזי'ן, דאַרפען שוין אַלע פאַר איהם מורא האָבען. ניט אין זיין לעבען!

— וואָס וועסטו איהם טהון? — האָב איך געפרעג זיך לעגענדיג אין בעט.

— וואָס איך וועל טהון? וואַרט ס'ט שוין זעהן! איך קאָן דזשאהנען בעסער פאַר אייך אַלעמען! איך ווייס, אז ער האָט אַ שלעכטען טעמפּער! אז ער קאָן מיט אַ מאָל משוגע ווערען! און דעריבער האַלט איך מיט זיך שטענדיג — אַ זעהסט וואָס! — און וויליאַמס האָט זיך שנעל צור־געבויגען צום קאָליעווע און פון דאָרט ארויסגעכאַפּט אַ לאַנגליכען מעסער און אַן אויפגעקאָכטער גענומען שרייען: „אַ! זעהסט וואָס! זאָל ער נאָר וועלען צוגעהן צו מיר, און איך צושנייד איהם מיט'ן מעסער: אָט אַזוי! — איבער'ן פּנים! איבער דער נאָז! איבער די אויגען! איבער'ן האַלז! איבער'ן בויך — איבער'ן בויך, גאָט פערדאַמט! איבער'ן בויך! איך עפען איהם דעם בויך!!!" — — — —

און וויליאַמס האָט דערביי זשעסטיקולירט מיט'ן מעסער אין האנד און דאָס פּנים איז איהם געוואָרען פול מיט ווילד־געררייצטע בלוטען. ער האָט שוין, ווייזט אויס, געוואָלט אין איין וועג אויף מיך אָנשרעקען. איך האָב איהם אָנגעקוקט און געזאָגט:

— דו ביזט נאַריש.

— וואָס מיינסטו, איך בין נאַריש?

— אַ מאַן טהוט ניט אַזוי.

— יאַ, אָבער ביי יעזוס, איך וועל זיך ניט לאָזען!...

— אָבער, דו וועסט מיר ענטשולדיגען, וויליאַמס, — האָב איך איהם איבערגעשלאָגען, — איך בין מיעד און וויל שלאָפען.

— אַ יאַ, געוויס! ס'איז צייט. אַ גוטע נאַכט. ער האָט נאָר געוואָלט..

— אַ גוטע נאַכט.
— אַ גוטע נאַכט.
— זאָגסטו דיין תפילה פאַר׳ן שלאָף, ווילִיאַמס?
— מיין תפילה? מיין תפילה? ס׳הייסט? געוויס! — ער האָט נאָך אין זיין לעבען ניט פערפעהלט צו זאָגען זיינע תפילות.

איך האָב איהם געבעטען ער זאָל זיין אַזוי גוט און פאַר מיר אויס־לעשען דאָס לעמפּעל. ער האָט דאָס געטהון. עס איז געוואָרען פינ־סטער. איך האָב איהם אין דער פינסטערניש נאָך אַ מאָל געוואונשען אַ גוטע נאַכט, ער זאָל געהן טהון זיין תפילה און זעהן, אַז מען דאַרף בעסער זיין אַ גוטער מענש. און געזאָגט האָב איך איהם דאָס דערפאַר, ווייל ניט ווילענדיג האָבען זיך מיר כמעט דעם גאַנצען טאָג געטראַכט פיבי׳ס ווערטער: אַז אין די גוים, דאַכט זיך, איז דאָ אַזאַ מין סאָרט ווילד־פלייש, וואָס קיין רעליגיאָן וועט דאָס פון זיי ניט אויסהיילען.

איך בין געבליבען אַליין און געטראַכט פון פערשיעדענע זאַכען. און פון פיבי׳ן, און פון דער אידישער פאָרם־געזעלשאַפט מיט זייערע אידעען, און וואָסערע מאָדנע כחות עס זיינען אָט די אידעען וואָס בילדען זיך אַזוי מאָדנע אויס ביי מענשען! און ווער וועט זאָגען, ווער פון אונז איז גערעכט? דאָס לעבען וועט דערווייזען? און ווי, ווען דאָס לעבען וועט טאַקע דערווייזען ווי זיי ווילען? וועט דאָס דען הייסען אַז זיי זענען גערעכט? גאָט מיינער! וועט דאָס דען הייסען, אַז זיי זענען גערעכט. ווען מיר וועלען פערלוירען געהן צווישען די קריסטען, צו וועלכע מיר האָבען פערבלאָנדזשעט? — — —

מיינע געדאַנקען האָבען זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב מיט צועפּענטע אויגען שטום געקוקט פאַר זיך אין דער פינסטערניש — — — און פון די בערג, פון אונטערשטערנייכען און פעלזען האָבען מיט אַ מין בייזער און געהיימניספאָלער פער׳עקשנ׳טקייט געשריען די ווי־פּור־וויל׳ס און די האַ־האַ־האַ׳ס. איינער פון זיי האָט גאָר גענומען שרייען: „הו אַר יו? הו אַר יו? הו אַר יו?“ (ווער ביזטו?) און עפּעס אַזוי איינגעגעסען, מעלאַנכאָליש און גייסטערהאַפט, אַז עס איז געווען שווער צו גלויבען, אַז דאָס שרייען אַזוי פויגעל. אפשר זענען דאָס גאָר אַזעלכע חיות? — און אפשר טאַקע דער קליינער, בלאַסער מעקסיל. — — —

## XI

אויף מאָרגען האָט די מאַדאם אַ'נעלסאָן געפונען אַ געלעגענהייט מיט מיר פערפיהרען אַ שמועס, און מיך אַרויסגעפיהרט אויף דעם, אַז איך האָב געדאַרפט ענטפערען צו מיר געפעלען קריסטען.

די פראַגע האָט זי ביי מיר געפרעגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען. דאָס האָט מיך אויפגערעגט. איך האָב געזאָגט:

— קריסטען זענען אין דער צייט פון זייער תפילה שעהן.

— אין דער צייט פון זייער תפילה?! — האָט זי מיך פערוואונדערט איבערגעפרעגט.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— ווען איהר זעהט ווי אַ קריסט פאַלט צו דער ערד און צלמ'ט זיך, קריגט איהר ניט קיין וויעדערגעפיהל?...

— ניין! — האָב איך געענטפערט, ווערענדיג אַלץ מעהר אויפגערייצט פון דעם, וואָס די מאַדאם פרעגט ביי מיר אַזעלכע שאלות און דערצו נאָך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען. — וואָס פאַר אַ סוד וויקעלט זיך דאָ פאַנאַנדער?! — וואָס וויל זי דאָ פון מיר דערגעהן? — — — —

מיט אַמאָל האָט די מאַדאם אַ'נעלסאָן אויפגעהויבען איהרע אויגען און גענומען קוקען אין מיין פנים, מיט אַ כמעט דערשראָקענער שאַרפקייט... און פלוצלונג געפרעגט:

— ווי, למשל, ווען אייערע אַ בעקאַנטע, צי אַ שוועסטער, וואָלט חתונה געהאַט פאַר אַ קריסט?

די פראַגע האָט מיך ביטער אַ בריה געטהון אין האַרצען. — איך האָב פאַר זיך גלייך דערזעהן פּיבי'ן, איהרע דריי קריסטליכע בעקאַנטע, און איך האָב זיך פערלוירען: — וואָס איז דאָס?!... ניט אַנדערש, אַז די בלאָנדע מאַדאם, וואָס קוקט מיך איצט אַזוי שאַרף אָן, ווייסט אַלע מיינע סודות!... איך האָב זיך מיט כעס אַ הויב געטהון און בייז געענטפערט:

— ווען מיינע אַ בעקאַנטע וואָלט געהייראַט מיט אַ קריסט, וואָלט איך זי צונויפגעדרעהט ווי אַ קנויל און זי אַ שליידער געטהון דעם קריסט, ווי אַ שפּיי אין זיין קריסטליכען פּנים אַריין!

די מאַדאַם אַ'נעלסאָן האָט פון מיין ענטפער שיעור ניט צוזאַמענ־געבראָכען. די אויגען זענען ביי איהר פערגלייווערט געוואָרען. — — — יאָ, איך בין יענעם מאָל געוועזען שלעכט צו איהר. איך בין געוועזען זעהר שלעכט צו איהר... נאָר איך האָב זיך אָבער ניט געקאָנט העלפען. — שולדיג איז געוועזען מיין אויפרעגונג און מיין ניט וויסען קלאָר, ווענען וואָס עס איז איהר דאָ געגאַנגען. אָבער איהר פּלוצלונגע פערגלייווערטע שרעק, איהרע פּלוצלונגע טרערען אין די אויגען — דאָס קאָן איך נאָך ביז היינט ניט פערגעסען.

זי האָט צו מיר מעהר ניט גערעדט. און אַ צוויי־דריי טעג האָב איך זי איבערהויפּט ניט געזעהן אַרויסקומען פון הויז. און נאָכדעם פלעגט זי מיך שטענדיג אויסמיידען...

נאָר איינמאָל נאָכמיטאָג איז צו מיר אויפ'ן פעלד געקומען צו לויפען מעקס און מיר איבערגעגעבען אַ בעפעהל פון דער מאַדאַם אַ'נעל־סאָן, אַז איך זאָל געהן איינשפּאַנען די פערד אויף צו פאָהרען צום באַהן, ווייל עס איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז זייער טאַטע קומט מיט'ן נאָכמיטאָגדיגען צוג.

ווען איך בין אָנגעקומען צום שטאַל, האָט שוין אויף מיר געוואַרט די מאַדאַם אַ'נעלסאָן, אַ פרעהליכע און אַן אויפגעראַמטע. — זי בעט מיך, איך זאָל פריהער אויספּוצען דאָס פערד „קיידי" — דאָס פערד איז טאַקע דער טאַטע'ס; דאָס איז איהר רייט־פערד.

איך בין געוועזען צופריעדען וואָס די מאַדאַם אַ'נעלסאָן האָט זיך מיט מיר איבערגעבעטען און רעדט צו מיר פריינדליך. און איבערהויפּט פון דעם וואָס זי זעהט אויס צו זיין אמת'דיג גליקליך... איך האָב „קיידי'ן" אויסגעפּוצט און פערשלייערט ווי אַ כלה. נאָכדעם האָב איך נאָך גע־פונען צייט, און אויף שנעל אויסגעוואַשען די קאַרעטקע און אויסגעפּוצט דעם שפּאַן. מעקס האָט מיר אַרויסגעהאָלפען. און ווען אַלץ איז שוין געוועזען פאַרטיג צו פאָהרען, האָט ער פערצויגען די פאָהן פאַר'ן הויז. די פאָהן האָט אויפגעפלאַטערט ווי אַ פרעהליכער אָנזאָג און האָט זיך לעב־האַפטיג בענומען בויגען און קניימשען אין דער זוניגער טאָג־לופט. —

ווי שעהן עס איז אַ גרויסע פּאַהן אויף אַ הויכען פּאַהן־שטעקען! און ס׳אַרא גוטער אינגעל אַט דער מעקס׳על איז!

פאר׳ן ארויפזעצען זיך האָב איך זיך דערמאָנט און געפרעגט ביי דער מאַדאם אַ׳נעלסאָן צי זי האָט אפשר ערגעץ נאָך אַ פּאַהן? זי האָט מיר מיט אַ שטאַרקער צופריעדענהייט געענטפערט — יאָ, און איז אויף גיך אריין אין הויז און מיר פון דאָרט ארויסגעטראָגען אַ נאָך ניט געניצטע פּאַהן און אויך די שעהנע וואונגערשע בייטש, מיט וועלכער בלויז אַ׳נעלסאָן פאַהרט אמאָל ארויס אין שטאָדט.

דאָ איז מיסטער אַ׳נעלסאָן אויך ארויס, זיך אומגעקוקט, דערזעהן דעם פּאראַד וואָס מען מאכט דאָ און דעם פליים מיט וועלכען איך עסק זיך און זיינע ברעמען האָבען זיך ביז ארויפגעצויגען איבער זיינע גרויע בלויע אויגען. זיין ראָזלעך פּנים מיט די גרויע וואָנסען האָט זיך אַ שאַרפען ציה געטהון אַראָפּ. — — —

איך האָב ניט פערשטאַנען וואָס דאָס הייסט און האָב מיט צוטומעלטע בליקען אַ קוק געטהון אויף דער מאַדאם. — — —

זי אָבער האָט זיך מיט קונציגע בליקען און מיט אַ בעזונדער קלוגען פרויען־שמייכעל אַ װענד געטהון צו איהם!

— אַלעקס; מען מוז צוגעבען, אַז ער איז אַ פיינער מאַן, — האָט זי איהם געזאָגט וועגען מיר, און צוגעגעבען: — ניט אזוי, אַלעקס?!...

דער שמייכעל האָט איהר צוגעגעבען אַ געוויסען ווייבליכען רייץ און האָט געווירקט...

— אָ יאַ, ער איז אָלרייט! — האָט ער צוגעגעבען און אויך גענומען שמייכלען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צום סטאַנציע זיינען מיר אָנגעקומען פּונקט אין צייט, און די טאָכטער איז געוועזן — פיבי — — — — — — — — פיבי!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פיבי האָט זיך ארומגענומען מיט דער מאַמע׳ן, זיך דריי מאָל צוקושט, און ווי נאָר זיי האָבען זיך פאַנאַנדערגענומען און זיך דערזעהן, זיינען זיי גלייך ווידער צוגעפאַלען איינס צו אַנאַנדער און זיך פון דאָס ניי געקושט. און ווען פיבי האָט דערזעהן, אַז די מאַמע וויינט, האָבען

זיך אויך ביי איהר די אויגען אויפגעגלאַנצט מיט טרעהרען און זיי האָבען זיך ווידער צוקושט.

איך בין צוגעקומען איבערנעהמען די פּעקלעך. פּיבּי האָט זיך אומגעקוקט — — — אויף א רגע בלויז האָב איך געזעהן ווי פּיבּי איז צו־טומעלט געוואָרען און ברייטער צועפּענט איהרע גרויסע, שוואַרץ־גרויע אויגען. נאָכדעם האָב איך געהערט ווי די מאדאם אָ'נעלסאָן האָט איהר געזאָגט, אז איך בין זייערער אן ארבייטער, א איד — — — און אז דעם פלאג האָב איך דאָס ארייגעשטעקט אין קארעטע פון איהרטוועגען. ביי די רייד בין איך אָנגעקומען זיי העלפען זיך ארייגזעצען. האָט מיר פּיבּי געדאנקט און קוקענדיג אויפ'ן פלאג געזאָגט, אז עס איז זעהר שעהן פון מיר. — — — —

אויפ'ן וועג אהיים האָב איך געהערט ווי די מאדאם אָ'נעלסאָן האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי פּיבּי'ן אויף דעם און יענעם און אויך אויף דער פאמיליע באָש.

## XII

דעם אבענד פון פּיבי'ס קומען בין איך געלעגען אויפ'ן גראָז. נעבען מיר איז, ווי געוועהנליך, געזעסען דער בלאָנדער דזשאהן און מיר צום צעהנטען מאָל איבערדערצעהלט פון דעם „פּייט" מיט מעקענזי'ן, פון זיינע געליעבטע, פון זיין רייזע קיין אויסטראַליען. ער איז געפאָהרען קיין אויס־טראַליען אלס מאטראָס, דאָס הייסט ניט אלס פּשוט'ער מאטראָס, נאָר אלס לאָצמאַן. ווייל דער לאָצמאַן, מיט וועלכען מען איז ארויסגעפאָהרען, איז אויפ'ן וועג פּלוצלונג קראנק געוואָרען, און ער, דזשאהן, איז דאָך אַן אינטעליגענטער מענש, האָט איהם דער קאַפּיטאַן געזאָגט: דו, דזשאהן, ביזט אַן אינטעליגענטער מענש, וועסטו איצט פערנעהמען די שטעלע פון לאָצמאַן — נילעס. נילעס איז אויפ'ן דריטען טאָג געשטאָרבען, און מען האָט איהם אריינגעוואָרפען אין ים. איז ער, דזשאהן, געבליבען לאָצמאַן. און דער קאַפּיטאַן פלעגט איהם אלע מאָל לויבען און זאָגען: איך זעה, דזשאהן, אז דו ביזט טאקע אַן אינטעליגענטער מענש.

נאָר איינמאָל, — עס איז געווען נאכט, — איז מיט אמאָל געוואָרען אזא שטורעם, אז דער גאנצער ים איז אויפגעקאָכט געוואָרען און איז גלייך פערגאָסען געוואָרען ווי מיט אויפגעשלאָגענע איי־ווייסלען, טאקע ווי מיט אמת'ע איי־ווייסלען!... און די שיף — הייליגער מאָזעס! — זי האָט גענומען שפּרינגען אויף וואסער־בערג און אין וואסער־גריבער, ביז זי איז צובראָכען געוואָרען אין שטיקער. און וואָסער אַ שרעק! — נאָר אזא אינטעליגענטער מענש ווי ער האָט דאָס געקענט אזוי לאנג אויס־האלטען. — זיעבען טעג און זיעבען נעכט האָט ער זיך געהאלטען אויף אַן אָבגעבראָכענעם שטיק, ביז אַ שיף איז אָנגעפאָהרען און האָט איהם דערזעהן. און הייליגער גאָט! ס'ארא שרעק עס איז! זיעבען טעג און זיעבען נעכט! — — — —

איך בין געלעגען אויפ'ן גראָז, געקוקט אויפ'ן שטערנדיגען הימעל,

אויף דזשאהנ'ען, אויף זיין בלאַנדער באָרד און אויף די בוימער פון די בעוועלדערטע בערג וואָס אַרום אונז און איבער אונז.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דזשאהן'ס אויסגעטראַכטע מעשיות, פּונקט ווי ער וואָלט זיי מיר צום ערשטען מאָל דערצעהלט, פּונקט ווי היינט וואָלט גאָר ניט פאַרגעקומען. נאָר די געשרייען פון די גאָוטסאָקער פויגלען האָבען מיר גערייצט און געקיהלט די בלוט. און איך האָב געטראַכט:

דאָס הייסט, — אַז איך בין נערוועז; דאָס הייסט, אַז פּיבי'ס משונה'דיגער אָנקומען אהער אין די בערג, אַלס אַ טאָכטער פון אַ'נעלסאָן האָט מיך נישקשה'דיג צורודערט.

און איך האָב געטראַכט: די פויגלען שרייען היינט ווי משוגעים, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון ערגעץ אַ דול־הויז... און דער געשריי פון דעם הא־הא־פויגעל איז ווי פון איינעם, וואָס טרינקט זיך — — — יאָ, עמיצער טרינקט זיך איצט אין דער נאַכט ניט ווייט פון אונז; רייסט זיך פון מאָל צו מאָל אַרויס אויף דער אויבערפלעך, כאַפּט אין איילעניש דעם אָטהעם: — האַ, האַ, האַ, האַ! און ווערט גלייך ווידער אַרונ־טערגעזונקען. און איך האָב זיך געטרייסט: זאָל זיין, אַז אָט די פער־שיעדענע געשרייען קומען גאָר פון דעם קליינעם, בלאַסען מעקסעל. זאָל זיין, אַז דאָס שפּיעלט ער זיך דאָס אַזוי מיט זיך אַליין. בעהאַלט זיך אויס, און לאָזט אַרויס אָט די פערשיעדענע אויסגעשרייען, אָט פון דאָ, און אָט פון דאָרט — — — — —

און איך האָב געלאַכט:

די מעשה מיט פּיבי'ן איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, נאָר דאָ איז אַזאַ געגענד — פויגלען שרייען ווי מענשען. — — —

און דזשאָהן, דזשאהן איז אַ גוטער. אָט זיצט ער דאָך נעבען מיר און דערצעהלט מיר אַזוי גוטע זיינע מעשיות. נאָר די מאַדאַם אַ'נעלסאָן איז אַ סענטימענטאַלע אידענע, און דער אַלטער באַש מיט די גרויסע ברילען אויף דער גרויסער נאָז, איז איהרער אַ פריינד, וואָס גלויבט נאָך ביז היינט אין „אויסמישען זיך", אָדער ווי ער האָט זיך פאַר מיר אַמאָל מיט פייער צו'פאָעטעוועט: „מיר דאַרפען געהן אַנטקעגען אָט דעם גרויסען הייליגען גייסט, וואָס זיין קלייד זענען די פאָהנען פון אַ ל ע פעלקער". און די סענטימענטאַלע אידענע האָט נאָך מן הסתם אַ נאָמען

נעגעבען איהר טאָכטער פּיבי, ווייל עס איז פאראן א ליעד פון א מאָרגען־פויגעל וואָס הייסט פּיבי — „איהר טאָכטער וועט דאָס דעם נייעם מאָרגען וועקען" — — — און נאָך ביז היינטיגען טאָג דאַרף אָט די אידענע בענוצען קונציגע בליקען און אַזאַ מין תאוה־שמייכעל, ווען זי וויל אַז איהר מאַן זאָל זיין גוט צו איהר. און עס איז איהר שווער צו פערשטעהן, ווי אַזוי אַ איד קאָן אָהן עקעל צוזעהן ווי אַ גוי פּאַלט אויף די קניען, קושט די ערד און צלמ'ט זיך.

אין דער איינענער צייט בין איך אָבער אויך געווען גאָר אַן אַנדערער, נעבען וועמען עס איז געזעסען די מאַדאַם אַ'נעלסאָן. איך בין געווען איהר פּאַטער. מיינע אויגען זיינען געווען געווענדט צו איהר:

„מיין קינד! איך האָב געזאָגט דיין מאַמע: — האָסט אַ קינד, אַ טאָכטער, דאַרפסטו איהר דערצעהלען מאַמע־מעשיות, מעשיות ווי די וואָס דו האָסט פון דיין מאַמאַ געהערט. און זי רעדט גאָר אַ פרעמדען לשון, לאָזט זיך דאָס אין אַ פרעמדער כלי ניט איבערגיסען, — קאָן דאָס חלילה ברענגען צו אַן אומגליק, קאָן דאָס חלילה ברענגען צו אַ גרויסען אומגליק. — — — —

און איך בין געווען איהר זיידע און אפשר איהר עלטער־עלטער־זיידע. ניט ווייט פון מיר איז געלעגען מיין וואַנדער־שטעקען, און פערשטויבט איז געווען מיין קלייד. נאָר קלאָר די גרויע האָר פון מיין באָרד און פון די גרויסע ברעמען וואָס זיינען געהאַנגען אַריבער מיינע אויגען. און אַן אייביגער, שוואַר־פערהאַרטעוועטער וועה איינאַיינעם מיט אַן אייביגע ליכטיגקייט און זיכערקייט האָט אַרויסגעקוקט פון מיינע אַלטע אויגען — — — און איך האָב זי געטרייסט מיט מיין זיין נעבען איהר. נאָר אַליין בין איך געווען ניט געטרייסט. — — — —

דזשאָהן'ס שטימע האָט גענומען קלינגען מיעד, און אָט איז ער גאָר אַנטשוויגען געוואָרען, געטראַכט אַ ווייל. נאָכדעם האָט ער גאָר אונ־ערוואַרטעט ביי מיר מיט אַ געמאַכטער פרעהליכקייט אַ פרעג געטהון:

— און מאָרגען וועסטו ערהאַלטען אַ בריעף? — — — — —

דאָס האַרץ אין מיר האָט אַ ציטער געטהון. איך האָב איהם אָנ־געקוקט און געזאָגט:

— איך ווייס ניט. — קאָן זיין...

— און וויליאַמס זאָגט, אַז ער וועט, — האָט מיר דזשאָהן געענט־פערט מיט אַ שמייכעל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אונערטרעגליך שווער און וואַרעם און גוט זענען די בליקען און דער שמייכעל פון אַ מענשען, וועמעס האַרץ איז פון ווערים צוגעסען.

— — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב זיך אָנגערופען:

— פאַר וואָס שרייבסטו ניט ערגעץ? — דערמאָן זיך אָן עמיצען. שרייב, וועט מען דיר ענטפערען.

ביי דזשאָהנ׳ען האָבען די אויגען מיט אַ מאָל אויפגעשיינט הייסער און גלאַנציגער:

— שרייבען? וואָס, געוויס. זיכער! מאָרגען שיקט ער אַרוים דריי בריעף. דריי. געוויס. איהם וועט מען ענטפערען. אַ, אַ, אַ, — וועט מען ענטפערען!

נאָר עפּעס האָט ער מיר שוין מעהר ניט געקאָנט קוקען גלייך אין די אויגען אריין, האָט ער זיך אויפגעהויבען און שמייכלענדיג געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט!“ — און איז אַוועק.

ווען דזשאָהן איז אַוועק, האָב איך זיך דערפיהלט אַליין און מיעד. — — — — איך האָב זיך אויפגעהויבען, זיך געלאָזט געהן צום שטאַל, צו מיין געלעגער. צוקומענדיג צום טיהר, בין איך געבליבען שטעהן אַ ווײַלע — פון שטאַל אַרוים האָט זיך געהערט דאָס געזונטע קייען פון די עטליכע פערד, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, און זייער צופריעדענער פּאַטשען מיט די עקען און בייטען די פיס. נאָר איך האָב זיך געשראָקען:

עמיצער איז אין שטאַל. נאָך אויסער די פערד — — — פּיבי!

און איך בין אויף זיך אין כעס געוואָרען:

„וואָס פאַר אַ נערוועזע שטיק!“

און איך האָב אַ שפּאַר געטהון דעם טהויער און בין אַריין, אינ־איינעם מיט אַ פּאַס דרויסענדיגער נאַכט־ליכט, וואָס האָט זיך אַ לעג געטהון אויף קאָפּ פון שטאַל.

דער שטאַל־ריח האָט מיר אַ שלאָג געטהון אין פּנים אַריין, דאָס קייען פון די פערד האָט זיך דערהערט פרישער און שאַרפער. איין

פערד האָט קייענדיג אויסגעדרעהט צו מיר זיין קאָפּ, מיך אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגען. — — —

אין שטאַל איז קיינער ניט געווען, נאָר ווען איך האָב גענומען געהן אויף די טרעפּ, וואָס פיהרען צו מיין געלעגער, האָב איך פאר זיך דערזעהן פּיבי'ן — — — זי האָט זיך הילכענדיג צולאַכט, זיך אָנהאַלטענדיג מיט איין האנד ביים הארצען. פונקען האָבען מיר א פליה געטהון פון די אויגען. נאָר איך בין געגאַנגען גלייך אויף איהר — — — ווייל איך האָב געוואוסט, אז דאָס דאַכט זיך מיר בלויז, ווייל איך האָב געוואוסט אז אין אמת'ען איז דאָ איצט קיינער נישטאָ.

איך בין ארויף צו זיך, זיך אויסגעטהון, זיך אריינגעלעגט אין בעט און פערמאַכט די אויגען. — — —

די נאַכט איז ליכטיג, דער הימעל איז כמעט ווייס. די בערג הויבען זיך אין דער ווייסער נאַכטיגער ליכטיגקייט. און איך געה אין דער ליכטיגקייט איבער די בערג, האַלט מיין וואַנדער־שטעקען אויף די אַקסלען, און אַנטקעגען, פון ערגעץ, דאָרט ווייט ארויף, בעוויזט זיך דער גרויסער הייליגער גייסט — א ריעז אין א לאַנגען מאַנטעל, געמאַכט פון אַלע פעלקער'ס פאָהנען — — — און איך געה אין דער ווייסער ליכטיגקייט אַנטקעגען דעם ריעז און קום אַלץ נעהנטער און נעהנטער. אָט בין איך שוין גאָר נאָהענט פון איהם. פּלוצלונג אָבער גיט דער ווינד א בלאָז איין עק פון זיין פאָהנען־קלייד, און איך דערזעה, אז דער ריעז האָט גאָר ציגענע פיס. — — —

איך האָב א ציטער געטהון, זיך א וויעג געטהון, צועפענט ברייט מיינע אויגען — — — —

פינסטער, נאַכט, און א שווערער „היי אין שטאַל" ריח. — — —

# XIII

דאָס וואָס די מאַדאַם אָ'נעלסאָן איז בלאָנד, דער מיסטער אָ'נעלסאָן געל, און פּיבי איז דוקא געבוירען געוואָרען אַ ברונעטקע, איז מיר בעזונדער געפעלען געוואָרען. און אין מיר איז דערפאַר אויפגעוואַקסען אַ בעזונדער שעהנער און ליכטיגער געפיהל פאַר פּיבי'ן. נאָר ווען פּיבי איז צו מיר איינמאָל צוגעגאַנגען, דאַן ווען איך האָב געהאָדעוועט די יונגע הינטלעך (איך האָב די קליינע הינטלעך זעהר ליעב געקראָגען, געבען איינע פון די שטאַלען האָב איך פאַר זיי אויפגעקלאַפּט אַ בעזונדער הייזעל, און יעדען מאָל ווען איך פלעג קומען עסען פלעג איך זעהן אַז אויך זיי זאָלען ניט בלייבען הונגעריג) — און געוואָלט מיט מיר פערפיהרען אַ שמועס, האָב איך גראָב געענטפערט:

— מיס אָ'נעלסאָן, איהר שטערט מיר אין דער ארבייט!

פּיבי האָט זיך אויף אַ ווײַלע צולאַכט. באַלד אָבער איז זי געבליבען שטעהן, האָט אויף מיר גענומען קוקען, ווי זי וואָלט ניט געווען זיכער צי דאָס בין איך.

איך פון מיין זייט האָב אויף איהר געקוקט פרעמד און אָנגעבלאָזען...

זי איז פון מיר גלייך אַוועק, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט...

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט זיך געמאַכט, אַז איינמאָל פאַרנאַכט מיר האָבען שוין געהאַט אויסגעמאָלקען די קיה, זיי פערטריבען אויף נאַכט אין די בערג, און מיר, די ארבייטער, זיינען שוין געגאַנגען צו דער הויז זיך איינוואַשען, איז צו מיר ארויסגעקומען פּיבי און מיך געבעטען, איך זאָל פאַר איהר אָנזאָטלען איהר פערד. איך בין אַוועק אין שטאַל און זיך גענומען אָנזאָטלען איהר „קיידי". זי איז מיר נאָכגעגאַנגען און מיר גענומען ארויסהעלפען. ווען דאָס פערד איז שוין געווען אָנגעזאָטעלט, האָב איך דאָס גענומען פאַר'ן צוים און געוואָלט ארויספיהרען פון שטאַל פון איהרט וועגען.

.. ניין, ניט נויטיג, — האָט זי געזאָגט, — זי וויל זיך אַרויפזעצען אויפ'ן פערד גלייך, באַלד, דאָ אין שטאַל.

איך האָב זי גענומען אונטער'ן האַנד אַרויסצוהעלפען איהר אַרויף אויפ'ן פערד.

איהר האַנט איז גוט און רונד און שעהן. — — — —

ווי נאָר זי האָט זיך אויפגעהויבען מיט איין פוס אויפ'ן אייזען פון זאַטעל, האָט זי זיך אונגערן אַ וויכנע געטהאָן און איז אַראָפגעפאַלען צו מיר אין די הענט. — — —

איך האָב זיך ענטשולדיגט.

זי האָט געקוקט אויף מיר און געלאַכט. — — — —

ביים צווייטען מאָל האָט געטראָפען דאָס אייגענע, און פיבי האָט זיך נאָך קליינגענדער און שעהנער צולאַכט.

ביים דריטען מאָל איז זי מיר ווידער אַריינגעפאַלען אין די הענט... איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם וועלאָסיפּעד און דער קאַר וואָס האָט זיך אַ יאָג געטהאָן אויף איהר. איך האָב זיך דערשראָקען און בין אין כעס געוואָרען און געזאָגט:

— וואָס איז דער מעהר מיט אייך, מיס אַ'נעלסאָן! איהר קענט ניט פאָהרען, טו וואָס זשע האָט איהר געהייסען זאַטלען?!

זי האָט גלייך אויפגעהערט לאַכען, האָט אויף מיר שטאָלץ אַ קוק געטהאָן, כמעט מיט פעראַכטונג, און האָט זיך גלייך אַליין אַרויפגעכאַפּט אויפ'ן זאַטעל און איז שנעל אַרויס פון שטאַל, און איז אוועק.

## XIV

די בערג זיינען שעהן, די בערג זיינען רייך. אָבער מיר האָט אָנ־געהויבען ווערען ענג צווישען זיי — — — איך האָב זיך אומגעקוקט, אַז וואו נאָר איך זאָל ניט אויפהויבען מיינע אויגען שלאָגען זיי זיך אָפּ אָן בערג — — — די בערג מיט זייערע הויכע רוקענס זיינען פאַר מיר געשטאַנען ווי ווענט און האָבען פאַר מיר פערשטעלט דעם רוים, די ווייטקייט.

מיר האָט זיך געוואָלט, אַז ווען איך זאָל וועלען ריכטיג אויסשפּרייטען מיינע הענט, וואָלט איך ניט קאָנען איבער די בערג. — מיינע הענט וואָלטען זיך אָפּגעשלאָגען אָן אָט די טייוועלשע בערג און בערג. מיר האָט זיך פערגלוסט ערד־ארבייט ?! איך האָב זיך פערבענקט נאָך שווערע און שטאַרקע בעוועגונגען! אָבער דאָס איז דאָך אויך געווען פערבונדען מיט מיין בענקען נאָך רוים און ווייטקייט. נאָך פרייע, ווייטע און אָפּענע פעלדער, וואָס זאָלען זיך שטענדיג שפּרייטען פאַר מיינע אויגען און זאָלען מיר געבען די מעגליכקייט זיך איבערצופילען מיט ווייטקייט און רוים. און דאָ בין איך גאָר אריינגעפאַלען אין אַ פּאַסטקע פון בערג. און דערצו נאָך פּיבי! — — —

נאָט מיינער! ווי אַזוי האָט זיך גענומען פּיבי אַהער? — — —

וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידעל?

פון וואַנען האָט זי זיך גענומען?

ווי קומט זי גאָר איבערהויפּט צו זיין אַ טאָכטער פון דער הויז?

און וואָס איז דאָס פאַר אַ הויז?

וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מענשען, וואָס נאָכדעם ווי איינער ארבייט ביי זיי אָפּ אַ צייט שווער און ביטער, בעצאָהלט מען איהם ניט, און מען לאָזט איהם אפילו ניט אָפּעסען, און מען צושלאָגט איהם נאָך ביז בלוט, און מען ווארפט איהם ארויס ווי אַ הונט? — — —

און וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מענש, וועלכער איז אַוועק אַ

צובלוטיגטער אויף דעם ווייסען שטויביגען וועג צווישען די בערג און האָט זיך שוין מעהר ניט אומגעקעהרט? — — —

עס פלעגט מיר די מאַמע דערצעהלען מעשיות פון „ניט־גוטע“ — און די בערג, די וועלדער, די פויגעל, די הויז, די מענשען, די שטאָלען און די בהמות אפילו האָבען מיר ביסלעכווייז געגומען אויסזעהן ווי די „ניט־גוטע“ פון יענע מעשיות...

און מיט געלעכטער און מיט שרעק האָב איך גענומען טראַכטען, אז איך בין אהער פערפיהרט געוואָרען — — — און אפשר טאַקע איבער פיבי'ן, אָדער דורך פיבי'ן — דאָס האָט פיבי פאַר מיר אזא נעץ פער־שפרייט. — — — — —

איך האָב גענומען טראַכטען, אז מען דאַרף זיך זעהן אַרויסרייסען פון דאַנען.

זאָל זיין צוריק קיין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק זיינען דאָך דאָ מיינע ליעבסטע, לאַנגע גאַסען, וואָס ציהען זיך אוועק גלייך און ווייט אויף מיילען. — — —

עס איז געוועזן אבענד, נאַכט. די „גאָוטסאָקער“ פויגלען האָבען ווי רוחות אָדער פערשטעלטע געשריען אין דער נאַכט. פערבענקט, האָפ־נונגסלאָז, שאַרף און בייז. אייניגע פון זיי האָבען ווי געטריבען פון זיך מיט געשרייען: טהו אוועק! טהו, טהו, טהו אוועק! אנדערע ווידער האָבען ווי חוזק'דיג נאָכגעשריען: „ווילי־קאם־גאָ! ווילי־קאם־גאָ! ווילי־קאם־גאָ!“ און דער האַ־האַ־האַ־פויגעל האָט געשריען ווי א משוגע־נער, אָדער גאָר ווי איינער וואָס טרינקט זיך, — ווי איינער וואָס מאַכט נאָך, כלומרשט ער טרינקט זיך.

ווי אַלע מאָל, האָט זיך אויך דעם אָבענד אָפטער ווי אַלע אנדערע געשרייען געהערט דער ווי־פור־וויל געשריי. נאָר היינט האָבען די גע־שרייען עמיצען עקשנות'דיג און ביטער געשמיסען. — — —

איך בין א מיעדער געלעגען אין מיין סקריפּענדיג בעט, די ווילדע פויגעלשע געשרייען האָבען מיך אויפגעהויבען און געוואָרפען הויך איבער די בערג און טהאָלען. — — —

מיין האַרץ האָט זיך גענומען רייצען און וואַרעמען, און איך האָב דערהערט ווי עס דאַוועגט, זאָגט און בעט: — „ניו יאָרק! ניו יאָרק! ניו יאָרק!“

מיינע ברעמען האָבען זיך גלייך צונויפגעשלאָסען, אָבער דאכט זיך אויף וואָרעם־פערטרערטע אויגען. מיינע ליפּען זיינען ווי פון עפּעס אָנגעריהרט געוואָרען און זיך צועפּענט, און אינאיינעם מיט זיי האָבען דאכט זיך אויך צועפּענט אַלע מיינע אָדערען, אַלע מיינע ביינער און האָבען גענומען תפילה'דיג מיטזינגען: „ניו יאָרק! ניו יאָרק! ניו יאָרק!"

מיר איז אָבער נאָך ניט געוועזען בעשערט אזוי גיך ארויסצורייסען זיך פון א'נעלסאָן פאַרם.

## XV.

מאָרגען. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פּאַרטאָג, גענומען מיין שטעקען, און בין מיר אַרויס פון שטאָל צונויפזאַמלען די בהמות.

די וואָלקענס, וואָס האָבען זיך אויף איבער־נאַכט אַראָפּגעלאָזען אויף די בערג און זיי פערדעקט מיט זייערע געדיכטע פאַלדען, זיינען ווי פון עמיצענס הענד געצויגען געוואָרען אַרויף.

דאָ און דאָרט האָבען זיך די וואָלקענס פאַנאַנדערגענומען און בעוויזען דעם אָדער יענעם טהייל פון די בערג, אויף וועלכע עס זיינען שוין געפאַלען די שטראַהלען פון דער יונגער זון.

איך בין געגאַנגען אויף די בערג, צווישען וואָלקענס, בוימער און זון־שיין.

איך בין אַרויף אויף דעם צווייטען גרויסען באַרג, וואָס איז בע־וואַקסען מיט וואַלד, בין אַרויס אויפ'ן אָפענעם פעלד וואָס געפינט זיך אויפ'ן סאַמע קאָפּ פון באַרג און האָב זיך מיט'ן פעלד פערנומען צו יענער זייט פון וואַלד וואוהין עס פערקלייבען זיך אָפט עטליכע פון די בהמות. פּלוצלונג אָבער האָט עפּעס פאַר מיר אַ שפּרונג געטהאָן, און איז געבליבען שטעהן צווישען די בוימער. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט מיינענדיג אַז דאָס האָט זיך אַ בהמה איבער עפּעס אַ סיבה אַ יאָג געטהאָן און איז מיט אַ מאָל אַזוי ראַש שטעהן געבליבען. איך האָב זיך אומ־געקוקט און פאַר זיך דערזעהן ניט קיין בהמה, נאָר צוויי יונגע געלע הירשען מיט ווייסע בייכער. זיי זיינען געשטאַנען צווישען די בוימער ווי איינגעגראָבענע און געקוקט אויף מיר מיט אויפגעהויבענע קעפּ, מיט ריינע און גרויס־צועפענטע אויגען. — — —

איך האָב געמאַכט אַ טראָט צו די הירשען, האָבען זיי זיך גלייך אָפּגעריסען און אָפּגעשפּרונגען — — — איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, האָבען זיי זיך אויך באַלד אָפּגעשטעלט און האָבען זיך ווידער אויס־געדרעהט מיט'ן פּנים צו מיר און מיך אָנגעקוקט. — — —

ווילדע, פרייע הירשען! עמיצער האָט געזאָגט: „אַ ווילדער הירש וואָס בלאָנדזשעט ארום דאָ און דאָרט היט אוים די מענשליכע נשמה פון טרויער". זאָל ער זיין געבענשט פאַר דעם שעהנעם אמת.

יונגע צאַפּעלדיגע הירשען! איינער מיט הערנער, איינער אָהן הער־נער. ביידע אַלץ איין גרוים און הויך, ביידע רויטליך־געל און ווייס־בייכיג. ביידע האָבען פּיעלייכט צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען אַזוי ניט ווייט פון זיך אַ מענשען דערזעהן. ווי אונשולדיג, ווי אויפ־ריכטיג און דאָך ווי קלוג זיי האָבען געקוקט אויף מיר, און מיך אָנגע־קוקט!

ביז די הירשען האָבען זיך געפונען אויף דעם בעוועלדערטען בארג האָבען זיי מיך אויף אַ רגע ניט אָפּגעלאָזען פון די אויגען. ווי נאָר אָבער איך האָב זיי ארויסגעטריבען אויף די בערג, וואָס זיינען גרין בעגראָזט און גלאַט, האָבען זיי זיך אַ יאָג געטהאָן פון מיר און גענומען פליהען אַזוי, אַז מיינע בליקען האָבען קוים געקענט נאָכלויפען נאָך די פּאַסען פון זייערע לייבער. זיי האָבען זיך כמעט שווימענדיג געטראָגען איבער באַרג און טהאָל און בערג. — — —

איך האָב צונויפגעזאַמעלט די בהמות און זיי גענומען טרייבען אהיים, און דערזעהן אַז ביי איינער פון זיי איז דער אייטער צובלוטיגט, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז דאָס גאַנצע פּנים האָט זיך ביי מיר צונויפגע־קנייטשט פון מיטפיהלענדען וועה.

ווען איך האָב די בהמות געבראַכט אהיים און אָנגעוויזען אויף דער בהמה, האָט מיר וויליאַמס גלייך דערצעהלט בסוד, אַז דאָס מוז זיין די ארבייט פון אַ היימישען. און דערביי האָט ער מיך אליין דורכדרינגענדיג אָנגעקוקט... איך האָב אויף איהם מיט פּעראַכטונג אַ קוק געטהאָן און איהם איבערגעלאָזט. ער אָבער האָט מיך נאָכדעם געכאַפּט און מיר ערקלעהרט, אַז איך בין אַ נאַר, ווייל איהם, אדרבא, וואונדערט, פאַר וואָס די ארבייטער שניידען דאָ ניט איבער די העלזער פון די בהמות. ווייל אַזעלכען ווי אַ׳נעלסאָן דאַרף מען אָנלערנען, ווייל אַז ער קריגט אריין אַן ארבייטער וויל ער פון איהם ארויספּרעסען די נשמה. ווייל דער אַ׳נעלסאָן איז אַ פּערדאַמט שלעכטער מענש. און צי ווייס איך, אַז אַ׳נעלסאָן האָט איהם שוין צוויי מאָל געגעבען צו פּערשטעהן, אַז דעם קליינעם מעקס דאַרף מען צובלוטיגען אַזוי, אַז ער זאָל אוועק פון

פּארם? — — — ווייל זינט אַ׳נעלסאָן האָט צוגעקראָגען די נייע צוויי אַרבייטער האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז דער „קיד” איז ניט ווערטה די געלד. אַ׳נעלסאָן האָט איהם געזאָגט, אַז ער וואָלט דאָס אַליין געטהאָן, נאָר ער האָט מורא, אַז איהם קען מען נאָך פאַר אַזאַ זאַך אַרעסטירען. און אַזוי גלאַט אָפּזאָגען מעקסען קאָן ער ניט, סיידען ער בעצאָהלט איהם פאַר׳ן גאַנצען מאָנאַט, ווייל ער איז צו איהם געשיקט געוואָרען פון אַזאַ געזעלשאַפט.

— יאָ, אָבער פאַר וואָס ביזטו דאָס דער, ווען ער האָט דאָס אָנגעבאָטען? — האָב איך ביי איהם געפרעגט.

וויליאמס גרויע, וואַסערדיגע אויגען זיינען אויף אַ ווייל צוטומעלט געוואָרען — — — באַלד אָבער האָט ער זיך געכאַפּט און אויפ׳ן אָרט פון ווערען אין כעס אויף מיר, האָט ער גאָר מיט אַ בעזונדער אינטימער שטילקייט אין קול געזאָגט צו מיר:

— ער האָט דאָס געזאָגט צו יעדען פון די אַרבייטער, צו יעדען, — אויסער דיר, ווייל ער איז אַ פערדאַמט שלעכטער און כיטרער מאַן! ביי יעזוס! אַזאַ מאַן ווי דער אַ׳נעלסאָן דאַרף זיין אַרעסטירט, וואָלט גע־דאַרפט זיין אין פּריזאָן, גאָט פערדאַמט! — פאַר וואָס האָט ער דאָס אונז געזאָגט? — ער ווייס אַז עמיצער פון אונז וועט זיך וועלען אויס־פיינען און וועט דאָס טהאָן פאַר איהם... יאָ, איך קאָן איהם גוט, איך ווייס וואָס ער מיינט, קיינער קאָן איהם ניט אַזוי גוט ווי איך, וויליאמס.

איך מיט וויליאמס׳ען האָבען אָנגעבונדען און געגעבען עסען די בהמות אין איין שטאַל, און פון דער צווייטער שטאַל האָבען זיך געטראָגען דזשאהן׳ס צורייצטע קולות — ער מיט אַן אַנדער אַרבייטער האָבען זיך דאָרט געפּאָרעט מיט די „האַלבע” בהמות.

דזשאהן׳ס קולות האָבען זיך פון דאָרט געטראָגען צורייצט און בייז, פּונקט ווי ער וואָלט זיך דאָרט געקליבען צו דער׳הרג׳ענען די בהמות מיט דעם אַרבייטער.

די לעצטע טעג איז אונזער בלאָנדער ריעז, דזשאהן, מיט אַמאָל ווילד געוואָרען.

שולדיג אין דעם איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט געקראָגען קיין ענטפער אויף די בריעף וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט. ער האָט שוין זיך אַליין געהאַט איינגערעדט, אַז ער וועט זיכער קריגען אַ בריעף — אַ, אַ,

וועט ער קריגען אַ ברייוו! די לעצטע פאַר טעג אָבער האָט ער שוין מעהר פאַר קיינעם ניט גערעדט וועגען דעם. — נאָר אַלץ פאַראיינס זיך מיט אַלעמען געקריעגט און געזידעלט.

אַ בייזער האָט דזשאהן פערלאָזען זיין שטאַל און איז אַריין צו אונז בעטראַכטען די צובלוטיגטע בהמה. די בהמה, זי איז געווען איינע פון די וואָס מעקס פלעגט מעלקען, איז מעקס אויך צוגעקומען און איז גע־בליבען שטעהן פאַר דער בהמה און פאַר דזשאהנען אַ בלאַסער, מיט׳ן מילך־עמער אין איין האנד, מיט׳ן בענקעלע אין דער צווייטער און האָט געשמייכעלט. האָט דזשאהן אויפגעהויבען זיין בייזען קאָפּ און האָט זיך צושריען:

— דו פוילער נישט! וואָס שטעהסטו דאָ און לאַכסט?!

האָט מעקס אויף איהם שמייכלענדיג אַ קוק געטהאָן און געענטפערט, אַז ער לאַכט ניט...

האָט איהם דזשאהן דערפאַר גלייך דערלאַנגט אין פּנים אַריין. —

מעקס איז געבליבען שטעהן, ניט וויסענדיג קלאָר וואָס מיט איהם איז דאָ פאָרגעקומען. נאָר אַט האָט ער דערפיהלט בלוט אויפ׳ן פּנים, האָט ער געלאָזט פאַלען דעם עמער מיט׳ן בענקעלע, אַ שמיר געטהאָן מיט דער האנד און דערפיהלט, אַז דאָס פּנים איז נאַס, בלוט — — — און ער האָט זיך צושריען ווי אַ וויינענדיג קינד.

וויליאַמס האָט צו מיר גלייך אַ ווינק געטהאָן מיט אָנגעצונדענע אויגען, ווי ער וואָלט זאָגען: „אַט איז דאָס! זעהסט?!" באַלד אָבער איז וויליאַמס עפּעס ווי צומישט געוואָרען און איז אויך צוגעלאָפען צו מעקסען, איהם אָנגעכאַפּט פאַר׳ן קאָלנער און איהם מיט אַ קלאַפּ ארויס־געוואָרפען פון טהיר! — — —

נאָכדעם האָט מיר וויליאַמס ביי יעזוסען געשוואָרען, אַז ער האָט גאָר ניט געמיינט, נאָר ער קען איהם ניט פערטראָגען.

דזשאהן האָט נאָכדעם קיינעם פון אונז ניט געקענט קוקען אין פּנים אַריין.

מעקס איז מיט אַ קוויטשעדינען געוויין אַוועק צום הויז טראָגענדיג דעם פערבלוטינטען פּנים פאַר זיך. פיבי איז איהם ארויס אנטקעגען. עס איז נאָך געווען פריה, אָבער זי איז שוין געווען צוגעקליבען און אָנ־געטהאָן ווי אַ שטאָדטישע ליידי. זי האָט איהם אָנגענומען אונטער׳ן

האַנד, איז מיט איהם צוגעגאַנגען צום הויז, האָט אַרויסגעטראָגען וואַסער און איהם געהאָלפען זיך איינוואַשען. ער האָט דערביי דורך טרעהרען צו איהר גערעדט און דערצעהלט.

מיסטער אָ'נעלסאָן איז אַרויס פון הויז, אַ קוק געטהאָן אויף מעקסען און אויף פּיבי'ן. — — — פּיבי האָט אויך אַ קוק געטהאָן אויף איהם — — — דאָס זיינען געווען בליקען פון אַ טאַטען מיט אַ טאָכטער, וואָס זיינען צווישען זיך גאָר ניט היימיש, וואָס זיינען זיך, ווייזט אויס, שטענ־דיג אין עפּעס חושד. — — —

אָ'נעלסאָן האָט פון דער ווייטענס אַ פרעג געטהאָן, ווער עס האָט דאָס געטהאָן, נאָך אַ מאָל אַזאַ מאָדנעם קוק געטהאָן אויף דער טאָכטער און איז אַוועק צו די בהמות.

---

פּיבי האָט צו מיר ניט גערעדט. און מיך אויסגעמידען זינט דעם מאָל וואָס זי איז אַרויסגעפאָהרען רייטענדיג פון שטאַל. די מאַדאַם אָ'נעלסאָן פלעגט זיך אָבער ביי יעדער געלעגענהייט גאַנץ פריינדליך ווענדען צו מיר. דעם פריהמאָרגען בין איך צו אָנבייסען גראָד אריין אין הויז פריהער פון די איבעריגע אַרבייטער, און האָב זי געטראָפען אין קיך. נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך איבערגעביטען מיט די גוט־מאָרגענס, האָט זי מיר געזאָגט:

— אַ שעהנער מאָרגען דער היינטיגער מאָרגען.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט. — היינטיגער מאָרגען איז ווירק־ליך געווען אַ שעהנער, און דערצו האָבען מיך נאָך היינט בעגעגענט אַ פּאָר יונגע געלע הירשען.

— טאַקע! — האָט זי אויסגעשריען.

איך האָב איהר גענומען דערצעהלען וואו און ווי אַזוי.

און זי האָט מיר דערפאַר אויך דערצעהלט, אַז אַ־דאָ ניט לאַנג צוריק האָט זיך אַ מאַמע־הירש געשפּיעלט מיט אַ פּאָר נאָך גאָר יונגע קינדער־הירשען, ניט ווייט פון פענסטער פון איהר הויז. און אַז עס איז געווען אַן אמת'ער וואונדער צו קוקען ווי אַזוי זיי האָבען זיך געשפּיעלט און געוואָרעמט געגען דער זון. און דערווייל אַזוי רעדענדיג האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין אַ געוויסען פּלאַץ אין וועלדעל, וואו אַ פּאַרקאַן פון שפּיציגע דראָטען טהיילט אָפּ אָ'נעלסאָן'ס פאַרם, זיינען מיינע הירשען

אַריבער גלייך ווי דאָרטען וואָלט גאָר קיין פּאַרקאַן ניט געווען. מיר איז דאָס געוואָרען פּערדעכטיג. ווען איך בין געגאַנגען דעם צווייטען מאָל צונויפנעהמען די בהמות, בין איך צוגעגאַנגען צו יענעם פּלאַץ אין וועלדעל און האָב אויסגעפונען, אַז דער פּאַרקאַן איז אומגעוואָרפען — די פּלעקער, אויף וועלכע די שפּיציגע דראָטען זיינען געווען פּערצויגען, זיינען אונטערגעפוילט געוואָרען און אומגעפאַלען און זיינען דאָ און דאָרט געבליבען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים אָדער אָן אַ פעלז. אין איין פּלאַץ זיינען די דראָטען געווען פּערבלוטיגט, און דער סליאַד בלוט, וואָס האָט זיך פון דאָרט געצויגען, האָט קלאָר דערצעהלט, אַז די בהמה האָט צור־ריסען דעם אייטער אָן די דראָטען. איך האָב דערוויי־ל ווי ניט איז אונטערגעשפּאַרט דעם פּאַרקאַן, ווייל דער פּלאַץ איז געווען זעהר אַ געפעהרליכער. — עטליכע שפּאַן פון דעם פּאַרקאַן האָט זיך דער פעל־זיגער באַרג אָפּגעריסען צום טייך, און ווען אַ בהמה וואָלט פון דאָרט אַראָבפאַלען, וואָלט זי צובראָכען און צוריבען געוואָרען אין אַ קופּע פלייש. איך האָב עס נאָכדעם דערצעהלט אָ'נעלסאָנ'ען און האָב איהם צוגעזאָגט, אַז אין אָבענד, ווען מיר וועלען פאַרטיג ווערען מיט דער אַרבייט, וועל איך נעהמען אַ האַק און וועל געהן אהין צוריכט מאַכען דעם פּאַרקאַן.

# XVI.

פאַרנאַכט. גרויסע, בלויע שטיקער נעבעל האָבען זיך גענומען הויבען פון דער גרינער ערד ווי אונטערגעשאָסענע פויגלען.

איך האָב פערלעגט אַ האַק אויפ'ן אַקסעל, אָנגעטהאָן מיין גרויסען שטרויענעם הוט, און זיך געלאָזט אין די בערג, אַהין צו דעם אומגעוואָר־פענעם פּאַרקאַן.

ביי מיר איז געווען קלאָר, אַז היינטיגער אָבענד איז דער לעצטער, וואָס איך פערברענג צווישען די בערג. מאָרגען ענדיגט זיך מיין מאָנאַט, און מאָרגען פאָהר איך אַוועק פון דאַנען. און איך האָב דעריבער מיט אַ בעזונדער אויפמערקזאַמקייט געקוקט אויף די קנייטשען און פאַלדען פון די בערג, און אויף דער פאַרנאַכטיגער לופט, וואָס האָט זיך מיט אַ טיעפען און שווערען בענקען געצויגען פון באַרג צו באַרג, פון וואַלד צו וואַלד; און אויף די שטיקער נעבעל וואָס האָבען זיך פון אַרום און אַרום און פון אונטער מיינע פיס געהויבען און צוריקגעפאַלען און זיך גלייך ווידער געהויבען, זיך געצויגען און זיך בעהעפט, איין שטיק מיט דער צווייטער און מיט דער דריטער און זיך נאָכדעם מיט מעהר כח גענומען קנייטשען און הויבען.

ווען איך בין ארויף אויפ'ן באַרג און צושיקט מיינע בליקען צו די בערג פון נאָהענט און ווייט, האָבען זיך שוין אין דער לופט אַרומגע־טראָגען דורכזיכטיגע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך געקנייטשט ווי גרויסע און דורכזיכטיגע שטיקער זייד מיט נאָך ניט קיין דערוועבטע ברעגען — — — און דער נעבעל האָט זיך שוין ווי אַ רויך גענומען הויבען פון דער ערד. ווי אַ רויך האָט ער זיך גענומען אַרויסשפּאַרען פון די וועל־דער — — — און ניט איך בין איצט געשטאַנען אויפ'ן באַרג מיט דער האַק אויפ'ן אַקסעל, נאָר עמיצער אַ גרויסער איז אויפגעגאַנגען פונ'ם רויכיגען נעבעל. געווען איז ער הויך און שטאַרק געבויט. לאַנג איז געווען זיין באָרד און גרוי זיינע האָר, גרויס און ווייט זיינע אויגען, און

זיכער און קלאָר זיינע בליקען. און דער נעבעל אַרום איהם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו דעם זוים פון זיין קלייד, ביז צו די סאַנדאַלען פון זיינע פיס. און דער נעבעל איז אַרום איהם געבליבען שטעהן אין א ברייטען רינג. — — — — — — — — — — — — —

און אַט בין איך שוין אין וועלדעל, האַק מיט מיין האַק גלייכע, יונגע בוימעלעך. און מיין יעדער האַק הילכט אָפּ צוריק מיט א פאַרנאַכטיגער טיעפקייט דריי, פיער און פינף מאָל פון דריי, פיער און פינף פערשיעדענע פלעצער. און פון יעדען פלאַץ קומט דער ווידערקלאַנג צוריק מיט אַן אַנדער אָפּקלאַנג און דאַך מיט דעם איינענעם טאָן. אַט קלאַפּ איך שוין די פריש אָנגעהאַקטע פלעקער צום פאַרקאַן און הער אַלץ מיין יעדען קלאַפּ אָפּקלינגען דריי, פיער און פינף מאָל צוריק. — — — אַט בין איך שוין באַלד פאַרטיג מיט דער אַרבייט, אָבער איידער איך קלאַפּ אַריין דעם לעצטען פלאָקען, דערהער איך — עמיצער איז אַריין אין וועלדעל און האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון מיר — — — עמיצער איז אַריין אין וועלדעל — — — אָבער איך האָב זיך ניט אויסגעדרעהט, ניט אומגעקוקט און האָב מיר ווייטער געטהאָן מיין אַרבייט.

און אַט בין איך שוין פאַרטיג געוואָרען מיט מיין אַרבייט. עס איז שוין געוואָרען פינסטער, פינסטערלעך. עס האָבען זיך שוין געהערט די ווי־פור־וויל־געשרייען. איך האָב מיר צוריק פערלעגט די האַק אויפ׳ן אַקסעל און זיך געלאָזט געהן אַהיים. אָבער ווי נאָר איך האָב געמאַכט א פּאָר שפּאַן, האָב איך פאַר זיך גלייך דערזעהן פּיבי׳ן, אין אָבענד, צווישען די בוימער אין א טונקעלעם קלייד, מיט לויכטענדיגע אויגען.

איך בין נעבליבען שטעהן. מיר האָבען זיך אָנגעקוקט. — — —

זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט:

— איהר האָט זיך דאָ היינט געיאָגט נאָך הירשען?

זי איז געווען בלאַס, צושראָקען. נאָר איהרע וואונדערבאַר־גרויס־צועפענטע אויגען האָבען געקוקט שאַרף און ליכטיג־שעהן. איך האָב געקוקט אויף איהר און זיך דערמאָנט — עמיצער האָט געזאָגט: „גיב זיך איבער אין פאַרקאַ׳ס הענד פּרייוויליג, און זאָל זי אַריינוועבען אין דעם פאָדעם פון דיין לעבען וואָס איהר ווערט זיך וועלען“.

איך בין ניט געווען צופריעדען פון דעם פלוצלונגדיגען געדאַנק, און דאָך האָב איך אַראָפּגעלאָזט די האַק פון מיין אַקסעל און האָב צו איהר געענטפערט: „יאָ!" און האָב זיך צוגעזעצט אויפ'ן גרויסען שטיין, וואָס איז געוואַקסען פון דער ערד צווישען די בוימער, ניט ווייט פון מיר.

פּיבי איז צוגעקומען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן שטיין נעבען מיר. — — — — — — — — — — —

## XVII.

מיינע פערלאַנגען זיך אַרויסצורייסען פון דעם פּלאַץ איז, איבער דער בענגעניש אין וועלדעל, אָפּגעלעגט געוואָרען פון טאָג צו טאָג. כמעט יעדען טאָג פלעג איך זיך נאָכדעם טרעפען מיט פּיבי'ן אויף דעם זעלבען אָרט אין וועלדעל. כאָטש איך פלעג זיך מיט אַלע מיינע כחות רייסען. כאָטש איך האָב קיינמאָל ניט פערגעסען צו רעדען מיט איהר פון „וויכטיגע ענינים" און פון רוים און פון ווייטקייט און פון דעם, אַז דער מענש בעזיצט אַ סך שלעכטע כחות, וואָס ווענדען אָפּ זיינע בליקען פון דעם רוים און פון דער אמת'ער ווייטקייט. פּיבי אָבער איז שטענדיג געוועזען קלוג און רייך אויף איינפאַלען און איך בין אַלץ מעהר און מעהר אַנגעבונדען געוואָרען אָן אונזערע בעגעגענישען און פלעג מיט אַ ציטער־דיגער אונרוהיגקייט וואַרטען אויף זיי.

אויף דער וועלט זיינען דאָ גוים און אידען! — ניין, דאָס האָבען מיר נאָר ניט געדענקט און ניט געוואָלט געדענקען. נאָר איינמאָל האָט זי ביי מיר געפרעגט, וואָס איך האָב געהאַט צו איהר „אָרעמער מאַמע"? איהר אָרעמע מאַמע האָט איינמאָל איבער מיר געוויינט... דריי טעג האָט זי געוויינט און איז פון הויז ניט אַרויס — — — אָך יאָ, איך בין דאַן געוועזען שולדיג. איך ווייס דאָס אַליין, אָבער איך האָב דאָך אַזוי ווייניג געוואוסט, ווער איהר מאַמע איז און וואָס זי האָט פון מיר געוואָלט האָבען מיט איהרע שאלות. — — — אָבער די וועלט איז אַ מעשה וואָס דערצעהלט זיך פאַר דער אייביגער אונענדליכקייט און מיר אַלע זיינען קינדער פון דער מעשה; בייזע קינדער, גוטע קינדער, און מיר שפּיעלען זיך אַלע אויפ'ן ברעג פון אונענדליכקייט, אויפ'ן ברעג פון רוים און ווייטקייט.

צי אין ליעבע איז דאָ רוים און ווייטקייט?

יאָ, געוויס.

נאָר אינאיינעם מיט דער ליעבע ווערען אָבער אויך געבאָרען פיינד־

ליבע כחות וואָס טויטען בּיסלעכוויַיז אָפּ דעם רוים און די ווייטקייט פון דער ליעבע.

דעריבער דאַרף מען זעהן זיין געהיט. מען דאַרף שטענדיג זיין אויף דער וואַך. — — — —

ליעבע, דאָס איז אַ ברייטער און ווייטער טייך. אמאָל אויך אַ גרויסער און שטורמדיגער ים. און מענשען מיט קליינע כחות יאָגען זיך שטענדיג צום נאָהענטסטען ברעג. מיר אָבער פּיבי! פּיבי! — — —

און פּיבי פּלעגט דערביי אויף מיר קלוג קוקען און זיך איינהערען ווי מען הערט זיך איין אין די פּלוידערייען פון אַ קינד וואָס מען האָט ליעב — — — אָפּט פּלעגט זי מיט מיר אויך מיטפּלוידערען

— רוים און ווייטקייט! — האָב איך אַמאָל אויסגעשריען און זי דערביי אַרומגענומען מיט מיין לינקער האַנד, און די רעכטע האָב איך אויסגעשטרעקט פאַר זיך אין דער ווייטער נאַכט, וואָס האָט זיך מיט אַ בּעזילבּערטער בלויקייט געשפּרייט איבער די בערג:

— רוים און ווייט, פּיבי! קום נאָמיר פליהען! — — —

— און אַז איך וועל לאַנג ניט קענען מיטפליהען?

— וועסטו דאַנקען פאַר דעם, וואָס ביזט כאָטש אַ ביסעל מיט־געפלייגען.

— און די וואָס קענען זיך גאָרניט אויפהויבען?

איך האָב זי פעסטער צוגעדריקט צו זיך און געזאָגט:

— זאָלען זיי פאַלען, זאָלען זיי בעסער פאַלען!

און מיר זיינען ביידע געשטאַנען אויף אַן אָפּענעם באַרג איינס נעבען אַן אַנדער, און די נאַכט האָט זיך פאַר אונז געצווייגען נאַקעט, גרויס און ליכטיג ריין.

פּיבי האָט מיט מיר געקוקט אין דער נאַכט, געטראַכט אַ ווײַלע און געפרעגט:

— און ווי אַז פליהענדיג מיט דיר וועל איך פאַלען, — וועסטו פליהען ווייטער?

איך האָב געענטפערט:

— עס פאַלען בלויז די וואָס האָבען מורא, אַז זיי וועלען פאַלען.

זי אָבער האָט פאַר'עקשנ'ט איבערגעפרעגט:

— און אַז איך וועל פאַלען, וועסטו פליהער ווייטער?... יאָ? — —

און איך האָב געקוקט פאַר זיך אין דער טיעפער בלויקייט פון דער ווייס־בעזילבערטער נאַכט און האָב געענטפערט:

— יאָ.

זי האָט געפרעגט:

— און איך?

— און דו?

און זי האָט געענטפערט:

— איך וועל דאַנקען דערפאַר, וואָס איך בין כאָטש א ביסעל געפלויגען.

## XVIII.

איינמאָל פאַרנאַכט האָב איך אויף פּיבּי'ן געוואַרט און זי איז ניט געקומען. איך האָב גענומען ווערען אונגעדולדיג. די צייט האָט זיך גענומען ציהען בייז און לאַנג. איך האָב גענומען הויבען דעם קאָפּ. זיך איינגעקוקט צווישען די בוימער, זיך צוגעהערט. — ניטאָ — — — — איך האָב גענומען ווערען אַלץ אונרוהיגער, האָב זיך אָבער געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז דערפאַר ווען זי וועט קומען וועל איך זיך מאַכען ברוגז. און עס איז דאָך אַזוי שעהן דער קינדערשער ברוגז פון צוויי דערוואַקסענע מענשען:

— עפען אויף דיינע אויגען.

— איך וויל ניט.

— פאַר וואָס ווילסטו ניט?

— ווייל איך וויל ניט.

— ווילסט ניט זעהן פּיבּי'ן?!

— איך בין ברוגז.

— פאַר וואָס ביזטו ברוגז?

— פאַר גאָר ניט.

— וואָס הייסט פאַר גאָר ניט?!

— גאָר ניט.

— מיינע אויגען ווילען דאָך אָבער אַזוי שטאַרק קוקען אין דיינע. נאַ זעה ווי שטאַרק זיי ווילען — — — איך וועל דיר דערפאַר אַזוי לאַנג קוקען אין דיינע אויגען, אַזוי לאַנג — אַט וועסט זעהן.

און דערביי האַלזט מיך פּיבּי און קושט מיך און זי פּרעסט זיך צו מיר און פּרוּווט מיט איהרע פינגער מיר עפענען די אויגען:

— עפען אויף! עפען אויף! אַז ניט נעהם איך וויינען.

— — — אָבער שאַ, זעה נאָר, גיב נאָר אַ קוק. זעה וואָס איך וועל דיר דאָ — — — גיב מיר אַ קוש, זאָל זיין בלינדערהייד. — — —

איך ציה אויס מיינע ליפּען. מיין קוש אָבער פּאַלט אויף אַ שטיין, וואָס זי האָט מיר אונטערגעטראָגען — — — זי צולאַכט זיך און איך עפּען ניט ווילענדיג מיינע אויגען, כאַפּ זי אָן פאַר'ן האַנד און זאָג:

— נישקשה, נישקשה, אַ שטיין וואָס דיינע הענט האָבען געהאַלטען, מעג מען קושען, מעג מען קושען.

פּיבי לאַכט נאָכדעם לאַנג און מיינע הענד מיט איהרע לאַנגען רינגען געלעכטער. און לאַכענדיג ציטערט זי און פּלאַטערט אין מיינע הענט און איך ווער דערביי פערבלענדעט פון איהר און פון איהר געלעכ־טער.

אין דעם געלעכטער פון אַ פרוי, וואָס קאָן לאַכען, ליגט נאָך אפשר מעהר ליכט און קראַפט ווי אין די פּאָעמען פון די גרעסטע וועלט־דיכטער.

אָט אַזוי האָב איך געטראַכט און זיך פערשפּיעלט מיט געדאַנקען וועגען פּיבי'ן. אָבער פּיבי איז נאָך אַלץ ניט געקומען. איך האָב זיך גענומען דערמאָנען און טראַכטען, אַז די לעצטע טעג האָט פּיבי עפּעס אויסגעזעהן פערדעכטיג. — — פערשיעדענע נארישע געדאַנקען האָבען מיר גענומען קריכען אין קאָפּ. מיין אונרוהיגקייט האָט גענומען וואַקסען און שטייגען, האָט מיך גענומען הויבען העכער פון מיר, האָט מיך גענומען טראָגען אין דער לופטען. — — —

גאָט מיינער! וואָס איז דאָ געשעהן! — — — איך האָב זיך אויפ־געהויבען פון שטיין, אויף וועלכען איך בין געזעסען, זיך אומגעקוקט צווישען די בוימער — אַהער, אַהין — מיין פריינד! פּיבי! פּיבי! פּיבי מיין חלום! מיין הירש! פּיבי!

מיט אַמאָל אָבער האָב איך אַזש אויפגעציטערט פון כעס — צום טייוועל! ווי וועניג מען קען זיך אויסהיטען פון פרויען! וואָסערע מיט־לען זי האָט אָנגעווענדט, און ווי שטאַרק זי האָט מיך, דעם איינגע־עקשנ'טען, פּאַרט פערפּלאָנטערט! מעהר ווי דאָס, קען זיין, האָט זי נאָר ניט געוואָלט. — — — און איצט קען זיין שטעהט זי דאָ ערגעץ אונטער אַ בוים און קוקט מיט פערגעניגען צו ווי איך דרעה זיך דאָ אַרום משוגע'נערווייז.

כאַ, כאַ, כאַ! וויפיעל שעלמע, וויפיעל שלאַנגישע קלוגשאַפט עס ליעגט אין יעדער פרוי. זיי לאַכען פון אונז דאַן ווען מיר זיינען פער־ליעבט, און זיי נוצען אונז אויס אויב זיי ווילט זיך דאָס, און אַזוי לאַנג

ווי זיי גלוסט זיך דאָס. און ס'ארא עזלען מיר זיינען! ווי מיר לאָזען זיך דאָס אויסניצען, און וואָס פאר אַן אידיאָטישע האוואיעס מיר מאַכען נאָך דערביי: — „דעם שטיין וואָס דיינע הענד האָבען געהאַלטען מעג איך קושען!“ — ס'ארא אידיאָט איך בין, גאָט מיינער! און וואָס — איז מיר מיט אַמאָל איינגעפאַלען, — אַז זי ווייסט אַלץ וואָס איך טראַכט און זי לאַכט פאַרט פון מיר?... כאַ, כאַ, כאַ, ס'הייסט: וואָס אַז איך בין ביי איהר ניט מעהר ווי אַ מויז, וואָס זי האָט שטיפענדיג אַריינגע־וואָרפען אין אַ ניט פולער פאַס וואַסער און שפּיעלט זיך מיט מיר — איצט שווים איך אַרום אַהין, אַהער, בריה זיך אַרויסצוקריכען פון פאַס, אָבער ווי נאָר איך פּרואוו זיך אַרויסהויבען, רייס איך זיך אָפּ אַלע מאָל און פאַל אַריין נאָך טיעפער, און זי קוקט דערויף מיט פערגעניגען און לאַכט דערויף מיט איהר טייוועלשען געלעכטער...

ניט ווייט פון זיך האָב איך דערזעהן דעם געקושטען שטיין. האָב איך זיך אויפגעהויבען, בין צוגעגאַנגען און איהם מיט פעראַכטונג אַ שטאַרקען שטויס געטהאָן מיט'ן פוס. דער שטיין אָבער האָט זיך קוים אַ ריהר געטהאָן פון אָרט. האָב איך זיך אָנגעבויגען, איהם אַ כאַפּ געטהאָן און מיט כעס אַ שליידער געטהאָן אַהין צום געפעהרליכען ברעג פון באַרג. אין אַ ווייל! אַרום האָט זיך דערהערט ווי דער שטיין פאַלט ראַש פון איין שטיין אויפ'ן צווייטען. האָט זיך ביי מיר אַ שטאַרקער ריס געטהאָן אין הארצען און אַ שוידער איז מיר אַריבער מיין לייב, פונקט ווי איך וואָלט מיט מיינע הענט עפּעס אַ לעבעדיגע זאַך אַראָב־געוואָרפען פון יענעם געפעהרליכען ברעג. — — — באַלד האָב איך דער־פיהלט ווי עמיצער האָט מיך אָנגענומען פאַר'ן האַנד. איך האָב ווידער אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן, האָב זיך אויסגעדרעהט און פאַר זיך דער־זעהן פיבי'ן. — — —

פיבי איז געשטאַנען נעבען מיר, מיך געהאַלטען אונטערן האַנד, נאָר איך האָב זי כמעט ניט דערקאַנט. עפּעס אַ מין שטילע און ליכטיגע לויטערקייט האָט פון איהר איצט אַרויסגעקוקט — — —

— וואָס האָט געטראָפען, פיבי?

— גאָר ניט.

און איהר שטימע האָט געקלונגען ווייכער און מיט עפּעס אַ מין רעליגיעזער רוהיגקייט.

— וואָס איז מיט דיר, פּיבי? — — — —

— גאָר ניט.

דער גרינער טהאָל האָט זיך אַראָבגעלאָזען פונ׳ם אַנטקעגענדיגען וואַלד, זיך אַראָבגעבויגען פון דעם וואַלד׳ס באַרג, זיך געקאַטשעט און געצווייגען אַרויף ביז צו אונזערע פיס. פּיבי׳ס פיס זיינען שעהן, זיינען אין קליינע סאַמעטענע שיכלעך און איהר קלייד איז ליכטיג, ווייס, און איז גענעהט רייך און נאָך דער לעצטער מאָדע. און ניט זי אַ שטעל אַ פוס, פּרעסט זי זיך אַרויס ענערגיש, שלאַנק און שעהן. און אַזוי איז זי אין גאַנצען. און דאָס, אינאיינעם מיט דער ווייטקייט און שטילקייט, וואָס האָט איצט אַזוי רוהיג און זיכער אַרויסגעקוקט פון איהר פּנים, פון איהרע גרויסע פערטראַכטע אויגען, האָט איהר צוגעגעבען עפּעס אַזוינס וואָס האָט מיך גערייצט.

איך האָב אַ טראַכט געטהאָן: „איז דאָ ניט עפּעס אַ נייער איינפאַל?“...

איך האָב זי אָנגענומען פאַר׳ן האַנד, האָט זי אַ ציטער געטהאָן, אַ קוק געטהון אויף מיר און איז בלאַס געוואָרען.

איך האָב געפרעגט:

— האָסט אפשר היינט געפאַסט, פּיבי? — — —

אויף דעם האָט זי מיר ניט געענטפערט, נאָר געקוקט אויף מיר, און נאָך פיעל וויטער פון מיר — — —

און אַז מיר האָבען זיך אָװעקגעזעצט האָט זי שטיל איינגענורעט איהר קאָפּ אין מיר — — — — —

אַ ווייסער נעבעל האָט זיך גענומען שפּאַרען פון וואַלד אַרויס, זיך גענומען הויבען פון טהאָל אַרויף.

— ווייסט — האָב איך געזאָגט — דער נעבעל איז ווייס.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט.

ערגעץ, ניט ווייט פון אונז, האָט זיך צושריען דער ערשטער וויפּ־פּור־וויל, און אָט נאָך איינער — — —

דער נעבעל פון וואַלד האָט זיך גענומען צונויפגיסען מיט׳ן נעבעל פון טהאָל. דער טהאָל האָט זיך גענומען אָנפילען, אויסגלייכען. דער טהאָל איז געוואָרען פול ביז אַרויף מיט׳ן ווייסען נעבעל. מען וואָלט איהם געקאָנט אַריבערשווימען — — —

— ווייסט וואָס מיר האָט זיך נעכטען גע׳חלום׳ט — האָט זי זיך אָנגערופען.

— וואָס ? — האָב איך געפרעגט.

— מיר האָט זיך גע׳חלום׳ט, אַז איך בין דיין יונגע ווייב. און עס איז נאַכט, און איך ליעג אין בעט איינע אַליין. אין צימער איז פינסטער. אין׳ם אנדערען צימער ברענט אַ ליכט. דו שפּאַנסט דאָרט אַרום מיט דיינע שווערע טריט הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. און איך ליעג, און וואַרט, ציטער און וואַרט. פון יעדען טראָט דיינעם גיעב איך זיך אַ נייעם צאַפּעל. אַ נייע קעלט גיט זיך אַלעמאָל אַ לאָז איבער מיין צוואָווארעמטען לייב. און איך ליעג אַלץ און טראַכט... מיט אַמאָל איז פאַר מיר אַלץ קלאָהר געוואָרען — — — איך בין אויפגע־שפּרונגען פון בעט, האָב אויף זיך אַרויפגעוואָרפען די ווייסע דעק. האָב אויפגעעפענט די טהיר צו דיר און בין אַריבערגעטראָטען די שוועל. דו אָבער האָסט מיך ניט בעמערקט, און ביזט זיך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַ צוטראָגענער פון איין וואַנט צו דער צווייטער. — מיין פריינד ! — האָב איך צו דיר אויסגעשריען — דיר שטערען די ווענד, דיר איז דאָ ענג, דו דאַרפסט האָבען דעם רוים, די ווייטקייט. דו דאַרפסט אַז דיין אויג, דיין געדאַנק זאָלען זיך קאָנען טראָגען אין דער אונענדליכער ווייטקייט אַריין. פערלאָז די ווענד, עפרלאָז מיך. פערלאָז אַלץ צוליעב דעם גרויסען און ווייטען. הויב זיך אויף העכער פון אונזערע אייגענע אַקסלען, און טראָג זיך אוועק ווי אַן אָדלער, טראָג זיך אַוועק ! — — —

דו האָסט דאַן אויסגעשטרעקט צו מיר דיינע הענד — צי דערפאַר ווייל דו האָסט זיך גערעכענט פאַר שולדיג געגען מיר, צי דיך האָט אפשר גערייצט דאָס וואָס איך בין געשטאַנען פאַר דיר אַ באָרוועסע, אַ צושוי־בערטע, בלויז אין אַ ווייסער דעק איינגעהילט. איך אָבער האָב זיך אַ ציה געטהאָן אויף צוריק. איך האָב ניט געוואָלט אַז דו זאָלסט מיך מעהר אָנריהרען. אונטער מיר אָבער האָט זיך געעפענט אַן אָבגרונד, און ווי נאָר איך האָב זיך אַ ציה געטהאָן אויף צוריק האָב איך גענומען פאַלען אין אַ טיעפען, שוואַרצען אָבגרונד — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גערעדט האָט זי ווי פאַר זיך, טראַכטענדיג, און עס האָט זיך ניט געמערקט דער אָנפאַנג פון איהר רעדען, און עס האָט זיך ניט געפיהלט

דער אויפהערען, — אַט ווי אַ ווייכער זיידענער שנור פון וועלכען מען זעהט בלויז דעם מיטען — — — און פונקט אויף דעם זעלבען אופן האָט זי אין אַ ווײַלע ארום דערזאָגט:

דאָס וואָס איז געפאַלען אין דעם אַבגרונד איז דעם אַבגרונד'ס, און דאָס וואָס איז נעבען דיר איז דיינס — — —

כמעט ווי אָהן אינטערעס האָב איך דאָס אַלעס צוגעהערט:

— אָט דאָס הייסט דאָס איז דער רוים, די ווייטקייט! — האָב איך גענומען טראַכטען. און איך, זי, די בוימער, די בערג און אַלץ ארום איז איצט אין נעבעל פערוויקעלט — — — און מען זעהט איצט גאָר נים. און מען ווייסט איצט גאָר ניט — — — אַזוי איז אָפט ביי אַ שטילען אָפּגעזונדערטען מענשען אין קאָפּ ווען ער זיצט שטיל, אַליין און טראַכט דאַכט זיך פון גאָר ניט, נאָר אַ סך געדאַנקען און רעגונגען רייסען זיך און וועקען זיך און קאָנען נאָך ניט זאָגען וואָס זיי ווילען, און ווער זיי זיינען — — —

עמיצער קוקט איצט אויף דער פערנעבעלטער ערד, ווי אויף זיין אייגענעם טראַכטען. עמיצער האָט דאָס איצט בייז אויפגעריסען זיין אײ־גענעם שאַרבען און קוקט פערשטוממט אויף זיין אייגענעם טראַכטען, וואָס איז איצט טיעף און סודות'דיג פערנעבעלט. — — —

און איך, און זי, מיר האָבען זיך ערגעץ בעגעגענט, זיך אַבגעשטעלט איינער נעגען צווייטען — — — זיך באַלד גענומען ראַנגלען, זיך גענומען אַבשטויסען און קושען, ארומנעמען און זיך אָפּרייסען צום אַנטלויפען. ביז — פּלוצלינג! — וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פּאַר אַ רוהיגע און דרימעלדיגע שטילקייט? איז דאָס דער רוים? צי אפשר איז דאָס גאָר אַזאַ מין חלום אָהן פערלאַנגען?

איך האָב דערפיהלט ווי אַ נעץ פון געדאַנקען און פערלאַנגען האָבען זיך אין מיר מיט אַמאָל שאַרף איבערגעריסען, און איך האָב אויפגעהויבען מיין האַנד און זי אַדורכגעלעגט אויף איהרע האָר. איך האָב אַלעמאָל געהאַט אַ בעזונדערע ליידענשאַפט צו גלעטען איהרע האָר. זי האָט פון דעם אַ ציטער געטהאָן און דערשראָקען געפרעגט:

— וואָס איז?!

און איך האָב געענטפערט:

— דיר איז קאַלט?

— קאַלט — האָט זי געזאָגט און אָפּגעזיפצט.

איך האָב געמאַכט אַ בעוועגונג אויסצוטהון מיין ראָק און איהם אַרויפוואַרפען אויף איהר. זי אָבער האָט מיך ניט געלאָזט. זי האָט אָנגע־כאַפּט איין עק פון ראָק און זיך אין איהם איינגעדרעהט, אַזוי אַז זי האָט זיך איינגעפּרעסט אין מיר — — —

איך האָב דערפיהלט איהר וואַרעמקייט און האָב געטראַכט: „גוט, גוט. גוט אַזוי.“.

איך האָב זיך מיט אַמאָל דערפיהלט שטאַרק און ריעזיג פעסט. און מיין האַנד האָט דאָך קינדיש געגלעט איהרע האָר, איהר פּנים — ס'אַרא גלאַטע הויט! ס'אַרא אונענדליכע וואַרעמקייט! בעליידיגונגען וואָס מען האָט מיר פון מאָל צו מאָל אין פּנים געוואָרפען, די וואונדען וואָס זיינען פון דעם אין הארצען געוואָרען, האָבען זיך איצט גענומען וואַרעמען און היילען. שאלות וואָס האָבען מיך שטענדיג געמוטשעט, כאָטש איך האָב זיי קיינמאָל ניט געוואוסט, און וועים נאָך ביז היינט ניט. ווי אַזוי זיי אַנצורופען, האָבען פון איהר וואַרעמקייט זיך אָבגעשיידט און זיינען אוועק פון מיר. „מיין פריינד! מיין ליעבער פריינד!“ — האָב איך אויסגערו־פען, — דאָס לעבען איז דאָך געגעבען געוואָרען אויף צו לעבען. דאָס לעבען איז דאָך געגעבען געוואָרען אויף צו לעבען! און ס'אַרא רונדקייט! ס'אַרא עלאַסטישע רונדקייט! פּרעס זיך איין שטאַרקער אין מיר. פּרעס זיך איין מיין פריינד! איך האָב דאָך נאָך קיינמאָל ניט אָנגעריהרט דיינע בריסט. און זיי וואַרטען דאָך דערויף אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג. און ווי היים עס שלאָגט דיין אָטהעם! כאַ. כאַ, ווי נאַריש מיינע אומגעלומפּערטע הענד זיינען, און ווי קלוג דיינע בריסט, ווי קלוג! כאַ, כאַ, כאַ, ווי קלוג!

און אָט האָב איך זיך אַ בויג געטהאָן און מיר זיינען ביידע אומגעפאַ־לען אויפ'ן פייכטען גראָז. איך האָב גענומען ווערען אַלץ ווילד און ווילדער. פּלוצלינג אָבער האָב איך זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט.... און באַלד דערויף האָב איך אויסגעפּלאַצט אין אַ משונה'דיג פּוסטען לאַכען, ווי אַ רוח וואָלט פון מיר אַרויסגעלאַכט:

— כאַ, כאַ, הייסט דאָס, אָט וואָס! דו ביזט פּשוט געפאַלען אויף אַ פּלאַן, פּיליכט, הייסט דאָס, קאָן מען פּערנאַרען דעם נאַרישען בחור אויף אַזאַ אופן? — — ווי קלוג! ווי שעלמיש קלוג! כאַ, כאַ!

איך האָב זי גענומען אַרויסלאָזען פון מיינע הענד, זי אָבער האָט אין

איהר אויפרעגונג, זיך נאָך אַלץ געפּרעסט און געהאַלטען אָן מיר.

— לאָז אָפּ, דו נארישע מיידעל! עס איז דיר אויך דעם מאָל ניט געלונגען!

איך האָב זי אָפּגעוואָרפען פון זיך, זי איז געבליבען ליגען שטיל, אליין. האָט מן הסתם אליין געשלונגען די כוואַליעס פון איהר ליידענשאַפט. דער נעבעל איז געווען אזוי געדיכט אז איך האָב קוים געקענט זעהן די קאָנטורען פון איהר אויסגעצויגענעם קערפּער. און אזוי האָט זיך דאָס געצויגען לאַנג. לאַנגזאַם, שווער און לאַנג.... מיר האָט זיך גענומען דאַכטען אז אזוי וועט זיך עס שוין ציהען אייביג....

נור אָט האָט זיך בעוויזען די לבנה, ווי עמיצענ'ס אָן אויג וואָס האָט זיך פלוצלינג ברייט צועפענט — — — דער נעבעל איז מיט אמאָל געוואָרען ליכטיג, ווייס און דורכזיכטיג. און אין דער פערנעבעלטער, ווייסער נאַכט האָבען זיך גענומען ווייזען בוימער, בערג, וועלדער. און דאָס גרויסע אויג האָט זיך מיט כעס און שטוינען געעפענט אַלץ גרעסער און גרעסער — — —

איך האָב דערהערט ווי זי הויבט זיך אויף פון גראָז און געהט. — זאָל זי געהן! — האָב איך געטראַכט — זאָל זי געהן! — — —

זי איז אוועק עדגעץ דאָרט ארויף, און איז שטעהן געבליבען און שטעהט — — —

אין א ווײַלע ארום האָב איך אויפגעהויבען די אויגען, און דערזעהן אַז זי שטעהט אויפ'ן געפעהרליכען ברעג פון באַרג.

א שלאַנקע אויפ'ן ברעג פון באַרג אין איהר ווייסען קלייד. און אין אָט דער מיט אמאָל אויף מיילען און מיילען ווייט און ווייס געוואָרענער נאַכט, האָט זי אויסגעזעהן ווי א זעהונג.

איהר פּנים איז געווען געווענדעט צו מיר.

אין מיר האָט זיך עפּעס מיט אמאָל א שטאַרקען ריס געטהאָן. איך האָב זיך שנעל אויפגעהויבען, זי האָט הפּנים בלויז אויף דעם געוואַרט. ווייל באַלד דערויף האָט זי ארויסגעלאָזען א ווילדען קוויטש און זיך אראָפּגעוואָרפען פון באַרג...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געבליבען שטעהן אויף מיין אָרט, גלייך ווי איך וואָלט געוואָרען אויסגעגאָסען פון אייזען — — —

זי איז שוין ניט געווען, נאָר אינ'ם ווייסען נעבעל, איז נאָך לאַנג געשטאַנען איהר קווייטש, וואָס האָט זיך צושפּאַלטען אויף רעכטס און אויף לינקס אין צוויי שאַרפע שניידענדיגע פּאַסען — — — איך האָב געוואוסט אַז זי פאַלט דאַס איצט פון איין שאַרפען שטיין אויפ'ן צווייטען, דער קאָפּ קאָן זיין איז נאָך צובראָכען געוואָרען אָן ערשטען שטיין. ליגען אָבער קאָן זי אויף יענעם שטיין ניט בלייבען, און די הויך איז אַ שווינ־דעלדיגע, און אויף די אָבגעבראָכענע שטיינער וואָס ליגען דאָרט ביים פוס פון בארג, וועט אַראָפּפאַלען שוין ניט פּיבי, נאָר אַ מאַסע רויע פלייש. און איך האָב זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— זאָל פאַלען, דאָס וואָס קאָן זיך ניט אויפהויבען. דאָס וואָס קאָן זיך ניט אויפהויבען זאָל בעסער פאַלען, זאָל דאָס בעסער פאַלען....

— — — — — — — — — — — — — — —

# XIX

אויף מארגען, ווען די זון האט זיך דורכגעשלאגען דורך די וואלקענס, וואס האבען פערטרונקען די בערג און די טהאלען און האט זיך ארייגגע־שפיעגעלט אינ'ם שטילען קאנעקטיקוט טייך א רונדע, א פולע, און עס האט אויסגעזעהן ווי א גאלדען אינגעלע געהט אום אין דעם שטילען און לאנגען וואסער, איז צו מיר געקומען פיבי — — — איך בין געזעסען אויפ'ן שטיין, דעם קאפ אין די הענד געלעהנט און פיבי איז צו מיר געקומען און האט זיך צוגעזעצט צו מיר. איך האב ניט אויפגעהויבען דעם קאפ פון די הענד. איך האב נור געזעהן דעם זוים פון איהר קלייד, און די שווארצע שיכלעך פון איהרע פיס. אויף דער ערד פון וואלד האבען זיך צולעגט די שאטענס פון די בוימער. שאטענס און שאטענס האבען זיך צופלאכטען אין א געדיכטער דיקער נעץ איבער דעם וואלד'ס ערד. — — איך האב זיך דערמאנט אין דעם נעכטיגען אבענד, און אין אלץ וואס ס'האט נעכטען געטראפען. און אין איהר לעצטען קוויטש וואס האט נאך אלץ געהילכט אין מיינע אויערען, און האב געפיהלט אז דער קוויטש וועט שוין קיינמאל ניט אויפהערען. אז ער וועט מיך שטענדיג פערפאלגען. און אז דאך זיצט איצט פיבי נעבען מיר, גלייך ווי עס וואלט מיט איהר גאר ניט פארגעקומען. — איינס פון דיביידע מאל מוז דאך געוויס זיין א חלום? יא. אבער וועלכער פון די ביידע מאל איז א חלום? איצט? אבער אט זיצט זי דאך נעבען מיר. אט זיצט זי דאך נעבען מיר.

מיר האט זיך געוואלט אויפהויבען דעם קאפ א קוק טהאן אויף איהר ווייס בלאסען פנים, אויף די שווארצע געקרויזטע האר, אויף דער פער־טראכטער רוהיגקייט און ווייטקייט, און אפשר אויך פרעמדקייט, מיט וועלכע איהרע אויגען האבען געוויס געקוקט אין דער מינוט. אבער צו וואס? אט זעה איך דאך דאס סיי ווי סיי!... און איך האב זיך דערמאנט אין איהרע נעכטיגע ווערטער:

„אין אפגרונד איז דעם אפגרונדס, און דאס וואס איז דיינס, איז

געבען דיר"... און אַט האָב איך דערפיהלט איהר נוטע, וואַרעמע האַנד אַרום מיין נאַקען —

עמיצער האָט געזאָגט — דיהרסטו זיך אָן אָן דעם לייב פון א פרוי, ריהרסטו זיך אָן אָן גאָט'ס קלייד. גאָט'ס קלייד האָט זיך איין מיר אָנגע־ריהרט, גאָט'ס קלייד. און ס'אַרא וואַרעמקייט! ווי ליעב עס איז דיין וואַרעמקייט, גאָט! זיי געבענשט גאָט! זיי געבענשט! — — — — — — —

אַט דאָס איז מיין גאַנצע דערצעהלונג — פיבי.

און וואָס איז נאָכדעם געוואָרען מיט דער אומגליקליכער מאָדאָם אַ' נעלסאָן?

מיר אָבער ווילט זיך שוין מעהר ניט דערצעהלען.

נאָר איין זאַך נאָך: —

אַט אין דעם ערשטען פריהלינגס טאָג פון יאָהר, ווען איך האָב זיך אויף מיין וועלאָסיפּעד געגומען יאָגען פון דעם ווייסען־מאָנומענט, איבער דעם דריימאָל ברייטען וועג צו די געלע טענים קוואַדראַטען און געטריבען פון שרעק האָב איך זיך פערצווייפעלט אַראָפּגעיאָגט פון יענעם שאַרפען און לאַנגען אַראָפּ־באַרג, און האָב פאַר זיך פּלוצלינג דערזעהן פיבי'ן, און דערהערט איהר פערצווייפעלטען קוויטש, וואָס איז געווען פונקט ווי איהר לעצטער קוויטש אין יענער נאַכט. בין איך נאָכדעם לאַנג און ווייט גע־פאָהרען אויף מיין וועלאָסיפּעד אָהן אַן אָפּשטעל. מיר האָט זיך אַלץ גע־דאַכט, ווען איך זאָל זיך אָפּשטעלען, וועט מיך אָניאָגען פיבי. ווען איך זאָל בלויז אויסדרעהען מיין קאָפּ, וועל איך פאַר זיך דערזעהן פיבי'ן. נאָר אַט בין איך אויף זיך אין כעס געוואָרען, בין אַראָפּ פון וועלאָסיפּעד, און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין אָפּרוהען — — — נאָכדעם האָב איך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זיך אומגעקוקט, און פאַר זיך קיינעם ניט געזעהן — — — איך האָב זיך אויפגעהויבען פון אָרט, גענומען דעם וועלאָסיפּעד אויף צו פאָהרען אַהיים מיט אַן אַנדער וועג. איך האָב אָבער מיט דעם אַנדערען וועג ניט געקאָנט פאָהרען. עפּעס איז געווען אין מיר, און אַרום מיר, וואָס האָט מיך ניט דערלאָזען צו פאָהרען מיט דעם אַנדע־רען וועג, און מיך געצוואונגען פאָהרען צוריק אויף דעם אייגענעם וועג. און אַט בין איך געקומען צוריק צו יענעם באַרג. איך בין אַראָפּ פון וועלאָ־סיפּעד, און זיך געלאָזט צופוס אַרויפגעהן דעם באַרג. עס איז געווען

נאַכט. לבנה׳דיג און שטיל. און ווען איך בין צוגעקומען נאָהענט צום פּלאַץ, וואו איך האָב פריהער פּיבי׳ן געזעהן, האָב איך זי אויך איצט דערזעהן — — — זי איז געשטאַנען און געוואַרט אויף מיר — — —

— האָסט דאָך דאָ געקאָנט דער׳הרג׳עט ווערען? — האָט זי צו מיר שטיל און פערטרויט געזאָגט. ווען איך האָב זיך אויסגעגליכט מיט איהר.

אויף איהר ברוסט איז אויף א קייטעל פון האלז אראָבגעהאנגען א מאַסיווער צלם — איך האָב דאָס ביי פּיבי׳ן ביז דאַן קיינמאָל ניט געזעהן. די ברעמען פון מיין שטערען האָבען זיך א ציה געטהאָן צו די אויגען. זי האָט דאָס בעמערקט, אַרויפגעלעגט איהר האַנד אויפ׳ן צלם און זיך צולאַכט:

— דאָס איז די מתנה וואָס איהר טאַטע האָט איהר געגעבען דאַן ווען זי איז קאָנפירמירט געוואָרען. איך האָב געקוקט אויף איהר ווייסער האַנד, וואָס זי האָט נערוועז געהאַלטען אויפ׳ן צלם, און מיר האָט זיך געדוכט אז דער צלם בריהט איהר די פינגער — — — זי האָט דערזעהן מיינע בליקען און האָט זיך היסטעריש צולאַכט. מיט איהר לאַנגען רינגען געלעכטער. און לאַכענדיג האָט זי אויך די צווייטע האַנד צוגעטראָגען צום הארצען — — — מיר האָט זיך שוין מעהר ניט געדאַכט אז דאָס האַלט זי אזוי צו דעם קוואַל פון איהר לאַכען. מיר האָט זיך געדאַכט אז זי דריקט איצט א גיפטיגע שלאַנג צום הארצען. די שלאַנג בייסט און עסט איהר הארץ, נאָר פּיבי דריקט זי נאָך פעסטער צו זיך און לאַכט — —

טרערען האָבען זיך געשטעלט אין מיינע אויגען — כאָטש איך האָב דאָך אזוי ליעב שלאַנגען! — ווי שעהן עס איז צו קוקען אויף זייער גלאַנ־ציגען שטיינער געוועב. ווי שעהן דאָס געוועב פון זייערע לייבער שרעקט און גלאַנצט — נאָר טרערען האָבען איצט אָנגעפילט מיינע אויגען — — און דורך פערטרערטע אויגען האָב איך געזעהן — פּיבי שווינדט פון מיר. אָט איז זי אויפ׳ן פעלד, און אָט אויפ׳ן באַרג. אָט איז זי אויף דעם באַרג, און אָט אויף יענעם. און אָט איז זי אי אויפ׳ן פעלד, אי אויף די בערג און האַלט איהרע הענד אויפ׳ן הארצען, און לאַכט אָלץ אָהן אויפהער און לאַכט.

איך האָב זיך געריהרט פון אָרט, בין אַרויס אויף דעם דריימאָל ברייטען וועג. איינער אליין בין איך איבער אָט דעם דריימאָל ברייטען וועג געגאַנגען, און מיט דער האַנד געפיהרט דעם וועלאָסיפּעד. א בלויע נאַכט.

און אַ בלוי בעזילבערטער הימעל. און דער וועג איז אַזוי ברייט. און די געגענד — האַלב ווילד און ווייט. און אַלץ זעהט דאָ אויס ווי אַ מעשה. — די ווייסע פיגורען פון דעם גרויסען מאָנומענט פּרעסען זיך איצט אַרויס פון דער נאַכטיגער בלויקייט ווי אַ מעשה. און די ריעזיגע גרויסע שטאָדט וואָס הויבט זיך אָן גלייך נאָך דעם ברייטען וועג, די שטאָדט מיט איהרע ריעזיג־הויכע און לאַנגע גאַסען, מיט איהרע מויערען־גיגאַנטען, וואָס רייסען זיך אַרויס איבער דער גרויסער שטאָדט און קוקען צו דעם נאַכטיגען הימעל מיט זייערע טויזענדער ליכטיג בעלויכטענע פענסטער; די שטאָדט מיט איהרע פערשיעדענע מיליאָנען מענשען, וואָס לויפען נאָך אַרום, וואָס שלאָפען שוין, וואָס האַלטען זיך ערשט אין לייגען — איז אַ מעשה. און פאַר די אַלע מענשען וואָס ווייסען דערפון ניט, — ווייס איך. און מיין יעדער טראָט וואָס איך טהו איצט — איז אַ מעשה. און די פערשפּעטיגטע אויטאָמאָבילען, וואָס טראָגען זיך איצט אין איילעניש דורך פערביי מיר, שטערען מיט גאָר ניט דעם איינדרוק, אַז אַלץ איז אַ מעשה. אין ערגעץ איז פאַראַן אַ בערגיגע געגענד, וואו עס שפּרינגען אום הירשען, און וואו פויגעל שרייען ווי מענשען — איז דאָס אַ מעשה. אין ערגעץ פאַלט איצט אויף די קניע אַ גוי מיט'ן נאָמען וויליאַמס און צלם'ט זיך — איז דאָס אַ מעשה. אין ערגעץ איז פאַראַן אַ מאַדאַם אַ' נעלסאָן, וואָס ווען זי זעהט ווי איהר אייגענער מאַן פאַלט אויף די קניע צו טהאָן זיין נאַכט־תפלה, פילט זי זיך איבער מיט אַ געפיהל פון עקעל, און טהיילט נאָכדעם מיט איהם פאַרט איהר בעט — איז דאָס אַ מעשה. און פיבי, וואָס יאָגט זיך איצט אַרום אין דער נאַכט איבער באַרג און פעלד, און דריקט צום האַרצען איהר טאַטענ'ס צלם, ווי אַ גיפטיגע שלאַנג, ווי אַ שטעכיגען דאָרן, און לאַכט אַזוי היסטעריש און לאַכט — דאָס איז אַזאַ מעשה, אַ מעשה — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און קאָן זיין אַז ערגעץ שלעפּערט דאָס איצט אַ מאַמע איין איהר קינד מיט דער געשיכטע פון אַ לאַכענדיגער מיידעל פיבי, וואָס בלאָנדזשעט אום דורך די נעכט איינע אַליין מיט אַ וועהטאָגדיגען געלעכטער, און מיט אַ שווערען צלם אויפ'ן האַלז.

און די מאַמע דערצעהלט: אויף די בערג אַנטקעגען דער לאַכעדיגער מיידעל בעווייזט זיך אַ גרויסער ריעז, איינגעהילט אין אַ מאַנטעל פון

אַלע פעלקער׳ס פאָהנען. דערזעהט איהם די לאַכענדיגע מיידעל פּיבי און זי נעהמט איהם אָן פאַר אַ הייליגען און לאָזט זיך געהן צו איהם. דער ווייזער אָבער גיט אַ וועה דעם עק פון זיין מאַנטעל, און עס בעווייזען זיך אַ פּאָר טייוועלשע פיס. דערשרעקט זיך די לאַכענדיגע מיידעל פּיבי און נעמט פון שרעק לאַכען נאָך וועהטאָגדיגער. זי כאַפּט זיך מיט די הענד צום האַרצען, צום צלם, אָבער עס איז שוין ניט מעהר קיין צלם, נאָר אַ שלאַנג, אַ גיפטיגע שלאַנג. דאַן ווערט דער מיידעל׳ס געלעכטער אַזאַ, פון וועלכען עס ציטערען אַזש אויף קליינע קינדער אין די וויעגען. און די שלאַנג ווערט אַלץ גרעסער און בייזער. און די שלאַנג שלינגט זי איין.

שלאָף איין מיין קינד, מיין האַרץ, שלאָף איין — ניט שרעק זיך פאַר די בערג, פאַר דער נאַכט, פאַר דעם לאַכענדיגען מיידעל, און פאַר דעם גרויסען ריעז מיט די ציגענע פיס.

שלאָף איין מיין קינד, מיין טאָכטער, שלאָף איין — דאָס איז בלויז אַ מעשה, אַ מעשה.

# ליעדער:

ר. אייזלאַנד; א. מ. דילאָן; מ. ל. האַלפּערן; מ. ראָזענטהאל; זישאָ לאַנדוי.

## ר. אייזלאנד:

פון אַלע טעג.

### I.

דורך דעם פענסטער קוקט אריין צו מיר אַ טריבער מאָרגען.
מיעד, ניט אויסגעשלאָפען געהט ארום די פרוי.
די פּאַנטאָפעל קלאַפּען וואַכעדיג און גרוי,
פון די וועגט און ווינקלען קריכען וואַכענדיגע זאָרגען.

— האָסטו דיר דיין פריהשטיק. — אין פּאַפּיערען זעקיל
ליגען ברויט און עפּעל, נעם זיי מיט. —
זיי נאָר שטילער, וועק די קינדער ניט.
און אָט ווארט! זעה מאַך צורעכט דיין רעקיל!...

— אַ גוטען טאָג!
— געה געזונטערהייד! און קום געזונט צוריק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דרויסען רעגענט. גלאַנציג־שוואַרץ און נאַס,
ציהט אַ לאַנגע זיך פאַר מיר די גאַס.
מענשען איילען פאַפענדיג פוןביידע זייטען;
ווי אַ לאַנגע אויסגעדרעהטע שלאַנג, פון ווייטען
לויפט אַ צוג פערביי דאַרט אויף אַ הויכער בריק.

כ׳געה אין שטראָם. און מענשען, קראָמען—אַלץ אַזוי בעקאַנטע
און דאָך אַזוי פרעמד, זיך בייטען אַלץ פאַר מיר.
גאַס נאָך גאַס. און אָט איז שוין דער פּלאַץ און דאַרט אַרויף די טהיר;
שילדען גאָלדענע אין פענסטער, פענסטער אַלץ אַזוי בעקאַנטע.

כ׳שטעה ביים טהיר און וואַרט. אַ מיידעל קומט: — גוט מאָרגען
ס׳קומען יונגע, אַלטע לייט — גוט מאָרגען און גוט יאָהר!
ס׳עפענט זיך די טהיר. אַ נעגער־יונג מיט קרייזעלדיגע האָר,
ציהט אַרויף אונז אין דער הויך. אַ זשום, אַ פליה.
באַלד מיר זיצען שוין אין יאָך ווי פיה,
און ציהען אויסגעמוטשעטע, נעשפּאַנט אין שווערע זאָרגען.

## II.

ס׳איז מיטאָג צייט. אַרום איז שטיל. בלויז ווי אַ ביהן
דאַרט זשומט אין ווינקעל וואו איין איינציגע מאַשין.
אַ מיידעל עסט און קנאַקט די שאָלעכץ פון אַן איי.
און איינער אָדער צוויי געמיטהליך זופען טהיי.
דערנעבען כראָמקעט עמיץ ציבעלע מיט ברויט, —
און בלאַסע מיידלעך אָנגעפאַרבט אויף רויט,
צושטעלען זיך ביי אָפ׳נע פענסטער אויס,
און קוקען זשעדנע ערגעץ־וואו אַרויס.
און אַנד׳רע לאַכען קייכענדיג אוןריידען מיט די הענט
און ריידען מיט די אויגען און מיט צייכענס אויף די ווענט.

און אויף אַ פענסטער זיץ איך מיר אַליין.
די פיס פערלייגט, אַ האַנד אין שויס, און קוק אַרויס.

אזוי זיך גלאַט ארוים.
אַקעגנען פון אַ פענסטער ווינקט אַ מיידעל מיר.
און אפשר ווינקט זי נים. איך קוק אויף איהר
און קוק אַוועק,
און ס'פאַלט מיין בליק אַראָפּ צום וועג,
וואו ס'שלעפּען קרעכצענדיג בעלאַדענט שווער,
זיך וועגען, פערד און קאַרס, אַהין, אַהער.
און אויף די טראָטוארען שוויבלען מענשען קעפּ,
מיט היט פון שטרוי און פילץ, און גלאַט מיט צעפּ.
און ערגעץ ברומט אַ שיף. און איבער אַלע דעכער,
צושניידט אַ פייף די לופט. און ערגעץ ווייטער, העכער,
פערקלינגט אַ בלאַסער קלאַנג אין דעם געפּילדער.
און ווילד און ווילדער,
צורייסט זיך אַלץ די לופט פון פייפערייען.
און שיטערער אַלץ ווערען אונטען יענע מענשען רייהען.
געדיכטער אַלץ די וועגען און די רעדער שווערער,
און וואָס אַמאָל אַלץ מעהרער.

און דאַ ארום מיר הויבט עס שטאַרקער אָן צו זשומען,
און איינציגווייז עס פאַנגען אָן צו קומען,
צום וואַנט די שאָטענס און טיעפער דאָרט דארינען,
די מענשען איילענדיג צו זייערע מאשינען.

און כ'זיץ אזוי. די פיס פערלייגט, אַ האַנד אין שוים,
און קוק זיך אום און קוק ארוים,
און קוק זיך ווידער אום.
און שטום,
אַנבויגענדיג דעם קאָפּ, הויב איך זיך אויף,
און לייג די הענט צונויף,
און לאָז זיך לאַנגזאַם געהן אַהין,
צום ווינקעל, וואו עס וואַרט, זיך דרעהעניג,
אַ ליידיגע מאשין.

## III.

אָבענד. אָפּגעגעסען, זעץ איך זיך אַוועק,
טראַכט זיך גאַנץ גלייכגילטיג: ס'געהען אַלע טעג,
איינער ווי דער אַנד'רער, אַזוי גרוי און פויל,
כאַטש נעה נעם פון פוילקייט און צועפּען ס'מויל
אין אַ גרויסען געגעץ און שפּיי ביטער אויס,
אָדער עפען ס'פענסטער, וואַרף זיך גלאַט אַרויס.

קומט צוגעהן מיין טאָכטער, שטעלט זיך לעבען מיר;
ס'קליינע פון דער ווייטענס, קריכט אויף אַלע פיער,
און מיין זוהן, ער זיצט שוין ברייטלעך אויף מיין שויס.
רייט אויף מיר אַ פערדעל, צופּט מיין וואָנצע אויס.
און אָט איז דאָס קליינע אויך שוין אויף מיין האַנד,
פּלאַפּעלט „דאַ“ און פּאַטשעלט קיכלאַך דורכאַנאַנד.

זאָגט די טאָכטער: „פּאַפּאַ, גענייץ ניט אַזוי!...
ווייסט, איך קען שוין צעהלען? — איינס און איינס איז צוויי.“
בעט דער זוהן זיך: „פּאַפּאַ, זינג פון אַלטען איד.“
— געהט אייך קינדער שלאָפען, ס'איז דער טאַטע מיעד.
„'וויל ניט געהן שוין שלאָפען“ — פּלאַצט דער זוהן אַרויס.
און דער טאָכטער'ס אויגען ווערען גלאַנציג, גרויס. — — — —

---

### אין אַ טענעמענט הויז.

אַ טהיר שטעהט ווייט צועפענט, מען זעהט אַ ליידיג צימער
אַ טונקלער גאַז פלאַם ברענט און ס'פאַלט זיין בלאַסער שימער
אַרויס אין קאָרידאָר, בעלייכטענדיג אַ וואַנד.

און מענשען געהן און געהן פאַרביי אַלץ דורכאַנאַנד
און וואַרפען פרעגענדיגע בליקען; שאָקלען מיט די קעפּ,
און נעהען ווייטער, ווער אַרויף, און ווער אַראָפּ די טרעפּ.

און ס׳קומט צו גנהן אַ קאַץ מיט ווייס און געלע פלעקען,
און שטעלט זיך אָפּ ביים שוועל און הייבט אָן שנאָרכען, שמעקען,
און בורטשעט וואָס, און קעהרט זיך אום צוריק און דרעהט איהר עק.

אַ ווײַלע שטיל. און נאָכדעם געהען מענשען ווייטער אויף דעם וועג,
און אַלץ דאָס זעלבינע. איעדער וואַרפט אהין אַ פרעגענדיגען בליק,
און געהען ווייטער, ווער ארויף, און ווער אראָפּ צוריק.

און מיט אַמאָל — אַ קוויטש ! און דאַן אַ שווערער פאַל.
און טהירען עפ׳נען האַסטיג זיך און ס׳ווערט אַ קלאַפּעריי,
און מענשען לויפען, ווער אהין, און ווער אהער, מיט אַ געשריי.

און אויף דער שוועל ביים טהיר — ליגט אויסגעשטרעקט אַ פרוי.

---

ט ו י ט.

זיץ איך מיר ביים פענסטער און איך קוק ארויס.
פינסטער. אַ לאַמטערן. אין דער זייט אַ הויז.
פאַר׳ן הויז אַ גערטעל; לעבען פלויט אַ פרוי,
מיט פערלייגטע אָרעמס שטעהט און קוקט אַזוי.

וואונדער איך זיך : מאָדנע. אַזוי שפּעט אַליין ?
ווייס איך ? אפשר זעהט זי, עמיץ קומט צו געהן.
יאָ. מסתמא קומט ווער. וואָס זשע אַרט דאָס מיר ?
כ׳געה אוועק פון פענסטער, שטעל זיך ביי דער טהיר.

שטעה אַזוי אַ ווײַלע, ציהט עס מיך צוריק.
אין אַ פוסטען חשך שלאָגט זיך אָפּ מיין בליק.
אין אַ פוסטען חשך. יאָ, אין הויז איז ליכט.
אויפ׳ן גאַס אַ שאָטען, נ׳פענסטער אַ געזיכט.

גאָר ניט. ס׳וואַרט אַזוי זיך אויף עמיצען די פרוי.
וואָס זשע אַרט דאָס מיך דען, אז עס וואַרט אַ פרוי ?

דרעה איך איין דעם גאַז־פּלאַם, לייג זיך אויפ'ן בעט.
ליג און קען ניט שלאָפען, ווייס איין נאַט ווי שפּעט.

שטעה איך אויף האַלב נאַקעט, געה צום פענסטער צו.
ס'גרויט זיך שוין אין דרויסען, בלויז נאָך וואו ניט וואו,
לייכט זיך אַ לאַמטערן. און הארט לעבען פלויט,
ליגט צושטרעקט אַ בלייכער... עמיצער איז טויט.

---

ב י י ם י ם.

כ'ליג ביים ים אַ שלעפעריג מיעדער, איינגעדעקט מיט זאַמד.
ס'גערען מענשען מיר צוקאָפּענס, ס'פאַלען אויף מיין האַנד
שאָטענס אומגעלומפערט לאַנגע, געהענדיג פאַראויס,
אין דער ווייט, ווי פון אַ נעבעל, קוקט אַ שיף אַרויס.

כ'ליג. און מיינע אויגען דעקלעך ווערען מאָדנע שווער.
שלאָף איך איין? צי בין איך וואָך נאָך? כ'ווייס דאָס שוין ניט מעהר.
כ'הער אַ שטים וואָס רעדט פון ווייטענס, כ'הער דעם ים ביים ברעג.
און מיר דאַכט אַ שטילע חוואַליע, טראָגט מיך וואו אַוועק.



## א. מ. דילאָן:

פון בייזען געמיט.

I.

איך נאָר מיך...
אַ דאָרען ווערט ביי מיר פערוואַנדעלט אין אַ קוויים,
טראָג איך זיך מיט דערנער אין דער וועלט אַרום.
מיינע פינגער זיינען שוין צובלוטינט רויט.

איך געה אַזוי פערביטערט אין די נאַסען אום,
שמיר מיט הייסען בלוט די פענסטער אויס,
זעהט די זון פאַרנאַכט — די פענסטער זיינען רויט,
געהט זי רויט און בלוטיג מאָרגען אויף דער וועלט אַרויס.

II.

כ׳שלאָף אין פּאַרק צונויפגעקאָרטשעט אויף דער האַרטער ערד,
כ׳שפּיר די האַרטקייט פון דער גאַנצער וועלט;
ס׳הענגט דער אַסיען־הימעל פינסטער איבער מיר,
דער פּאַרק דער אויסגעדאַרטער איז מיין היים און מיין געצעלט.

כ׳שלאָף אין פּאַרק צונויפגעקאָרטשעט אויף דער האַרטער ערד,
ס׳דעקט עמיצער אַ שוואַרצער מיך אין שוואַרצען איין;
כ׳פיחל אויף זיך די שוואַרצקייט פון דער שוואַרצער, האַרטער וועלט —
שטאַרקער, שטאַרקער, עלענדער, זאָלסטו, מיין עלענד זיין!

III.

כ'זיץ אַליין אין הויז טרויעריג און שטיל,
כ'זעה מיין אייגען־וועלט פול מיט שמערץ און פיין;
עס איז די הויז מיט שרעק און אומעט אָנגעפילט,
עס איז די איינזאַמקייט צו מיר אין הויז אַריין...

און זי שעפּטשעט שטיל און נעהמט מיר פאַר די הענד,
און ווי אַ שטילע קינד געה איך נאָך איהר נאָך,
און פאַמיליען־בילדער ציינט זי אויף די ווענד,
און איך קוק אויף זיי, און איינזאַם בלייב איך דאָך...

און איך קוק אויף זיי, און איינזאַם בלייב איך דאָך...
כ'זיץ אין אייגען־הויז און דאָך איז זי מיר פרעמד....
און איך נעהם מיין קאָפּ און דריק צום וואַנד זי צו...
און וויין און יאָמער ווי אַ יתום אין דער פרעמד...

IV.

כ'ווער אַ שכור. כ'וועל טאַנצען אין די גאַסען,
הוליען מיט שכורים, פרעהען זיך אינאיינעם,
האַקען לאָדענס, ברעכען טהיר און פענסטער,
יאָגען זיך נאָך קינדער, שליידערן מיט שטיינער;

כ'ווער אַ שכור. כ'וועל טאַנצען אין די גאַסען,
מיט ווילדע הינד זיך יאָגען, נאָך פערד און מענשען,
ס'וועלען הירזשען פערד, מענשען וועלען שרייען,
די גאַסען וועלען קרעכצען מיט שרעק און ווילדען טומעל.

כ'ווער אַ שכור. כ'וועל טאַנצען אין די גאַסען,
רייסען שילדען, אומוואַרפען פאַנאַרען,
ערגעץ אַן אַן אייזען זיך צובלוטיגען, צובייליען,
ברומען ווי אַ טיגער און וויינען ווי אַ יתום.

V.

ס'האָט דער טייוועל געקלאַפּט אין מיין פענסטער:
קום, איך ווער דיינער אַ פריינד;
איך בין אין דער פינסטער געלעגען,
מיין אויג האָט פון גליק אזש געשיינט.

ער גיט מיר אַ מיצעל מיט גלעקלעך,
מיר געהען ארויס אין דער נאַכט,
איך ציה — און עס קלינגען די גלעקלעך,
דער טייוועל ער טאַנצט און ער לאַכט.

מיר שפּאַנען, מיר שפּאַנען צוזאַמען,
אַט בעווייזט זיך פון וויטען אַ שיין;
אַ שפּרונג — און אַ הויז פאַר די אויגען,
מיר קוקען אין פענסטער אריין.

דאָרט צאַפּלען געקוילעטע מענשען,
אַט איז אַ מעסער, אַ האַק;
שטיקער לייב אויף צובראָכענע טישען,
אין אַ ווינקעל אַן אויג און אַ באַק.

מיר הויבען אָן קלינגען און ברומען,
שרעקען מיט קולות די נאַכט;
שפּרינגען מענשען אראָפּ פון געלעגערס,
און קוקען צומישט אין דער נאַכט.

ס'האָט דער טייוועל געקלאַפּט אין מיין פענסטער:
קום, איך ווער דיינער אַ פריינד;
איך בין אין דער פינסטער געלעגען,
מיין אויג האָט פון גליק אזש געשיינט.

מ. ל. האַלפּערן:

# צוויי לידער.

## I.

דער זיידע ליגט אין בעט און וואַרט. ער וואַרט דער טויט זאָל קומען.
זיצט נעבען בעט אויף דר'ערד זיין אייניקעל אַ קינד,
עס שפּיעלט זיך און עס לאַכט. אַ קינדער־האַרץ איז בלינד,
אַ קינדער־האַרץ טוהט קיינמאָל, קיינמאָל ניט קיין זינד.

דער זיידע ליגט אין בעט און וואַרט. זיין אייניקעל, עס שפּיעלט זיך,
עס לאַכט און רעדט אַריין אין ספר קינדיש־גוט ,
און רייסט די בלעטער אויס, וואָס האָבען איינגעזאַפּט דורך יאָהרען
דעם זיידען'ס טרער אין זיך, דעם זיידען'ס האַרצענס־בלוט —
אַ קינדער־האַרץ ווייסט קיינמאָל, קיינמאָל וואָס עס טוהט.

דאָס קינד רייסט אוים די בלעטער איינציגווייז, און דורכ'ן פענסטער
בעשיינט די פריהלינג־זון מיט פרייד דאָס קינדער־שפּיעל.
און דורכ'ן פענסטער זינגט אריין זיין פריהלינגס־ליעד א פויגעל.
דער אלטער זיידע וויינט. ער וויינט אין הארצען שטיל —
א קינדער־הארץ איז בלינד — עס ווייסט ניט וואָס ער וויל.

II.

איך שטעה ביים פענסטער מיינעם שעה'ן־לאנג אליין און טראכט
איך טראכט פון דיר און פון מיין אייגענער פערשפּיעלטער וועלט
און ס'דוכט זיך מיר, איך הוידע זיך ביים פּארקאַן פון א פעלד,
ביים פּארקאַן פון א קברים־פעלד אין א לבנה־נאכט
און פאר די אויגען מיינע וואקסט ארויס אן אלטע קלויז.
א נגון הער איך שטארבען דאָרט. איך זעה א ליכט געט אויס.
און דורך מיין הארץ געהט דורך א ליעד, גאר שטיל און פרעמד און ווייט.
עס איז דאָס ליעד וואָס כ'האָב אליין אמאָל אין פריהלינגל־צייט
פערנומען ערגעץ־וואו פארנאכט, ביים שעהנעם דייטשען רהיין,
ווען איך בין וואנדערנדיג פארביי געגאנגען.
— עס האָבען מענשען צוויי, בעלויכטענע פון אָוועגד־שיין
געשיפט זיך זינגענדיג צום טאקט פון צימבעל־קלאנגען,
געשיפט זיך זינגענדיג בעלויכטענע פון אָוועגד־שיין,
און איך בין וואנדערנדיג פארביי געגאנגען.



מ. ראָזענטהאַל.

זומער ביי דעם וואַסערעל.

קליינינקע מיידעלעך
זומער ביי דעם וואַסערעל;
קליינינקע אינגעלעך
זומער ביי דעם וואַסערעל.

אינגעלעך און מיידעלעך
פלעכטען זיך צוזאַמען,
שעמען זיך ניט פאַר דעם טאַטען,
אויך ניט פאַר דער מאַמען.

אינגעלעך און מיידעלעך
שפּיעלען זיך אין זעמדעלעך,
פּליעסקען זיך אין טייכעלע
און נעצען איין די העמדעלעך.

טהוען מיידלעך אויס די העמדלעך,
זיי צו מאַכען טרוקען;
שטעלען די אינגלעך ארוים די צינגלעך,
שטעהען זיי און קוקען.

טהוען אינגלעך אוים די העמדלעך
זיי צו מאַכען טרוקען;
שטעלען די מיידלעך אַרוים די צינגלעך,
שטעהען און זיי קוקען.

לויפען זיי אין טייכעלע
און נעהמען זיך שפּריצען,
אינגעלעך און מיידעלעך
זומער אין די היצען.

## דו פיהלסט ניט

דו פיהלסט ניט, אז איך בײנק,
דיך אַרט ניט מעהר פאַר מיר.
איך פיהל און לייד אזוי,
איך בײנק אזוי נאָך דיר...

איך בײנק נאָך דיינע אויגען,
נאָך דיינע ווייסע ציין,
אין דיינע טיעפע אויגען
עס ליעגט א ים מיט חן.

כ'וואָלט באָדען זיך אין ים,
און שווימען ווייט אוועג,
אפילו ניט צו קומען
קיינמאָל צו א ברעג...



זישאָ לאַנדוי:

## פינף ליעדער.

ווערטער, ווערטער, ווערטער, דעקלאַמאַציע.

משה ווארשע.

### נ ע ג ע ר י נ ס.

אַמאָל אַ קאַלב, אַמאָל אַ הונד דערמאָנען איי׳רע אויגען,
ווי ביי חזרים זענען איי׳רע ליפּען גראָב,
און איי׳רע בייכער הענגען גלייך ווי זעק אַראָב,
ווי ביי אַ פראָש איז אייער נאָז צוצויגען;
און הענד האָט איהר, ווי אפּען,
בעשאַפען גאָט׳ס ווערק צו פערשעמען —
אָדער מיך אַרומצונעמען.

### אויסגעגאָסען אויפ׳ן דיל...

אויסגעגאָסען אויפ׳ן דיל
האָב איך אַלקאָהאָל, און שטיל
אָנגעצונדען אויפ׳ן דיל
כ׳האָב דעם אַלקאָהאָל, און שטיל
האָט דער דיל זיך לייכט צוברענט,
לייכט און רוהיג זיך צוברענט.

ווי עס קלאַפּט אין וואַנד אַ נריל,
קלאַפּט דער טייוועל טיף אין מיר:
באַלד פערפריהרען וועלען דיר
דיינע ציטערדיגע הענד.

וואַרעם איך מיין רעכטע האנד,
פריהרט פון קעלט מיין לינקע האנד,
וואַרעם איך מיין לינקע האנד,
פריהרט פון קעלט מיין רעכטע האנד.

און דער טייוועל ווי אַ גריל,
מאַנאַטאַן קלאַפּט אין דער שטיל:
„אוי, ווי דו ביזט אַלט און קאַלט,
ווער דערוואַרעמען וועט דיך?
און דאָס פייער לעשט זיך באַלד —
ווער דערוואַרעמען וועט דיך?
אַזוי לאַנג, ווי ס'איז נאָך צייט,
לייג זיך צו דעם פייער צו."
לייג איך זיך, ווייל ס'איז נאָך צייט,
אויפ'ן דיל צום פייער צו.
און איך וואַרעם, וואַרעם זיך.
וואַרעם איך מיין לינקע זייט,
פריהרט פון קעלט מיין רעכטע זייט,
וואַרעם איך מיין רעכטע זייט,
פריהרט פון קעלט מיין לינקע זייט.

און דער טייוועל, ווי אַ גריל
קלאַפּט אַלץ, קלאַפּט אַלץ אין דער שטיל.

**דינסטאַג.**

צוויי הייסע גלעזער טיי מיט מילך האָב איך מיר אויסגעטרונקען,
אַ דריי־פיער צוויבאַק אויפגעגעסען;
דערנאָך בין איך אַ לאַנגע צייט ביים טיש געזעסען,
געראויכערט און געקוקט מיר אויף אַ נאָגעל אין דער וואַנד,
פיער ליעדער איבערזעצט פון דייטש,
אַ מידער אויף דער סאָפאַ זיך אוועקגעלייגט,
אַרום דעם קאָפּ די הענד פערלייגט

און דריי מאָל צו דעם באַלקען אויסגעשפּיגען.
מיר איז געוואָרען שווער,
פאַר וואָס דער זומער איז פערגאַנגען.
איך וואָלט דאָך איצט שפּאַצירען מיר אין פּאַרק געגאַנגען,
צי גאָר אין שטוב געכאַפּט מיר פליגען.
און נאָך אַמאָל האָב איך צום באַלקען דריי מאָל אויסגעשפּיגען,
און אַלע דריי מאָל נישט געטראָפען,
דערנאָך בין איך מיר איינגעשלאָפען.

אין דער יוגענד זענען מיידלעך...

אין דער יוגענד זענען מיידלעך
פון די אינגלעך שעהנער, ליעבער,
נאָר די מיידלעך ווערען מיאוס'ער,
ווען די יוגענד געהט אריבער.

ס'איז דער מאַן פון ערד בעשאַפען,
טראָגט איהר קראַפט אין זיך פערהוילען.
פון אַ ריפּ איז ס'ווייב בעשאַפען —
פלייש און ביינער מוזען פוילען.

און מיט שמיראכצען אַזוינע
טוען זיך די ווייבער שמירען,
אַז מען זאָל דעם שלעכטען ריח,
וואָס עס געהט פון זיי נישט שפּירען.

עס זענען מיינע ליעדער:

ריין, ווי טויבען; קלוג, ווי שלאַנגען;
ווי די פעלזען רוהיג, קאַלט;
ציטעריג, ווי ווידערקלאַנגען;
רוישיג ווי אַ יונגער וואַלד.

פון אַ נאַסען-פרוי די אויגען,
ס'פרייע שפּילען פון אַ קינד;
און דער קלאָרסטער רעגענבויגען,
און דער לייכסטער אָווענד ווינד.

ו. נאטאנסאן:

# קולטור און ענטוויקלונג

אין געגענזאץ צו ציוויליזאציע און בילדונג.

איך האָב גערעדט און האָב עס ניט פערשטאַנען, וואונדערליכע זאַכען, וואָס איך האָב ניט געוואוסט. איך האָב געהערט פון דיר נאָר וואָס דאָס אויער קאָן הערען. איצטער האָט דיך מיין אויג געזעהען. דעריבער פערדריסען מיך מיינע רייד. איך האָב חרטה אין שטויב און אַש.

(איוב, קאַפּיטעל מ״ב).

איבערזעצונג אין דר. זשיטלאָווסקי׳ס שריפטען ב. I, ז. 236.

און ווער איז געווען, ווען ער האָט די וועלט בעשאַפען, די ערד אויסגעמאָסטען, דעם הימעל אויסגעשפּרייט, די שטערען אריינגעזעצט? און ווער שפּייזט דעם פויגעל אונטער׳ן הימעל און פערזאָרגט דאָס ווילדע טהיער אין וואַלד און אויפ׳ן פעלד? מן הסתם ווייסט ער וואָס ער טהוט. און ווייטער אויף די קניהען געפאַלען פאר׳ן גרויסען אונבעקאַנטען, וואָס זיין גערעכטיגקייט איז אונז ניט צוגענגליך, וואָס זיין קלוגהייט קאָן פון אונז ניט פערשטאַנען ווערען. ווארעם קען זיין, אז גאָט שטראָפט פאר אזעלכע זינד, וואָס מיר ווייסען פון זיי נישט. עס קאָן אויך זיין, אז גאָט פּרואווט. און בעשטעהט דער מענש די פּרואוו, ווערט ער העכער אין זיין גענאד: א י ו ב בעקומט צוריק דאָפּעלט אלץ וואָס ער האָט געהאַט... אבער די פּראָבלעם פון לעבען און ליידען בלייבט אָפען.

(י. ל. פּרץ, „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער).

אויב קולטור איז געוואָרען, ווי עמערסאָן האָט גערדיינקט, דאָס „וואָרט פון אמביציע״ נאָך אין די אכציגער יאָהרען פונ׳ם נייַנצענטען יאָהרהונדערט, האָט די דאָזיגע קולטורעלע אמביציע שוין אינ׳ם צווייטען

צעהנדליג פון דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט דערגרייכט א מדרגה פון אינטענסיוויטעט. אזא אינטענסיוויטעט, וואס איז זעלטען צו געפינען אין דער ענטוויקלונגס-געשיכטע פון דעם מענשליכען גייסט. און ווען מיר זאלען, בעת מיר רעדען שוין וועגען עמערסאן, אויך דערמאנען זיינע צוויי נייסטיגע ברידער: קארלייל און טאלסטאי, וואלטען מיר שוין האבען אויסגערעכענט אלע פון די גאונים, וואס זענען געבארען געווארען כמעט אין דעם אנהויב פון דעם ניינצעגטען יאהרהונדערט, און האבען געוויזען א גוואלדיגען ווידערשטאנד צו דער כוואליע פון ציוויליזאציע, וואס האט זיך אין זייער יאהרהונדערט מיט אימפעט פאנאנדערגעשפרייט איבער דעם ים פון מענשליכער טעטיגקייט.

די דאזיגע דריי פאעטישע-מאראלפילאסאפען זענען דאס די אמת'ע פיאנירען פון דעם איצטיגען קולטור דראנג. דער שטריך, וואס האט פעראייניגט די דריי, אין א סך פרטים דיאמעטראל פערשיעדענארטיגע, פילאסאפען, איז געווען און איז געבליבען זייער וואונש און זייערע האפנונגען, אז קולטור, אין דעם בעסטען און טיעפסטען זין פונ'ם ווארט, זאל נעהמען ביי דעם מענשען די אויבערהאנד איבער דער ציוויליזאציע.

ווי עס ווייזט אויס, געהט עס דערצו, אז זייער וואונש זאל דערפילט ווערען, און זייערע האפנונגען זאלען מקוים ווערען.

קולטור! איז יעצט דער געשריי, וואס די אויערען אונזערע פערנעהמען פון א ל ע זייטען, און אויך, אויב ניט דער עקר, מצד פון דעם איצטיגען אידישען לעבען און שטרעבען, סיי אין אמעריקא, סיי אין רוסלאנד.

דא און דארט הילכט מיט דעם געשריי: קולטור! מען רעדט און מען שרייבט מכח קולטור — קולטור „מאטעריעלע", קולטור „אינטעלעקטועלע", קולטור „עסטעטישע", קולטור „רעליגיעזע" און — סתם קולטור.

אונז דוכט זיך אבער, אז פון דעם, וואס האנד אין האנד מיט דעם געשריי: קולטור! הערט זיך אויך, און נאך שטארקער, דער געשריי: בילדונג! און וואס אייניצייטיג מיט דער פאדערונג פאר פארלעזונגען, קורסען און קלאסען, הערט זיך אויך די פאדערונג פאר שולען פאר דעם בעדייטענדען פראצענט פון „אנאלפאבעטען" — פון די דאזיגע פאראלעלע געשרייען

זעהט מען, אז דער ענטהוזיאזמוס פאר גייסטיגער דערהויבונג האט אויפ־געכאפט ניט דעם אמת'ען און, יעדענפאלס, ניט דעם טיעפערען זין פון קולטור. די געפאהר איז גרויס, אז ניט פאנאנדערשיידענדיג שטר־ענג צווישען קולטור און ציוויליזאציע, זאל די התלהבות פאר א גייסט־פלא־מער ניט אננעהמען א וועג, וואס געהט פארביי די קולטור, און וואס פיהרט ניט צו די פערטיעפונג און צו דעם שוואונג פון גייסט, וואס אין איהם נויטיגט זיך אזוי שטארק די מענשהייט פון דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט.

אונזער אויפגאבע אין דעם דאזיגען ארטיקעל וועט דעריבער זיין אנווייזען די גרויסע נפקה מינה, וואס דארף אריינגעבראכט ווערען צווישען ציוויליזאציע און קולטור, און אז בילדונג, דער מיטעל פאר עקסעלאנץ פאר ציוויליזאציע, קאן בשום אופן ניט בעטראכט ווערען פאר א טרייב־קראפט פון קולטור, וועלכע איז געווארען, און וועט נאך מעהר ווערען דער לאזונג פונ'ם צוואנציגסטען יאהרהונ־דערט.

מיר אונטערשטרייכען אזוי שטארק צוואנציגסטען יאהרהונדערט דערפאר, מחמת דער ניינצעהנטער יאהרהונדערט מיט אלע זיינע גראנד־יעזע און וואונדערבארע אויפטהואונגען אויף א סך פון די געביעטען פון מענשליכער טהעטיגקייט, קאן זיך ניט בעריהמען מיט א סך אויפ־טהואונגען אויף דעם קולטורעלען געביעט. דער ניינצעהנטער יאהרהונדערט, און הויפטזעכליך אין זיין צווייטער העלפט, האט קיין זאך ניט פראדוצירט, וואס זאל פון דאס ניי אבפרישען דעם מענשען'ס נשמה, און וואס זאל ווי דורך א כישוף א הויב טהאן דעם מענשען'ס גייסט אין די אונענדליכע הימלען אריין, און מאכען דורך דעם דעם מענשען צו דערפיהלען א געוויסען שייכות צווישען איהם און דער וועלט איבער איהם, ווי דאס האט געטהאן, למשל, שפינאזא אינ'ם זיעבענצעהנטען יאהרהונדערט, און קאנט, פיכטע און העגעל אין ענדע פון אכצעהנטען און אין אנהויב פונ'ם ניינצעהנטען יאהרהונדערט. די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאהר האט די מענשהייט אוועקגעגעבען כמעט אין גאנצען איהר ענערגיע דער וועלט, וואס איז דרויסען פון דעם מענשען. איהר גאנצע אויפגאבע און איהר העכסטער ציעל איז געווארען צו בעזיעגען

די דרויסענדיגע וועלט, כדי ארויסצובעקומען פון איהר אַלץ, וואָס קאָן העלפען מאַכען דעם מענשען׳ס לעבען אַנגענעהמער, בע־קוועמער און צופּריעדענער. די לעצטע אייגענשאַפטען ערשעפּען אָבער ניט דעם לעבענס־קוואַל ביז׳ן גרונד. ניט אין אַזעלכע אייגענשאַפטען, זעהט אויס, ווערט דער לעבענס־תמצית מאַניפעסטירט. אמת, אַז בעקוועמליכקייט און צופריעדענהייט פילען אָן דעם מענשען׳ס לעבען מיט פערגעניגען, זיי זענען אָבער ניט מספּיק אויף צו מאַכען דאָס לעבען פול גליק און, בעזונדערס, גליקזעליגקייט. דער ערדישער לעבען, מעג ער זיין איבערפול מיט תענוגים, קאָן ניט צופריעדענשטעלען דעם ערנסט־דענקענדען און טיעף־פיהלענדען מענשען. אַזא מענש רוהט ניט אַזוי לאַנג ווי ער דערשפּירט ניט אַ לעבען, וואָס איז מעהר פּערמאַנענט, וואָס שמעקט מיט אַ מעהר אונאיבערגעריסענעם דויער, איידער דאָס ערדישע לעבען. דאָס ערדישע לעבען, אפילו אונטער די בעסטע בעדינ־גונגען, ווערט פאַר איהם פול מיט יסורים און פּיין, אויב ער קאָן ניט דערזעהן ווי זיין לעבענס־פאָדעם איז אריינגעוועבט אין דעם אונענד־ליכען געוועב פון דער אייביגקייט. אַ טיעפער מענש זעהט ניט קיין זין אין דעם מענשליכען לעבען, אויב ער קאָן ניט דאָס מענשליכע לעבען, און זיין אייגענער פּערזענליכקייט, ווי עס איז אינטים פערבונדען מיט אַן איבערמענשליכען, אונאויפהערליכען לעבען.

אַט דער דאָזיגער דאָרשט נאָך אַ נחת רוח, וואָס נאָר אַ שוועבען אין די עולמות העליונים קאָן געבען, און וואָס איז ניט אויף אַ האָר געשטילט געוואָרען פון אַלע ריעזיגע נצחונות, וואָס דער מענש האָט געהאַט איבער דער נאַטור — אַט דער דאָזיגער דאָרשט האָט געפיהרט צו אַ נייעם בעגריף וועגען דעם מהות פון לעבען, צו אַן אַנדער שטעלונג צום לעבען און צו גאָר אַנדערע אופנים פון לעבענס־אונטערזוכונגען און בעטראַכטונגען. דער דאָרשט נאָך אַ טיעפערען נשמה־אינהאַלט, נאָך אַ בעדייטענדערען זין פון לעבען, האָט שטאַרק און מעכטיג אָנגעהויבען צו רעדען אין אַזעלכע גאונים ווי בערגסאָן, אויקען, רויס, דזשיימס, לאָדזש, מעטערלינק, אַנדרעעוו און פּרץ. די מענשהייט פון אונזער יאָהרהונ־דערט הויבט אָן צו שיינקען מעהר און מעהר אויפמערקזאַמקייט דער שטים פון די דאָזיגע גאונים, זי הובט אָן מעהר אויף זייער זייט דעם אויער צו נייגען.

אַט די אַלע זשעניען, וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט, און זייערע חברים, זענען איינס אין אויסמאָלען זיך דאָס לעבען ווי אַ צווישען־ערשיינונג פון מאַטעריע און גייסט. מאַטעריעל איז נאָר דאָס חיי שעה, דאָס חיי עולם איז דורכאויס גייסטיג, און דאָס מענשליכע לעבען איז אַ סינטעז פון גשמיות און רוחניות. ווען מען זאָל זיך אויף אַ מעטאַפּאָ־רישען אופן פאָרשטעלען דאָס לעבען ווי אַ קנויל אָדער אַ קוגעל, וואָס הערט זיך ניט אויף צו קייקלען און קייקלענדיג זיך האַלט ער אין איין ארויפנעהמען אויף זיך נייע פאָרמען און נייע אינהאַלטען, יעמאָלט וואָלט די מאַטעריע און גייסט רעפּרעזענטירט די צוויי פּאָליוסען פון דעם דאָזיגען בעשטענדיג ווערענדיגען לעבענס־קוגעל.

ה. נאָמבערג אין זיין ערצעהלונג „ראיא־מאנא" רעדט וועגען אַ ראַסע, וואָס האָט אַ מאָל געוואוינט ביי די ברעגען פון'ם הייליגען גאַנגוס. „זייער האַרץ, — זאָגט נאָמבערג, — איז געווען אָפען און וואַכענדיג פאַר גייסט און זאַכען פון גייסט. די אַרבייט האָבען זיי ניט ליעב געהאַט און זייער לעבען האָט ניט געקאָנט אויספילען דאָס, וואָס אַ מענש טהוט אום צו דערהאַלטען זיין לעבען. זיי האָבען ליעב געהאַט דאָס לעדיג געהן, דאָס גאָרנישט טהאָן, דאָס טראַכטען און חלום'ען, דאָס לאַנגע ליעגען אויפ'ן גראָז, פערבענקט אַנצוקוקען זיך אין די טיעפענישען פון הימעל און אין דעם אָבגרונד פון דער איינענער נשמה". און ראיא־מאנא, דער נביא פון דער דאָזיגער ראַסע, האָט דערזעהן דאָס, וואָס די נביאים ביז איהם האָבען ניט געזעהן: ער האָט דערשפּירט די געדאָ־פּעלטע געשטאַלט פון דער געטליכקייט.

ווי עהנליך צו דער דאָזיגער ראַסע בכלל הויבען ווידער אמאָל אָן צו זיין די מענשען פון אונזער יאָהרהונדערט, און ווי מערקווירדיג איינס מיט „ראיא מאנא" זענען די גאוני׳שע וועגווייזער פונ'ם נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט. אויך זיי האָבען דערשפּירט אַ געדאָפּעלטע געשטאַלט, אַ צווייערליי שטימונג אינ'ם לעבען, וואָס איז לויט זייער מיינונג דער אינטימסטער אויסדרוק פון דער געטליכקייט. כּפי די דאָזיגע פילאָ־סאָפען, וויסענשאַפטס־מענער און קינסטלער קומט אויס, אַז די צענט־ראַל טענדענץ פונ'ם נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט האָט באַנקראָטירט אין איהר איבערצייִיגנג, אַז די ביאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע וועלען סוף כל סוף

דערוויזן, אז לעבען איז בלי ספק ניט מעהר איידער א פערוויקעלטע צונויפשטעלונג פון ערשיינונגען און פונקציעס, וועלכע האבען אלע זייער מקור אין קערפערליכע גענענשטאנדען און אביעקטען.

יעדע נייע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג שוואכט רק מעהר אב די דאזיגע איבערצייגונג און שרייבט איהר צו אלץ מעהר נאאיוויטעט. דאס שטיצט די פילאסאפען זעהר פיעל אין זייערע מיינונג, אז דער עסענץ פון לעבען איז גאר לגמרי מחוץ לגבול פון וויסענשאפטליכער חקירה ודרישה. עס ווערען דעריבער אויך עפטער די אנצוהערענישען, אז א חוץ דער גשמיות'דיגער זייט פערמאגט דאס לעבען א רוחניות'דיגע זייט. די רוחניות'דיגע זייט קאן נאטירליך דערבליקט ווערען פון נאר א הויך אנגעשטעלט גייסטיג אויג. דורך וויסענשאפטליכע פארשונגען, געצייג און מעטהאדען, מעגען זיי זיין ווי קאמפליצירט און וואונדערבאר, קאן די דאזיגע זייט פון לעבען ניט ענטדעקט ווערען. זי קאן אבער יא דערקענט אדער ענטפלעקט ווערען בדרך נבואה אדער אינטואיציע, אדער וועלכען עס איז אנדער ספעציפיש ספיריטועלען מעטהאד.

און אקוראט ווי דאס לעבען פערמאגט צוויי געשטאלטען, אזוי פער־מאגט אויך אונזער גדאנק צוויי פערשיידענע גאנגען, און אונזער גייס־טיגע טהעטיגקייט דריקט זיך אויס אין צוויי פערשיידענע פארמען: איין פארם איז די קולטורעלע, די צווייטע איז די, וואס מיר וואלטען אנגערופען די ציוויליזירטע. קולטור און ציוויליזאציע זענען צוויי פער־שיידענע, אבער פאראלעלע, גדאנקען, אדער גייסט־אויסגוסען.

קולטור איז דער וואונש און בעגעהר אין דעם מענשען צו בענעהמען דאס איבערמענשליכע, זיין אימפולסיווע שטרעבונג צו גרייכען אין די הימלען, וואו ער דערווארט צו קריגען אן אינהאלט און א שטיץ־פונקט פאר זיין לעבען, אין דעם מאמענט, דער עיקר, ווען דאס ערדישע און פארבייגעהענדע פערליערט פאר איהם אינטערעס. און אלץ דאס, וואס דער מענש האט דערזעהן און בענומען אין זיין פליהען אין די הימלען אריין, איז קריסטאליזירט געווארען אין דער פארם פון קולטור אוצרות, וועלכע זענען אזוי טהייער דער מענשהייט.

ציוויליזאציע אונטערשיידט זיך פון קולטור דערמיט, וואס זי שטעלט

די טראָפּ אויף דאָס מ ע נ ש ל י כ ע, אַנשטאָט דאָס א י ב ע ר־מ ע נ ש ל י כ ע, אויף דאָס ע ר ד י ש ע אַנשטאָט דאָס ה י מ ל י־ש ע, אויף דאָס פּ ר א ק ט י ש ע, אַנשטאָט דאָס ס פּ ע ק ו ל א־ט י ו ו ע. ציוויליזאציע איז פּעראינטערעסירט אין די גשמיות'דיגע און ממשות'דיגע געשטאַלט פון דעם וועלטאל; קולטור שטרעבט זיך צו פער־אייניגען מיט דער רוחניות'דיגער און ממשות'לאָזער געשטאַלט פונ'ם וועלטאל מהות.

די דאָזיגע נפקה מינה צווישען ציוויליזאציע און קולטור מאַכט פּער־שטענדליך פאר וואָס עס קומען פון צייט צו צייט אַרויס מענשען ווי רוסאָ קארלייל, עמערסאָן און טאָלסטאָי, וואָס פערדאַמען אויפ'ן שטאַרקסטען אופן די ציוויליזאציע, וואָס אויף איהר האָט די מענשהייט אוועקגעלעגט אַזוי פיעל מיה און ענערגיע. זיי, אַ טאָלסטאָי, אדער אַ רוסאָ, אַ קאַלייל אָדער עמערסאָן, טהוען דאָס דערפאַר, וואָס זיי דענקען, און מיט רעכט, אַז די ציוויליזאציע האָט גֶדיענט נאָר איין זייט פון דעם מענשליכען לעבען, און האָט לגמרי פערנאַכלעסיגט די זייט פון לעבען, וואָס נאָר אין איהר קאָן מען דערזעהן דעם אמת'ען זין פון לעבען.

זייער פאָדערונג צו דעם מענשען האָט נאָר אין אנדערע ווערטער אויסגעדריקט די זעלבע פאָדערונג, וואָס סאָקראַטעס האָט געשטעלט דעם מענשען, ווען ער האָט גע'טענה'ט, אַז דאָס עיקר וויסען איז דאָס וויסען פון זיך זעלבסט. אויך ער האָט דאָס גע'טענה'ט דערפאַר, מחמת ער האָט געוואָלט אוועקנעהמען דעם מענשען פון דעם פערבלענדענדען פּראַכט און גלאַנץ פון דער דרויסענדיגער וועלט, זייענדיג זיכער, אַז ווען דער מענש וועט זיך פערטיעפען אין זיין אייגענער, אינוועניגער וועלט, וועט ער ווערן אָהן אַן ערך מעהר פול זין, גליק און אינטערעס.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פונ'ם נייןצעהנטען יאָהרהונדערט איז דער, וואָס ער איז אין זיינע הויפּט־טענדענצען אוועק מיילען ווייט פון דעם וועג, וואָס די סאָקראַטיקער זענען אין איהם געטראָטען.

דער לעצטער יאָהרהונדערט האָט, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, אוועקגעשענקט זיין גאַנצען אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט דער וועלט דרויסען פון דעם מענשען, און דער פּראַקטישער זייט פון לעבען. דער הויפּט, — אויב ניט דער איינציגער, — ציעל פון די טאָן־געבער פון דער

לעצטער עפּאָכע איז געווען צו בעהערשען און צו עקספּלאָאַטירען די דרויסענדיגע וועלט, כדי צו פערגרעסערען די נוצען, וואָס דער מענש קאָן ציהען פון דער דאָזיגער וועלט, אָדער נאַטור. און אין דער דאָזיגער תקופה האָט ווירקליך געשטייגט די ציוויליזאַציע מיט איהרע ממשות־דיגע רעזולטאַטען און עפעקטיווע נוצען. דער סכום פון וויסען און געוואָהר ווערען אַלץ נייערע און נייערע זאַכען און געגענשטאַנדען האָט געוואַקסען אָהן אַן אויפהער. און, היות ווי אין דעם וואוקס פון דער ציוויליזאַציע האָט דער אינטעלעקט פון דעם מענשען געשפּיעלט די גרעסטע ראָל, האָט טאַקע דער נײַנצעהנטער יאָהרהונדערט געלעגט זיין גאַנץ געוויכט אויף דער אינטעלעקטועלער, שכל'דיגער זייט פון'ם מענש־ליכען גייסט, ערוואַרטענדיג, אַז מיט דעם ריינעם שכל, מיט דער קלאָרער לאָגיק וועט דער מענש מיט דער צייט קאָנען אַלץ דערזעהן, און אויף אַ לאָגיש מאַטעמאַטישען אופן קאָנען אַלץ אויסרעכענען.

דער גייסט פון מענשען אָבער, ווייזט אויס, איז אַ סאָקראַטישער. ער בעשטעהט ניט רק פון קריסטאַל קלאָרען און מאַרמאָר גלאַטען שכל, וואָס איז פערקאָכט אין דעם דערגרונטעוען די דרויסענדיגע וועלט, און וואָס פיהלט זיך ווי אַ פיש אין וואַסער נאָר אין דער דערקענטבאַרער וועלט. אַ חוץ דעם שכל וואָרפט זיך און צאַפּעלט זיך נאָך עפּעס אַ וועזען אינ'ם גייסט פון מענשען. און אָט דאָס עפּעס אַנדערשע, אַ חוץ דעם ריינעם שכל אָדער אינטעלעקט, — רופט עס אינסטינקט, געפיהל, נשמה, זעלבסט־פּראַקטישער פערנונפט, קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, אָדער וואָסער אַ נאָמען איהר ווילט אַליין — האָט אינ'ם סוף פון'ם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט דערשפּירט אַ מורא'דיגע פּוסטקייט, אַ מאָדנע אינהאַלטסלאָזיגקייט און פערוואַהרלאָזיגקייט.

די דאָזיגע שטימונג פון דער נשמה איז גוט כאַראַקטעריזירט אין דער צוואה פון מאָריץ בענדיטענזאָהן'ס זוהן: „איך געה אוועק פון דער וועלט — שרייבט ער — נישט פון נחת, נישט פון עגמת נפש, נאָר פון ל ע ע ר ק י י ט. איך שטאַרב, ווייל איך בין אַן עקר, אַזוי מיט'ן גוף, אַזוי מיט דער נשמה. מען האָט זיך מיט מיר אויפגעפיהרט, ווי אַ פּויער — מיט אַ חזיר. מען האָט מיך געשטאָפּט...

(פּרץ, „פּיער דורות — פּיער צוואות").

און אַט פאַרוואס ווי אַן ענטפער אויף אַלע גרויסע ערגאַבערונגען פונ׳ם אינטעלעקט און אונגעהייערן פראַכט און גלאַנץ פון דער ציוויליזאַציע, האָט זיך דערהערט פון דער טיף פונ׳ם זשעניע׳ס נשמה די מעלאַדיע פון הכל הבל.

דאָס איז אָבער ניט געווען קיין דורכאויס פעסימיסטישע מעלאָדיע, און זי איז אויך ניט געווען לאַנג אָנהאַלטענדיג. ביי דאָס רוב פון די נייערע דענקער איז דער הכל הבל געווען אַ בעדינגליכער. זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אַז אַלץ איז זינלאָז, אויב דער אינטעלעקט, דאָס בשר ודמ׳יגער לעבען און דער אינטעלעקט זאָל זיין די איינציגע טריאַדע, וואָס דער מענש קאָן זעהן, פיהלען און שפּירען. עס האָט אָבער ניט לאַנג זיי גענומען אויסצוגעפינען, אַז די דאָזיגע טריאַדע איז ניט די איינציגע.

אַזוי שנעל ווי די דאָזיגע דענקער, די פּיאָנערען פון אונזער יאָהר־הונדערט, האָבען, ניט אַכטענדיג אויף אַלע אויפטהואונגען פון דער מאָ־דערנער ציוויליזאַציע, דאָך דערשפּירט אַן אינווענייגסטע ליידיגקייט און ווערטהלאָזיגקייט, האָבען זיי זיך מיט יאוש אוועקגעריסען פון דער וועלט, וואָס רינגעלט אַרום דעם מענשען און האָבען זיך מיט אַ מורא׳דיגען אימ־פּעט אַראָבגעשליידערט אין דעם, וואָס מעטערלינק רופט „מאַרע טענע־בראַרום" פון דעם מענשליכען „איך" אָדער „זעלבסט". און אין דעם „פראָפונדים" פונ׳ם זעלבסט, אין דעם מעמקים פון זייער נשמה האָבען זיי דערזעהן די צווייטע געשטאַלט פונ׳ם קאָסמאָס. פון דער דאָזיגער געשטאַלט שטראַהלט אַרוים ספּיריטואַליטעט, אַנשטאָט אינטעלעקט, איבערמענשליכעס, אַנשטאָט מענש־ליכעם לעבען, קולטור, אַנשטאָט ציוויליזאַציע.

„אויב, זאָגט דער דייטשער פילאָסאָף אויקען, לעבען בלייבט לגמרי אין דעם גבול פון דאָס נאָר מענשליכע, און אויב אונזערע אייגענע באַל־דיגע אינטערעסען שטעלען צונויף דעם גאַנצען עצם מהות פון דעם לעבען, אַזוי אַז מיר קאָנען ניט האָפען אַריינגעפיהרט צו ווערען אין אַן אַנדער לעבען, אַ לעבען וואָס גיסט זיך צונויף מיט דער גאַנצער רעאַליטעט, יעמאָלט מעגען מיר ווי התפעלות׳דיג אונז איבערנעהמען מיט אונזער גרויסקייט, מעגען מיר אויסטראַכטען די העכסטע פרעסטיזשען און מעגען

מיר אין אַ געמיטה פון גאוה און בעריהמעריי שטעלען אונז אָדער אונזער קלאַס העכער פאר דעם פעבעל, דאָך אָבער אין תוך גענומען איז דאָס אַלץ קליינליכקייט, און ניט קיין ערהאבענקייט, אַ קליינליכקייט וואָס טרעט נאָך בולטער ארויס אין דער אילוזיע פון גרויסקייט. אין דער דאָזיגער בלויז מענשליכערע ספערע איז ניט פאַראַן קיין ערהאבענקייט, קיין עכטע גרויסקייט, ניט פאַראַן אַזעלכעס וואָס זאָל ארויסרופען אַ יראת הכבוד, וואָס זאָל בעוועלטיגען און דערהויבען אין דער אייגענער צייט. דאָס קאָן געשעהן נאָר יעמאָלט ווען עס וואַכט אויף אין מענשען דאָס איבערמענשליכע, דאָס וואָס צו איהם זאָל דער מענש אָהן ספק און על פי אַן אינערליכען הכרח צושרייבען אַ פאָלקאָמענע סופּעריאָטעט. אין דער אייגענער צייט מוז אָבער דער מענש דערפיהלען די אינטימסטע קרובה'שאַפט צווישען איהם און דאָס איבערמענשליכע א י ן איהם אָדער א י ב ע ר איהם. ער מוז זיין ביכולת צו בעטראַכטען דאָס איבער־מענשליכע ווי עפּעס אַזעלכעס וואָס אויף אַ געוויסען אופן געהערט צו איהם, צו דעם בשר ודם זעלבסט. נאָר אַזאַ בליק מאַכט מעגליך אַן אמת'ע ערהאבענקייט פון דעם מענשליכען מהות און נאָר אַזאַ ערהאבענ־קייט פיהרט צו דער גרעסטער בעפרייאונג פון אַלע בעפרייאונגען און דאָס איז די בעפרייאונג פון לעבען פון דער שמאָלקייט פון דאָס בלויז מענש־ליכע". (זעה „הויפּט שטראָמען פונ'ם מאָדערנעם געדאַנק", ר. אויקען, ענגלישע איבערזעצונג ז. 299.)

און אין יעדער תקופה פון דער מענשליכער געשיכטע, וואָס אין איהר איז דאָס נאָר מענשליכע בעטאָנט געוואָרען, האָט דאָס נאַטור וויסען און די ציוויליזאַציע געוואונען אין פּראָמינענץ, ווייל ביידע דיענען זיי דער פּראַקטישער זייט פון לעבען, דער זייט וואָס געפינט איהר אויס־דרוק אין דעם בעגריף פון נוצליכקייט. דאָס איז די פאָרם פון לעבען, וואָס איהר האָט די וויסענשאַפט אַוועקגעשענקט איהר שטאַרקסטע אויפ־מערקזאַמקייט, און געדיענט איהר מיט אַן אונבעשרייבליכער טרייהייט.

הויבט אָבער אָן אין אַ געוויסער עפּאָכע דאָס איבערמענשליכע, דאָס הויל רוחניות'דיגע דאָמינירען, הויבט נאָר אָן גרעסער ווערען די צאָהל מענשען וואָס אין זייער האַרץ געפינט אַן אָבקלאַנג דער מיסטישער קול דממה דכא, וואָס לאָזט זיך הערען פון דער טיעפסטען טיעפעניש

אין דער נשמה פון די גאוני הדור, יעמאָלט פערנעהמט דעם אויבען־אָן די נשמה־גריבלעריי און די קולטור. די טראָפּ ווערט דענסטמאָל גע־שטעלט אויף די ספּעקולאַטיווע זייט פון לעבען, וועלכע לעגט דאָס גאַנצע געוויכט אויף דאָס ווערטהפולע.

און דאָס ווערטהפולע שטעהט אין א זעהר גרויסען קאָנ־טראַסט צום נוצפולען. זאַכען און פּאַסירונגען, וואָס ווייזען זיך אַרויס לגמרי נוצלאָז פאַר דער פּראַקטישער זייט פון לעבען, וועלכע איז אויבען־אויפיג און בעגרעניצט, קאָנען דאָך זיין פון א ניט אָבצושעצענדען ווערטה פאַר דער ספּעקולאַטיווער זייט, וועלכע איז טיעף און אונענדליך.

ניט צוליעב די נוצען, למשל, וואָס די תפיסה האָט איהם געבראַכט, האָט אָסקאַר ווײַלד געדאַנקט דעם רבונו של עולם דערפאַר, וואָס די געזעלשאַפט האָט איהם אהין אַרײַנגעוואָרפען. זיין ליוב־געזאַנג צו נאָט און זיין בעטראַכטען די תפיסה אלס א חסד פון איהם, האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די תפיסה און די אַלע יסורים און מאַטערנישען, וואָס זענען איהם בעפאַלען אין גאַנצע „באַטאַליאָנען“ פאַר דער תפיסה און אין דער תפיסה, האָבען געפיהרט איהם צו אַן ענטפּלעקונג פון נייע ווערטהען אין לעבען, וואָס דורך זיי האָט ביי איהם דאָס לעבען א שפּאָגעל נייעם זין בעקומען. די נייע ווערטהען אין לעבען האָבען איהם געוויעזען דאָס לעבען אין א נייע געשטאַלט.

און נאָר די מענשליכע טהעטיגקייט, וואָס ציעלט הויפּטזעכליך געוואָהר צו ווערען דעם זין און דאָס ווערטה פון לעבען; דעם תמצית און תכלית פון דעם וועלטאַל, קאָן זיך באמת רופען קולטור. די הויפּט־צווייגען פון דער קולטור זענען פילאָסאָפיע, רעליגיע און קונסט. גראָד די דאָזיגע דריי צווייגען זענען אינ׳ם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט פערנאַכלעסיגט גע־וואָרען, און די ערשטע צוויי האָבען שוין אָנגעהויבען כמעט ווי אָבגע־פרעגט צו ווערען. זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם נײַנצעהנטען יאָהר־הונדערט זענען די פאָלגענדע ווערטער, וואָס אין זיי האָט אויסגעגאָסען זיין צאָרן אויף דער פילאָסאָפיע דער גרויסער פּאַטהאָלאָג ווירכאָוו. „דו, פילאָסאָפיע, זאָגט ער, ביזט געווען מיין שונא, פון וועלכען איך בין גליק־

ליכערווייזע נצול געוואָרען, מחמת דו האָסט מיך אָנגערעדט צו ספּעקו־לאַציעס פול מיט חלומות. אָהן דיר אָבער האָב איך מיך אויסגעלערענט געטריי צו קוקען דורך מיין מיקראָסקאָפּ אויף די פאַקטען ווי זיי זענען." (זעה זשורנאַל „סייענס", אָקטאָבער, 1913, ז. 579). אזא בליק אויף פילאָ־סאָפיע איז געווען שטאַרק אין וועג דעם קולטור־שטראָם.

אָבער ווי אַ וואַסער־שטראָם אַ שטאַרקער, וואָס ווען ער ווערט אָב־געהאַלטען אויף אַ ווייַלע, זעצט זיך דורך מיט מעהר רעש און אימפּעט שפּעטער, אזוי האָט אין דעם אָנהויב פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונ־דערט זיך דורכגעבראָכען דער אָבגעהאַלטענער קולטור־שטראָם מיט אַ מעהר שטורמישען דראַנג, איידער ווען עס איז פריהער. און מיט פאָראָד ווערען ווייטער אויפגענומען די פראַגען, וואָס שווימען אַרויף אויף דער אויבער־פלאַך פון דעם דריי־צווייגיגען קולטור־שטראָם, די פראַגען, וואָס ווערען ניט אַרויסגעלאָזען פון די אויגען פון קונסט, רעליגיע און פילאָ־סאָפיע.

און אויב עס דאַרף איצט געלענט ווערען אַ סך געוויכט אויף ק ו ל ט ו ר און איהרע הויפּט־רעפּרעזענטאַנטען, פילאָסאָפיע, רעליגיע און קונסט, דאַרף האַנד אין האַנד דערמיט אַ סך געוויכט אַראָבגענומען ווערען פון ב י ל ד ו נ ג.

דער הויפּט־צוועק פון בילדונג איז צו בערייכערען דאָס וויסען פון דעם מענשען, און דאָס דאָזיגע וויסען אין דעם פּראָצעס פון בילדונג ווערט געגעבען מיט דער כונה, אז דער מענש זאָל זיין פעהיג צו העלפען דער פּראַקטישער און ניצליכער זייט פון לעבען אי פון דעם יחיד, אי פון דער געזעלשאַפט, און ער זאָל זיין ביכלת צו טרייבען ווייטער און אויף אַ פאָל־קאָמענערען אופן די ציוויליזאַציע. אַלע בילדונגס־אנשטאַלטען דיענען הויפּטזעכליך די ציוויליזאַציאָנס־צוועקען.

דער קולטורעלער מעמד פון אַ מענשען שטייגט ניט דורך בילדונג, נאָר דורך ערציהונג, וואו ניט דאָס וויסען, נאָר דאָס פ י ה ל ע ן, ט ר א כ ט ע ן און ד ע נ ק ע ן שפּיעלען די הויפּט־ראָל. אין דעם ערציהונגס־פּראָצעס געהען אַריין טיעפע איבערלעגונגען, שטאַרקע נשמה־צוטרייסלונגען, אונפערגעסליכע איינדריקען, בעריהרונגען מיט ערהאַבענע

פֿערזענליכקייטען, פּראַכטפֿולע פּאַסאַזשען און אויסערגעוועהנליכע געגענשטאַנדען. צו זיין גוט ערצויגען הייסט צו ווערען וואָס עפּטער פֿון פֿערשיידענע ווירקונגען סטימולירט צו אַ בעשטענדיגען שטרעבען צו עפּעס העכערעס, איידער דאָס רעאַלע און געוועהנליכע. אזא ערציהונג קומט פֿאַר אויף צווייערליי אופנים: אויף אַ בעוואוסטען און צוועקמעסיגען און אַן אונבעוואוסטען און צופֿעליגען. צו ערציהען עמיצען ציעלבעוואוסט, הייסט צו שטעלען איהם אונטער פֿאָראויסגעפּלאַנטע בעדינגונגען, וואָס זאָלען ווירקען אויף דעם וואוקס און שוואונג פֿון זיין גייסט. אזא בעוואוסטזיניגע ערציהונג רופֿט זיך, אין קאָנטראַסט צו דער נאַטירליכער אָדער אינסטינקטיווער ערציהונג, ענטוויקלונג. און ווען מען האָט ברעה קולטיווירען זיך אָדער אַנדערע דאַרף מען אין זינען האָבען ענטוויקלונג און ניט בילדונג.

אויף ווי גרויס דער אונטערשיעד איז צווישען ציוויליזאַציע מיט איהר מיטעל—בילדונג און קולטור—וואָס פֿאָדערט רק ענטוויקלונג, זעהט מען דערפֿון, וואָס אַלע רעוואָלוציעס אין דעם געדאַנקען־גאַנג פֿון דער מענשהייט האָבען געמוזט אויסגעקעמפּפֿט ווערען אין דער קולטורעלער גאַס, דאָס הייסט אין פֿערשיידענע קלובס, אין צאָהלרייכע עפֿענטליכע זאַל־דיסקוסיעס און פֿאָרלעזונגען, און אין די ניט אַנערקענטע זשורנאַלען. אין זיין געשיכטע פֿון ציוויליזאַציע שטעלט זיך באָקעל זעהר לאַנג אָב אויף אזא סאָרט קאַמפּף פֿאַר אַ נייער קולטור בשעת און בעפֿאָר דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. ערשט נאָך אַ גרויסען קאַמפּף, וואָס אין איהם האָבען זיך בעטהייליגט מאַסענווייז מענשען אָהן בילדונג, האָבען די פּאַטענטירטע בילדונגס־אַנשטאַלטען בעל כרחה געענטפֿערט זייערע טיהרען פֿאַר די נייע געדאַנקען־ווענדונג, וואָס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען צו זיין אַ העכערער גראַד פֿון קולטור־שטייגערונג.

די פֿילאָסאָפֿישע סיסטעמען, וואָס פֿערנעהמען איצט אין דער געשיכטס־פֿילאָסאָפֿיע אַ בלעטעל, מיט וועלכען די מענשהייט שטאָלצירט, האָבען אמאָל ניט געטאָרט דערמאָנט ווערען אין די בילדונגס־אַנשטאַלטען. דאָס זעלבע איז פֿאָרגעקומען בנוגע צו רעליגיעזע השערות און קונסט־קאָנצעפּציעס. און אקוראַט אזא שטעלונג נעהמען איצט אָן די אוניווערזיטעטען בנוגע צו דעם, וואָס זעגעלט אונטער דעם נאָמען פֿון דעם ראַדי־

קאַלען גערדאַנק, וועלכער איז אין תוך געגומען ניט מעהר ווי אַ נייער קולטור־בליק, וואָס גיבט שאַפען נייע ווערטהען און אינהאַלטען פאַר דעם לעבען פון יחיד און פון דער געזעלשאַפט. נייע בעגריפען וועגען די שייכות׳ען בין אָדם למקום און בין אָדם לחבירו.

דאָס אַלץ איז דערפאַר מחמת די דאָזיגע אַלערליי שולען זענען אינסטיטוציעס, וואָס דער מאָטיוו פון זייער גרינדונג איז געווען צו העלפען צופּאַסען זיך און די געזעלשאַפט צום לעבען אין זיין פּראַקטישער געשטאַלט. אַלס אַזעלכע מוזען זיי זיך פערנעהמען דערמיט, וואָס איז שוין אַנערקענט געוואָרען פאַר זיכער און ניצליך, און פערטרייבען פון זיך דאָס צווייפעלהאַפטע און דאָס אונזיכערע, דאָס הייסט אַלץ, וואָס גיבט אַריינברענגען אַן איבערקעהר אין דעם, וואָס איז ביז איצט געווען. דער הויפּט־צוועק פון בילדונג איז דאָס אַלטע צו קאָנסערווירען, און ניט דאָס נייע צו פּראָדוצירען אָדער שאַפען.

וויל מען אָבער נייע קולטור־אוצרות שאַפען, טאָר מען פון אויג ניט אַרויסלאָזען די ענטוויקלונג, וועלכע שטרעבט צו העלפען דעם מענשען צו דערקענען זיין ראָל און זיין ווערטה אין דעם וועלטאַל, און צו דער־גרונטעווען דעם זין פון׳ם קאָסמאָס, וואָס פון איהם איז דער מענש אַ טהיילכעל.

די מעלה פון ענטוויקלונג אין פערגלייך מיט בילדונג איז אויך די, וואָס וועהרענד פאַר דערוואַקסענע מענשען איז שווער, און גאַנץ אָפט אונ־מעגליך זיך צו בילדען, דאָס הייסט, אויסצולערנען זיך די למודים, וואָס ווערען געגעבען אין די שולען פאַר קינדער, איז דאָס אָבער פאַר זיי בפרוש יאָ מעגליך זיך ענטוויקלען קולטורעל. די בילדונגסלאָזיגקייט איז גאָר ניט אַזוי גרויס שטער פאַר ענטוויקלונג, ווי אַנדערע מיינען דאָס. אפילו פאַר „אַנ׳אַלפאַבעטען" איז ניט אונמעגליך צו תופס זיין און הנאה האָבען פון פאַרלעזונגען איבער פילאָסאָפישע, רעליגיעזע און קונסט פּראָבלעמען, דאָס איז פּונקט אַזוי מעגליך, ווי עס איז מעגליך פאַר אַ מענשען, וואָס ווייס ניט ווי צו האַלטען אַ פידעל אין האַנד און ווי צו לייענען נאָטען, הנאה צו האָבען פון גוטער מוזיק.

די אבהאנדלונגען איבער די פ ע ר ש י ע ד ע נ ע ק ו ל ט ו ר ע ל ע

פּ ר א ב ל ע מ ע ן רופען ארויס אפילו ביי דעם אונגעבילדעטען, וואס דזשיימס רופט אָן, א „פּראבלעמאטישען ציטער". עס עפענען זיך פאר איהם נייע האָריזאָנטען, נייע מחשבות הויבען אָן צו שווירבלען און גריבלען אין זיין מוח, נייע געפיהלען וואכען אויף אין זיין הארץ. ער דערזעהט נייע אינהאַלטען און א טיעפען זינן אין לעבען, ער דערשפּירט אין זיך א שטארקערען זעלבסט, און דורך דעם ווערט ער מוטהיגער און ענטשלאָסענער אין זיין קאמפּף פאר א מעהר מענשליכערען און פאר א גייסט־רייכערען לעבען.

דאָס ווארט פּראבלעמען דריקט אויס נאָך איין נפקה מינה צווישען בילדונג און ענטוויקלונג. בילדונג פארנעמט זיך מיט דאס ויסען פון אלץ, וואס איז ניט פּ ר א ב ל ע מ א ט י ש. ענטוויקלונג סטימולירט דעם גייסט דורך דעם, וואס עס רופט ארויס דעם גרעסטען אינטערעס און די שטאַרקסטע נייגעריגקייט אין א ל ץ ו ו אָ ס א י ז ה ע כ ס ט פּ ר א־ב ל ע מ א ט י ש. און דאס העכסט פּראבלעמאטישע איז אייגענטליך דער תמצית פון קולטור. און „ו ו אָ ס מ ע ה ר ע ס פ א ל ט א י י ן א י צ ט ד ע ם מ ע נ ש ע ן צ ו ק ל ע ה ר ע ן ט אָ מ ע ר א י ז ק י י ן מ אָ ס א ו ן ק י י ן ו ו אָ ג נ י ש ט פ ע ר ה א נ ד ע ן?" (פּריץ, „די נייע בעוועגונג") , אלץ גרעסער ווערט דער פערנעהם פון דאס פּראָבלעמאטישע. וואס מעהר די וויסענשאפט פערלירט איהר האָפנונג אויף אריינברייגען וואָג, מאָס און רעכנונג אין די דאָמענען פון לעבען און גייסט, און וואָס מעהר די פילאָסאָפיע הויבט אָן צו בעטראַכטען ספּאנטאַנואיטעט, פרייהייט, אריגינאַליטעט און שעפּפונג פאר די אייגענשאפטען פון לעבען און גייסט, אלץ מעהר שטייגט די אונפערמיידליכקייט און אייבינקייט, און מיט זיי צוזאמען דער יוחס און ווערט פון פּראבלעמען. און מיט'ן וואוקס פון דעם דרך ארץ פאר'ן פּראבלעמאטישען, שטארקט זיך במילא דער דראנג פאר קולטור.

און וויל מען באמת ק ו ל ט ו ר, טאָר מען ניט פארגעסען, אז דער וועג צו איהר איז ענטוויקלונג. מען דארף אויך האַלטען אין זכרון, דאס פון די צוויי פאקטאָרען פון'ם מענשליכען פראָגרעס, איז כמעט פאר א גאנצען יאהרהונדערט בעטאָנט געווארען איינער, און דאס איז צ י ו ו י־

ליזאַציע און במילא שוין אויך בילדונג. עס איז איצט געקומען די צייט צו קאָנצענטרירען אביסעל מעהר ענערגיע און אויפמערקזאמקייט אויף דעם צווייטען פאַקטאָר, און דאָס איז קולטור און אויף איהר סינע־קווא־נאָן — ענטוויקלונג.

דער דאָזיגער פאַקטאָר פיהרט דעם מענשען אהין, וואו דאָס וואָכעדיגע גרעניצט זיך מיט דאס הייליגע, דאס ערדישע מיט דאס הימלישע, דאס צייטווייליגע מיט דאס אייביגע, דאס פּראַקטישע מיט׳ן ספּעקולאַטיווען—קורץ, דאָס מענשליכע מיט דאס איבערמענשליכע. און ווען מען טראַכט וועגען אזא גרעניץ, שאַד ניט זיך צו דערמאָנען די ציטאַטע, וואָס עמערסאָן ברייגנגט ערגעץ: „וואָס פאר א ווערטלאָזער חפץ איז דער מענש, ווען ער קאָן זיך ניט א הויב טהאָן איבער זיך זעלבסט!“

דאָס פּראָבלעם בלייבט יעדענפאַלס אָפען, און די אָפענע פּראָבלעמען זיינען די נשמה פון ענטוויקלונג און קולטור, און אויב זיי בעלייכטע ניט די מענשליכע וועגען, לייטערען זיי אבער דעם מענשליכען גייסט.

# מאני לייב:
# אינגעל צינגעל כוואט

כ׳האָב אַ מעשה׳לע אַ שעהנע,
פאַר די קינדער מיינע קליינע.
זייט זשע קינדער שטיל און שאַ,
ס׳איז מיין מעשה׳לע אַזאַ: —

ערגעץ ווייט, ווייט, ווייט פון דאַנען,
צוצוקומען ניט מיט באַהנען,
ניט מיט שיפען, ניט מיט פערד —
ערגעץ אויף אַ ווייטער ערד

האָט אַ טאָל זיך דאָרט געפונען.
און אין טאָל איז דורכגערונען,
ווי אַ שנירעל ווייט און גלייך,
ווייט און גלייך אַ קליינער טייך.

אוןביים טייך, פון ביידע ברעגען,
זיינען שטיבער פיעל געלעגען,
שטיבער, גאַסען און אַ מאַרק,
און ביים זייט פון מאַרק אַ באַרג.

און די גוים און די אידען
האָבען דאָרט געלעבט צופריעדען;
ווער אין פרייד און ווער אין נויט,
יעדער האָט געהאַט זיין ברויט.

האָט זיך איינמאָל דאָרט געטראָפען
אַז דער זומער איז אַנטלאָפען.
נו, איז וואָס איז דאָ דער שרעק,
אַז דער זומער לויפט אַוועק? —

נאָכ'ן זומער קומט דער ווינטער,
קומט דער ווינטער און בעשפּינט ער
שטיבער, בארג און מארק און פּליים
אין אַ שנייאיג ווייסען קלייד.

ווייס און ליכטיג אַ פערשנייטער,
און אַ ווייטער און אַ ברייטער
שטעהט אַזוי דער ווייטער וועג,
ביז די לינדע פּסח־טעג.

גוים קומען זיך צופאָהרען,
פיהרען פולע שליטענס קאָרען,
גענז און האָלץ, און שטרוי, און היי,
אַנגעלאָדען אָט אזוי.

אידען שמאַיען אום און לויפען,
דינגען, קויפען און פערקויפען;
יעדען אידען'ס פּנים שיינט:
ס'אַרא מארק אַ ביסעל היינט!

חברה לויפען אויף די גליטשען,
מאַכען קונצען, הילכען, קוויטשען,
און דער אייז איז בלוי און וייך,
ווי דער הימעל אין דער הויך.

שקצים אין די גרויסע היטלעך
פליהען באַרג אַראָפּ אויף שליטלעך
מיט אַ פייף און אַ געשריי,
קוליע, קוליע, און אין שניי!

אינגלעך ראַיען זיך און שלעפּן,
קייקלען קלעצער שניי און קלעפּען
פעטער שנייער׳ס גוט און וואויל,
מיט א נאָז און מיט א מויל.

שטעהט א אינגעל ביי דעם טויער,
רייבט דעם אויער: פעטער שנייער,
זאָלסט אַזוי ביז פסח שטעהן,
ביז מען דאַרף אין חדר געהן.

---

אָבער דאָס איז פאַרגעקומען,
אַז דער ווינטער איז געקומען
נאַס און פינסטער, ווי א גרוב,
כאַטש ניט געה אַרויס פון שטוב.

און א רעגען האָט געגאָסען,
ניט ווי ווינטער, נאָר ווי אָסיען,
און קיין שניי איז ניט צו זעהן,
ווייל קיין שניי איז ניט געווען.

בלאָטיג איז אין מאַרק געוואָרען,—
ניט צו געהן און ניט צו פאָהרען;
געהן און פאָהרען — וואו און ווי,
אַז ס׳איז בלאָטע ביז די קניע.

ווערט א גוי אין מאַרק פערטראַגען,
בלייבט אין בלאָטע שטעהן זיין וואָגען;
שעלט דער גוי, זיין בייטשעל קנאַלט,
שלעפּט דאָס פערדעל ביז עס פאַלט.

פאָהרט אַרויס א בעל-עגלה,
וויאָקעט, נאָ׳קעט — מיט א קללה,
צי מיט גוטען—פערדלעך, פאָהרט,
און די פערדלעך, ניט פון אָרט!

און די אינגלעך, ווי דער סדר,
לערנען ווינטער שפעט אין חדר;
האָבען זיך געשראָקען שטארק
געהן אין בלאָטע דורכ'ן מארק.

---

האָבען מענשען פיעל געטרויערט,
וואָס די בלאָטע לאנג געדויערט,
וואָס קיין שניי איז ניט צו זעהן;
און קיין שניי איז ניט געווען.

האָבען מענשען זיך דערשראָקען.
גוים קלינגען אין די גלאָקען,
אידען טיאָפּקענען אין שוהל,
אז די גרויסע שוהל ווערט פול.

און די אינגלעך פון דעם חדר,
יעדער אינגעל טהוט א נדר:
— שניי געטרייער, קום שוין קום,
איך וועל ווערען גוט און פרום.

קויפט קיין אינגעל ניט קיין בייגעל,
קויפען פליהט ער ווי א פויגעל
א לאמטערען פון פאפיר,
רויט און לויטערען קאליר.

נו, איז דאָרט געווען א אינגעל,
האָט מען איהם גערופען צינגעל,
צינגעל כוואַט — און צינגעל כוואַט
האָט קיין מורא ניט געהאַט.

ער פלעגט לאכען: א לאמטערען!
כ'האָב קיין מורא ניט פאר בערען,
וועל איך מורא האָבען געהן
דורכ'ן מארק בייגאכט אליין?

אינגלעך זיצען, הערען, שווייגען.
אַלע ווייסען גוט, אַז לייגען
צינגעל כוואַט וועט קיינמאָל ניט,
ער איז דאָך ניט יוקעל שמיד!

און אין אָוועגד, ווי דער שטיינער,
קוקט דער רבי אויפ׳ן זייגער,
און ער זאָגט אַרויס׳עט קוים:
קינדער, נו, שוין צייט, אַהיים! —

ווערט אַ טומעל, טויב צו ווערען:
— בעריל רעדעל, מיין לאַמטערען,
גיב מיר פייער — קאַפּעל האָן,
צינד מיר מיין לאַמטערען אָן!

לאָזען אינגלעך זיך צוזאַמען,
די לאַמטערנעס רויטע פלאַמען.
פינסטער — לייכטען זיי דעם וועג,
און זיי ציטערען פון שרעק.

פלוצלונג טהוט אַ פרעג אַ אינגעל:
קינדער, וואו איז איצטער צינגעל?
צינגעל דאָרט און צינגעל דאָ,
צינגעל איז מיט זיי ניטאָ.

קוקען זיי אין אַלע זייטען —
פלוצלונג זעהען זיי פון ווייטען,
צינגעל טהוט אַ פאַל, אַ כליאַפּ,
און אין בלאָטע ביז׳ן קאָפּ!

ווערט אַ ליאַרעם. שרייט אַ אינגעל:
— וואַרט אויף מיר אַ רגע, צינגעל!
און צו צינגלען צו־צו־גיין
שרעקט דער אינגעל זיך אַליין.

ציגנעל שטייט אין בלאָטע פֿריילאַך
און צווינגט זיך פֿריילאַך: הולך!
וואַרפֿט זיך, דרייט זיך, ציעט זיך אויס,
קען פֿון בלאָטע ניט אַרויס.

ווערט אַ יאָמער: צינגעל, צינגעל!
אָבער יעדער חדר אינגעל
האָט ער אָפּגעלערנט קוים,
דאַרף ער קומען באַלד אַהיים.

בלייבט אין בלאָטע צינגעל שטעקן.
אָבער צינגעל וועט זיך שרעקן?!
צינגעל קלערט צו זיך אַליין:
כ'וועל אַזוי ביז מאָרגען שטיין,

כ'וועל אַזוי אין בלאָטע שלאָפֿן...
אָבער דאָ האָט זיך געטראָפֿן:
דורכ'ן מאַרק אַ פּריץ רייט,
זעהט ער צינגלען פֿון דער ווייט.

לאָזט דער פּריץ זיך פֿון ווייטען
אויף זיין גוטען פֿערד צו רייטען —
און פֿאַר צינגלען — איינס, צוויי, דריי,
שלעפּ—און צינגעל איז שוין פֿריי!

און דער פּריץ איז אַ גוטער
טוליעט צינגלען אין זיין פֿוטער.
אָבער צינגעל זידט און ברענט —
רייסט זיך פֿון דעם פּריץ'ס הענט.

און דער פּריץ קניימשט זיין שטערען
— ווי, דו האָסט ניט קיין לאַמטערען?
נעהסט אַזוי אַליין ביינאַכט?
האָט זיך צינגעל הויך צולאַכט:

— אַ לאַמטערען, אַ לאַמטערען,
כ'האָב קיין מורא ניט פאַר בערען,
וועל איך מורא האָבען געהן
דורכ'ן מאַרק ביינאַכט אַליין ? !

לאַכט דער פריץ: ס'אַרא אינגעל!
זאָג מיר, ווי מען רופט דיך? צינגעל
האָט קיין מורא ניט געהאַט
און ער ענטפערט: צינגעל כוואַט!

איז דעם פריץ שטאַרק געפעלען
וואָס אַ אינגעל זאָל זיך שטעלען
פאַר אַ פריץ איינס און צוויי;
און דער פריץ זאָגט אַזוי:

— כ'בין שוין גרוי און אַלט געוואָרען,
בין אַ וועלט שוין אויסגעפאָהרען,
און אַ אינגעל, אַזאַ ברען,
האָב איך ערגעץ ניט געזעהן.

און, אַז דו זאָלסט מיך געדענקען,
וויל איך אַזאַ זאַך דיר שענקען,
וואָס די וועלט האָט ניט געהאַט;
שוויינ, און הער־זשע, צינגעל כוואַט.

כ'האָב דעם פערד, ער קאָסט מיר טייער;
ער איז לויטער פלאַם און פייער —
פליהען פליהט ער ווי אַ פייל,
אין אַ רגע דרייצעהן מייל.

און איך האָב אַ כישוף־רינגעל,
אַזאַ רינגעל פאַר אַ אינגעל;
טוסט איהם זיעבען מאָל אַ דרעה
און עס הויבט אָן געהן אַ שניי.

און דו קענסט אַליין זיך שטעלען,
וועלכע זאַך איז דיר געפעלען:
צי דער רינגעל, צי דער פערד —
אָבער ניט קיין סך געקלערט!

צינדט זיך אָן אין גאַנצען צינגעל:
— פערד צי רינגעל, פערד צי רינגעל?
און ער ענטפערט, ניט געקלערט:
— כ'וויל דעם רינגעל מיט דעם פערד!

לאַכט דער פריץ: ס'אַרא אינגעל
ביזטו, צינגעל!... און דעם רינגעל
ניט דער פריץ צינגלען אָפּ,
און ער שפּרינגט פון פערד אראָפּ.

און ניט צינגלען אָפּ די לייצע
און פּאַטשט צינגלען אָן אין פּלייצע.
צינגעל קוקט: אַט־אַטאַ־טאַ,
שוין דער פריץ איז ניטאָ.

זשמורעט צינגעל צו די אויגען,
וויאָ! און לאָזט זיך פייל פון בויגען
מיט'ן רינגעל דורכ'ן מאַרק,
דורכ'ן מאַרק, און אויפ'ן באַרג.

טפּרו! דער פערד בלייבט שטעהן, און צינגעל
טהוט א נעהם דעם כישוף־רינגעל,
טהוט איהם זיעבען מאָל א דרעה
און עס הויבט אָן נעהן א שנעע.

---

און זיי ווילען זיך ניט גלויבען,
טהוען זיי א וויש די שויבען, —
ווערט א שמחה, ווערט א פרייד!
— ס'אַרא שניי האָט אָנגעשנייט!

זאלען זיך די מענשען פרעהען,
ווי זיי ווילען און פערשטעהען,
זארגען האבען זיי געהאט;
וואו איז אבער צינגעל כוואט?

זוכט די מאמע: צינגעל, צינגעל...
רעדט זיך אויס א פלוידער־אינגעל,
אז אין בלאטע צינגעל שטעקט,
און דער שניי האט איהם פערדעקט.

נעהמט די מאמע וויינען, קלאגען,
גאר די קלוגע מענשען זאגען:
— לאזט מען זיך אזוי ניט געהן
דורכ'ן מארק ביינאכט אליין!

אבער אזא כוואט ווי צינגעל,
און מיט אזא כשוף־רינגעל,
און מיט אזא גוטען פערד —
און ס'איז קיילעכדיג די ערד —

פליהט מען גיכער, פריי און זיכער,
ווי דער ווילדער ווינט און וויכער,
טאל און בארג און וואלד און פעלד
אין דער ברייטער, ווייטער וועלט.

איז זיך צינגעל פייל פון בויגען
אויפ'ן פערד אוועקגעפלויגען,
ווייטער, ווייטער פון דער היים,
ערגעץ אין דער נאכט, אין רוים.

---

אבער ווען פון ווייטע וועגען
קומט דער ווינטער אן מיט רעגען,
און קיין שניי איז ניט צו זעהן,
ווי קיין שניי וואלט ניט געוועען. —

ווייזט זיך צינגעל פייל פון בויגען,
פון דער נאַכט אַרויסגעפלויגען;
נים געזעהן און נים געהערט,
אויפ'ן פריץ'ס גוטען פערד.

און ער טראַגט זיך גיכער, זיכער
ווי דער ווילדער ווינט און וויכער,
מיט'ן רינגעל דורכ'ן מאַרק,
דורכ'ן מאַרק און אויפ'ן באַרג.

טפּרו! דער פערד בלייבט שטעהן, און צינגעל
טהוט אַ נעהם דעם כשוף־רינגעל,
טהוט איהם זיעבען מאָל אַ דרעה,
און עס פאַלט אַרוים אַ שניי!

## א. ראַבאָי

# הערר גאָלדענבאַרג

(ראָמאַן)

## א.

אין דער ווייטער וועסט האָט דער איד, הערר גאָלדענבארג, ווייטע, ברייטע ראנדזשען אויף וועלכע עס יאָגען זיך זיינע ווילדע פערד אָהן א צאָהל.

האלט דער איד גאָלדענבארג צו זיינע פערד א יונג. איז ער א שטילער און טהוט זיין ארבייט אין צייט, האָט ליעב די פערד און די פערד האָבען איהם ליעב.

אַלע פריהמאָרגען שוועבט דער יונג אוועק אויף אַן אַנגעזאָטעלטער איינגעצוימטער בראנקא איבער טהאַל און בערג, צונויפצוזאמלען די פערד פון הערר גאָלדענבארג׳ס ווייטע ראנדזשען.

פריהער טרייבט ער זיי צוזאמען אין א גרויסען רינג ערגעץ אויפ׳ן פעלד. און אז ער האָט זיי שוין אַלע אויף א פּלאַץ, הויבט ער זיי אָן ארומקרייזען מיט זיין „רייטעריל", פון אָנפאנג גרינג, פּאמעלאך און נאכדעם שנעלער און שטארקער.

די צוזאמענגעטריבענע ווילדע פערד פאנגען אָן נאָכטון דער אַנגע־זאָטעלטער בראנקא. אפריהער איינער, א צווייטער און א דריטער.

און אזוי ביז אַלע פערד נעמען זיך דרעהען איינער אונטער׳ן אנדערן. און ווען דער יונג טוט א קוק, אז אַלע פערדלאך דרעהען זיך אין א קרייז, גיט ער א צייכען צו זיין „רייטעריל" און עס טוט מיט איהם א שפּרונג און א פליה אין פאָראויס און אַלע פערדלאך נעמען זיך נאָכיאָגען. צו צוויי, צו דריי אין א רייה. אָדער זיי ציהען זיך אויס צו איינציגווייז און לויפען נאָך אין א לאנגער קייט דעם יונג און זיין „רייטעריל".

אזוי קומט מען אָן צום טייכעל. דער פערד־יונג פאָהרט אריין אין

שטילען טייכעל דער ערשטער. אַלע פערד טוען איהם נאָך, און דאָס טײ־כעל צוקלאַפּט זיך אויף ווייסענקע שטיקאַלעך. איעדען פערד קומט אַן א חלק. און דאן שוועבט מען אוועק מיט דעם הויכען איינגעשניטענעם ברעג און פון דאָרט לויפט דאָס שמאָלענקע שטעגעל צום „קאַרעלל".

און אלע מאָהל, ווען ער פיהרט זיי ארויס פון טייכעל און ער קוקט זיך ארונטער, אז קיין איין פערדעל איז נים פערבליבען אין וואסער, רייסט זיך ביים פערד־יונג פון ברוסט א צופריעדענער: „האו־או־האוף!"

און אז מען קומט צום טויער פון דער הויכער און ברייטער „קאַרעלל", שטעלט זיך דער יונג מיט זיין „רייטעריל" אוועק ביי איין זייט פון טויער. און ער צעהלט די פערד, וואָס ציהען אין טויער אריין.

געהט דער לעצטער דורך אין טויער, שפּרינגט דער פערד־יונג שנעל אַראָפּ פון זיין זאָטעל און פערמאַכט דעם שווערען טויער.

אלע פערד, פון אינווייניג קוקען איהם אָן.

דער פערד־יונג פערשווינדט איבער'ן בערגעל צום שטאַל. און קעהרט זיך צוריק פון דאָרט מיט א פעטען און הויכען, שווארצען אָגער. וועמענ'ס טריט קלינגען אָפּ אין דער טיעפער ערד.

און ווי דער אָגער דערזעהט די אונרוהיגע פערדלאך אין דער פיער־עקיגער „קאַרעלל", לאָזט ער אָפּקלינגען א לאַנגען, ווילדען הירזשען.

דער פערד־יונג טוט א קנאַק מיט דער שווארצער, ווייכער בייטש אין דער לופט אריין.

דער אָגער טוט א ציטער מיט זיין גאַנצען ווייכען לייב.

דער יונג ברייננט איהם געלאַסען צו צום קאַרעל, עפענט דעם טויער אויף א צוויי שפּאַן און לאָזט איהם אריין פריי אָהן א צוים.

דער אָגער טוט א בריקע אריין צווישען אלע פערדלאך. זיי לויפען אוועק פון איהם אין די ווינקלען פון „קאַרעלל". און באַלד קלייבט ער זיך אויס א ווייסע, יונגע שקאַפּע. ער טוט איהר א קוש אין האַלז.

זי וויל דאָס נים פערליידען און הויבט אונטער איהרע הינטערסטע פיס, איהם א בריק צו דערלאַנגען.

האָט ער שכל, דרעהט זיך ארויס פון איהר בריקע און גיט איהר באַלד נאָך א קוש, דאָס מאָהל שוין אין די ליפּען.

זי גיט איהם א ביס דערפאַר אין רעכטען אויער אריין.

ער טוט א טאַנץ און א שפּרונג; לאָזט ארויס א פערשטיקטען

ברום, און פרובט ארויפלעגען זיין גרויסען קאָפּ אויף איהר האלז.

זי טוט א קוק פון א זייט צו איהם, צולאַכט זיך הויך און קלינגענדיג און אנטלויפט פון איהם. און ער לויפט איהר נאָך, שפּרינגט אוועק אין פאָרענט פון איהר, בויגט אָן זיין קאָפּ און לאָזט זי שוין ווייטער ניט אנטלויפען.

און אזוי טאָג־איין טאָג־אויס. עס פערמעהרען זיך דעם אידען׳ס פערד. און דער יונג אין ביים אידען מיט גרוים כבוד,

## ב.

דעם אידען גאלדענבארג׳ס הויז איז אנגעפילט מיט אל־דאס־גוטס, אבער ניט קיין קינדער.

האט ער ארונטערגעבראכט זיין שוועסטער׳ס א מיידעל, הייסט זי דבורה און איז נאך שעהנער פון זיין רחל׳ען ווען זי איז א כלה־מויד געוועזען.

און מען האלט זי, ווי אן אייגענע בת־יחידה.

און זי האט טאקע געבראכט פרייד אין דעם אידען׳ס הויז.

און נאך מעהרער פרייד געטריבען אין דעם פערדיונג אריין. און ביים טיש, צו א מאהלצייט, בעדיענט דבורה דעם פערדיונג מיט א געשיקטען, נעהיימען חן.

ווען זי בעריהרט אמאהל זיין האנד, פיהלט דער יונג, ווי א שארפער שטראם טוט זיך א גיס אין זיין גאנצען לייב.

צו־מאהל, אז עס גיט זיך איהם איין, שניידט ער אריין זיינע בליקען אין דבורה׳ן, און איהם דאכט זיך, אז פון דבורה׳ס אויגען לאכען טויזענד שטערענדלאך ארויס.

און אז ער עסט עפעס, פיהלט ער, אז די מאכלים שמעקען מיט א געהיימען ריח, וועלכען דבורה האט אין צייט פון קאכען פאר איהם אליין דארט פערבעהאלטען.

ווען זי רעדט פון עפעס ביים טיש קוקט ער ניט צו איהר, נאר ער שלינגט, און ציהט זיי, די ווערטער איהרע, אין זיינע לונגען אריין.

ער דערקענט, אז זי איז געוועזען ביים ברונעם נאך וואסער. ער זעהט עס אין דעם ווייסען טעפעלע, וואס ליגט אויף׳ן דעק פון ברונעם. ער טרינקט אויס א טעפעלע וואסער. ערשט ניט לאנג איז דא דבורה געוועזען. עס איז געבליבען א ראזעווער הויך פון איהרע ליפען אויף דעם זוים פון טעפעל.

און נאך א זאך. יעדען פריה־מארגען, ווען ער געהט פון זיין צימער אויף דרויסען, פערטראגט עס צו איהם א ריח פון איהר יוגענד.

און איז ער אין פעלד פערטאָן אין זיין ארבייט, אז עס טוט א יאָג א ווינטעל — און ער דערשמעקט דבורה'ן.

ער קוקט זיך ארום. אפשר איז זי געקומען צו איהם אין פעלד. זעהט זיך קיינער נים.

טאָמער ליגט זי אין די גראָזען בעהאלטען ?

פייפט ער צו איהר אזוי מילד. געהט פאמעלאך, ער זאָל זי נים איבערשרעקען.

קיינער איז נימאָ — הימעל און ערד זיינען עדות —

געהט ער צוריק צו זיין ארבייט און עס פאלט אויף איהם אָן א הארציגער פליים.

און אין הויז רעדט ער נאָך ווייניגער ווי תמיד.

ביים טיש שמייכעלט ער אזוי ווייך מיט זיינע מאסיווע ליפען, ווען עמעץ זאָגט א גוט וואָרט. און דבורה טוט א כאפּ א בליק צום פערדיונג און אנטלויפט אין א זייט מיט איהרע אויגען. זי טראכט פון א צופאל, אז זי זאָל איהם אָנטרעפען און קיינער זאָל זיי נים זעהען.

---

דארף דער יונג, אין אָן אָבענד, אין שטאַל ארויסגעהען. א קראנקען פערד היילען. איטליכער אין הויז איז געווען מיעד פון טאָג.

איז דבורה מיט איהם אין שטאהל ארוים צו האלטען די ליכט.

נעמט דאָס קראנקע פערד און טוט א בלאָז מיט זיינע נאָזלעכער. די ליכט לעשט זיך אוים. דבורה דערשרעקט זיך, און לאָזט פאר שרעק די ליכט אראָפּ אויף דער ערד. בויגען זיי זיך איין זוכען די ליכט אין דעם איינגעבעטען שטרוי הינטער'ן פערד.

האָט ביים פערדיונג פלוצים א שלאָג געטאָן אין הארץ א פערלאַנג א קוש צו טון דבורה'ן. און נאָכדעם וואלט ער איהר דערצעהלען וועגען איהר ריח וואָס שווימט איהם נאָך א גאנצן טאָג אין פעלד.

דבורה שלאָגט זיך אָן מיט איהרע ווייכע, שווארצע האָאר צו זיינע ליפּען און ער בייסט זיך איין.

דבורה שווייגט.

די פערד שטעהען אין פינסטערען שטאהל, פערשטומטע, און הערען זיך איין.

דער פערדיונג וויל ארומכאפּען דבורה'ן מיט זיין האנד :

רעדט זי אַרויס שטיל:
דאָס ליכט געפונען...
צינדט ער די ליכט מיט אַ בייזליכען קנאַל פון אַ „מעטש“ און מיט פערדרוס טוט ער אַ נים די מעדיצין אויפ'ן פערד'ס וואונד. און זיי נעהען שווייגענדיג אין הויז אַוועק. ערשט אויף דרויסען בעקומט דער פערדיונג מעהרער מוטה. און ביים טיר פון הויז טוט ער זי אַ פרעג:
— זיינט איהר היינט געוועזען אין פעלד?
— ווען איך בין דאָרט, זעהט איהר מיך — ענטפערט דבורה קורץ.
— עס איז געוועזען, ווי איהר האָט פאַר מיינע אויגען דורכגע־שוועבט. איך קוק זיך אַרום, קיינער! איך האָב, אָבער אַזוי ווי אָנגע־שמעקט אייער ריח, וואָס איז אַרויפגעקומען פון אַרום און אַרום.
דבורה טוט אַ לייכטען ציטער, עפענט די טיר פון הויז.
און נאָכדעם, ווען זיי בעגעגנען זיך אויג אין אויג שמועסען זיי אַלץ, שטומערהייד, פון יענעם ריח...

## ג.

דבורה האָט געוואוסט, ווי זי ווערט געהאַלטען ביי איהר אָנקעל הערר גאָלדענבאַרג.

האָט זיך איהר איינמאָל פערוועלט ארויסצורייסען אינאיינעם מיט דעם פערדיונג אין א פריה־מאָרגען און נאָר אויף דער פערדיל, וואָס הייסט „קיטי" און מיט דעם נייעם האָרענזאָטעל.

גאָלדענבאַרג איז דערויף בעשטאַנען און איהר נאָך מיט א שמייכעל א קניפּ געטון אין בעקעל. און א קוק טוענדיג צו זיין רחל'ען, געזאָגט:

— פאַר וואָס ניט? זאָל א קינד כאַפּען א רייט און האָבען א ביסעל פרייד.

גאָלדענבאַרג איז גלייך אריין צו דעם פערד־יונג אין צימער'ל. איהם אָנגעזאָגט וועגען דבורה'לעס ארויסרייטען און איהם אָנגעבעטען אויסצו־פוצען „קיטי'ן" אין דעם נייעם זאָטעל און זעהען, ניט צו רייטען גיך.

---

דער יונג האָט שוין ניט געקענט אויספיהרען זיין אָבענד־אָבענדליכע ארבייט. עס האָט איהם ארומגענומען א פרייד, אזוי ווי ביי א דאָרפסקינד, ווען זיין פאָטער זאָגט איהם צו מיטנעמען אין שטאָדט אריין.

ער האָט ווינציג געטראַכט, און זיך אין זיינע קליידער שלאָפען געלעגט: טאָמער פערשפּעטיגט ער אויף מאָרגען, זאָל ער זיך ניט דאַר־פען אָנטהאָן. איהם האָט זיך געוועלט זיין מאָרגען אין שטאַהל נאָך בעפאָר די פויגלען שטעהען אויף.

און אויף מאָרגען, אז די שווארצקייט פון פענסטער האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבען בלויליך צו ווערען, איז ער שוין אראָפּ פון בעט. אריין אין קיך, זיך איינגעוואשען אין צווייערליי וואסערען און איז אוועק אין שטאַהל אריין.

דבורה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם פערדיונג'ס שווערע טריט אין קיך. זי איז אראָנטער פון בעט א לייכטע און מונטערע. פערוואשען איהר

פּנים אין קאַלטע וואַסער, איבערגעפּלאָכטען איהרע ווייכע האָאר און זיי פערלייגט ארום קאָפּ. אָנגעטאן איהר ברוינעם אנצוג און איז אויך ארוים אין שטאַהל אריין, וואו דער פערדיונג, ניט ערוואַרטענדיג זי אַזוי גיך, האָט עפּעס בייזלאָך געברומט צו די פערד.

אַז זי איז אין דער גרויסער צועפּעגנטער טיר פון שטאַהל אריין, איז איהר אַקעגען געקומען דער רעש פון דעם, וואָס אַלע פערד האָבען געשמאַק געמאָהלען דעם האָבער צווישען זייערע ציינער. דאָס, און דער שאַרפער שטאַהל ריח, האָבען אין איהר געגאָסען אַ ים מיט מוטה.

זי איז אריין אינוויינינג און געזוכט צווישען די פערד מיט איהר פייערדיגען בליק.

דעם פערדיונג'ס „רייטעריל" איז שוין געוועזען אָנגעזאָטעלט און בעפּוצט מיט רימענדלעך און לעדערנע טראָלדען, וועלכע זיינען געהאָנגען פוןביידע זייטען פון זאָטעל. דאָס „רייטעריל" איז געשטאַנען און איילענדיג געשלונגען דעם האָבער און קאָקעטירט, צוקלאַפּענדיג מיט די פּאָדערשטע פיס.

דאָס „רייטעריל" האָט געכאַפּט אַ זייטיגען בליק צו דבורה'ן און:

„אָט באַלד, יונגע שעהנע דבורה, גיך וועלען מיר רייטען אין ווייטען פעלד אריין. איבער טהאָל און באַרג. וועלען מיר זיין אין טהאָל, וואו די נאַכט שוועבט נאָך אום אַ צומישטע און פערשטויסענע. נאָכדעם וועלען מיר ארויף אַ באַרג, וועט עס ווערען ליכטיגער און ליכטיגער. עס קומט אונז אַקעגען דער מאָרגען, מיט פּאַמעליכע, גרינגע טריט. מיר וועלען קומען צו רייטען אין מיט באַרג און זיך אָפּשטעלען אַ קוק צו טון. און די זון אין אַ טוי געוואַשענעם בלויען קלייד קומט ארוים פון טויער פון „הימעל און באַרג" און וואונדערט זיך אויף אונז, פאַרוואָס מיר זיינען אַזוי פריה געקומען. און לאַנגע ווייטע קושען שיקט זי אונז מיט איהרע גאָלדענע און דיאַמענטענע אָנגעצירטע פינגער — ליעבע דבורה!.."

און דער יונג שטעהט ביי „קיטי'ן" און פּוצט זי ביים קאָפּ. „קיטי" וויל עס ניט פערליידען.

דבורה קומט צו נעהנטער, טוט קיטי'ן אַ גלעט מיט איהר ווייכער פרישער האַנד.

— מיר וועלען באַלד ארויסרייטען, — האָט דער יונג, אָנשטאָט גוטענ־

מארגען, דבורה׳ן געזאגט. און פרום האט ער עס געזאגט מיט ארונטער־געלאזענע אויגען.

דבורה האט זיך א דרעה געטון פאר פרייד און די ברוינע קלייד האט זיך צוטאנצט איבער איהר יונגען בויגיגען קערפערעל.

דעם פערדיונג איז די ארבייט שנעל געלאפען. אין איין אויגענבליק איז „קיטי“ געווען געזאטעלט און ארויסגעפיהרט.

דאס קליינע פערדעל, „קיטי“, מיט די ווייסע און שווארצע פלעקען אויף דער דינער און גלאנציגער פעל, האט געהאלטען דעם קליינעם קאפ אין דער הויך. פוןביידע זייטען פון „קיטי׳ס“ קאפ זיינען געהאנגען רויטע לעדערנע ראזעטען, און פון מויל ארויס האט געגלאנצט די נייע ווייסע צוים און די געלע איידעלגעשניטענע לייצעס זיינען געווען רייך פערוווארפען איבער „קיטי׳ס“ רונדען האלז.

דבורה איז צוגעגאנגען, א נעם געטאן מיט איהר לינקער האנד די לייצעס און מיט דער רעכטער האנד זיך אנגעכאפט אן הארען פון זאטעל. פער־שטעקט איהר שארפען קליינעם פוס אין טרעטער, זיך אונטערגעהויבען און פערווארפען איהר קליינעם קערפער אויף דעם זאטעל.

דער יונג האט זי דערביי געהאלטען אונטער איהר לינקער האנד און איהר געהאלפען. נאכדעם האט ער זיך געשווינד ארויפגעכאפט אויף זיין „רייטעריל“ — דאס פערדעל האט זיך א דרעה געטאן אין א ראד, און ווי צוויי פיילען געציעלט אין איין אויגענבליק, זיינען דבורה און דער יונג אייזיק אוועק אין פעלד אריין.

ד.

די מיידעלשע ווייטע און ברייטע לאַנד איז געלעגען אַ רוהיגע מיט איהרע בערג און טאָהלען און געאָטעמט די וואַרימע שטראַהלען, וועלכע די יונג־אויפשפּראָצענדע זון האָט געשפּרייט איבער איהר און אין איהרע טיעפענישען.

עס איז קיין איין בוים, איבער באַרג און פּלאַכע, נישטאָ.

ליגט זיך דער פויגעל אין די טיעפע גראָזען און זינגט זיין מאָרגענ־ליעד צו די בערג און די בערג, מיט זייערע ווייסע שאַרפע שטיינער אויף די שפּיצען, קוקען אוים ווי געטער אין פּערלמוטערנע קרוינען.

אָפּגעזונגען פליהט דער פויגעל אַרוים פון טיעפען גראָז צו דעם צואקערטען שטיק פעלד, און נידערט אַלע רגע אַרונטער און שטעלט זיך אוועק אָט אויף אַ האַרטען, ניט צוקלאַפּטען שטיק ערד, און אָט אויף אַ צומאַלענעם שטויביגען אָרט, קוקט זיך אַרום פון אַלע זייטען, געפינט אַ קערענדעל, פּיקט דאָס אויף מיט זיין שנאָבעל, קוקט זיך נאָכאַמאָל אום, און האוי־פּף!

און פון יענער זייט צואקערטען פעלד שטעהען אין לאַנגען קנויטשענ־דיגען שטח יונגע, מוטהיגע ברויטען, דונקעל־גרין זיינען זיי און שטרעקען זייערע שאַרפע שפּיצעלעך צו דער הויך, ווי זיי וואָלטען זיך ציהען צו כאַפּען אַ שטראַהל פון דער זון.

און מיט וועגען קרומע און מיט פעלדער אָנגעטויעטע שוועבען ביי־נאַנד דבורה און דער פערד־יונג, אַזוי נאָהענט איינס ביי דאָס אַנדערע, אַז עס זעהען זיך נאָר די צוויי קעפּ פון זייערע פערדלאַך.

ער דערפיהלט איהר יונגעך פרישען אָטעם און עס פערשמעקען איהם איהרע ווייכע האָאָר.

זי כאַפּט זיך אָן מיט איהר רונדען דונקעלען הענטעל אין זיין מאַסיווען שטאַרקען אַרעם. פון זיין הויכער, שטאַרקער ברוסט געהען אויף און אָפּ אַזוינע פלאַמען, און זי אָטעמט זיי איין אין זיך. ער טוט אַ כאַפּ איהרע פינגערלעך צו זיין מויל און קושט זיי.

זי לאָזט אַרוים די לייצעס פון איהר לינקער האנד און וויקעלט זיך איין ארום זיין האלז

זיינען די פערדלאך שטעהן געבליבען.

דבורה האָט זיך אוועקגעבויגען פון יונג און בעפעהלט:

— איך וויל גרייזאלעך!

פלינק ווי א הירש איז דער יונג ארונטער פון פערדעל.

אין א ווייל ארום געבראכט דבורה׳ן א בונט מיט געלענקע, בלויע און פאָמס־רויטע בלימלעך

— איך וויל ווייסינקע אויך! — בייזערט זיך דבורה.

— עס איז קיין ווייסע נישטאָ, טייערע

— ווייסינקע ווייסינקע!

איז ער אוועק איבער׳ן פעלד און געזוכט און נאָט גע־בעטען ער זאָל איהם צושיקען ליכט אין זיינע אויגען צו געפינען ווייסע קרייטעכער.

האָט גאָט אין הימעל געהערט זיין געבעט און האָט איהם צוגעשיקט ווייסינקע.

איז דער יונג געלאָפען און געריסען א בלימעל דאָ, א בלימעל דאָרט, און האָט געבראכט דבורה׳ן „ווייסינקע, ווייסינקע“.

האָט דבורה ביי איהם א כאַפּ געטהאָן די ווייסע קווייטלאך, א בריק געטהאָן איהר פערדעל און אוועק געלאָפען. און זיך צוריק געקעהרט און וויל ארויפדרייטען אויף דעם יונג׳ס געביין.

נאָר זי טוט א שטארקען ציה „קייטי׳ן“ אויף צוריק און צולאכט זיך:

— האסט גאָר קיין מורא ניט פאַר מיין פערדעל?

— פאָהר אויף מיר ארויף, אויב ווילסט...

דבורה האָט פאנאנדערגענומען דעם בוקעט פון די ווילדע קרייטעכער, און זיך גענומען ווארפען די בלימעלאך איינציגווייז דעם יונג אין פנים אריין, אין די אויגען אריין. ער האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט און ניט געפינטעלט מיט די אויגען, און געקוקט אויף דבורה׳ן. — נאָך יעדען וואָרף טוט זי פלינק א פיהר מיט איהר קליין ווייס־ברוינע פינגערעל איבער דער ברייט פון איהר מויל און בריינגט ארוים א דינעם, געדרעהטען קול...

דער יונג שטעהט און עס רייצט איהם. זיין „רייטעריל“ כאפט אלע

ווײלע אַ קניפּ פון דעם נאַסען גלאַנציגען גראָז, צוקײט עס און קוקט מיט אײן אויג צו דעם יונג.

„קיטי" וואָלט אויך וועלען אַ קניפּ טהאָן אין טיעפען גראָז, קען זי ניט. יעדען מאָל וואָס זי פערמעסט זיך אײנצובויגען איהר קאָפּ, טוט דבורה אַ ציה די לײצעס. „קיטי" פערשטעהט ניט פאַרוואָס זי טאָר ניט.

דבורה זאָגט:

— אײזיק, וועסט מיך לערנען ארומרינגלען פערד.

— האַ, גוט. איך וועל דיך לערנען! — ענטפערט דער פערדיונג.

— די פערד זײנען איצט צושפּרײט, עס איז הײס. מיר וועלען זיך בײדע צוטהײלען. איך וועל אַוועק אין מזרח און דו רײט אַוועק אין צפון זײט. און זעהסט יענעם בארג מיט דעם ברײטען פלאַכען קאָפּ?

— איך זעה, איך זעה — הע! — ציהט דבורה אויס מיט אַ פרײלאַכען נגון.

— איך וועל צוזאַמען ברײנגען אַ גאַנצען ים מיט פערד אַהין צו יענעם בארג. דאָרטען וועל איך זיך מיט זײ אָפּשטעלען און וועל וואַרטען ביז דו וועסט אָנקומען מיט דײנע פערדלאַך. און אפשר וועסטו וואַרטען אויף מיר. —

— איך אויף דיר!? — צולאַכט זיך דבורה.

— מ'קען ניט וויסען, ווײל קײן בעזונדער תורה איז דאָס ניט. — געפינסט פערדלאַך, טרײב זײ אויף און ברײנג זײ אַהין אויפ'ן בארג. נור לאָז פון זיך הערען.

— הו—אַ, הו—אַ! — מאַכט דבורה אַ פּראָבע ווי זי וועט איהם לאָזען וויסען פון איהר קומען מיט די פערד.

אײזיק כאַפּט זיך ארויף אין זאָטעל ארײן. מען לאָזט זיך אַוועק. ער אין אײן זײט און זי אין אַ צווײטער. מען בויגט אויס די קעפּ, מען קוקט זיך אָן. און אַוועק!

דער יונג דערפיהלט זיך ווי אַן אָדלער. זײנע פיס ציהען זיך אָן מיט זײערע ברײטע הארטע מוסקולען. ער זיצט ניט אין זאָטעל, נאָר ער שטעהט אין די טרעטערס; זײנע ברײטע גלײכע אַקסלען וויעגען זיך אַראָפּ און ארויף פון איבער דעם „רײטעריל". מיט זײנע אויגען נעמט ער דורך די גאַנצע לײנג און ברײט פון דעם אידענ'ס פּרײררי. ער איז בײ זיך פעסט, אז הײנט וועט עס צוגעהן שנעל. ער וועט באַלד

אַ סך פערדלאַך געפינען און מיט זיי אַוועק אויף יענעם באַרג.
ווייסט אַט יענער באַרג וואָס עס וועט היינט אויף איהם פאַרקומען ? !
שטעהן וועט ער מיט זיינע פערדלאַך און קוקען פון באַרג אין אַלע פיער ווינקלען פון דעם ראַנדזש, ביז עס וועט זיך אָנהויבען צו מאַהלען פון ווייט אַ שוואַרצינקער פינטעלע. עס וועט פון פינטעלע ווערען אַ רייטער. דבורה וועט עס קומען צו איהם. און פון ווייטענס זיך לאָזען צו הערען מיט איהר „הורא, הורא !“
ווייסט דאָס אַט יענער באַרג ?

## ה.

דבורה איז ארומגעפאָהרען אויף דער פרערי און געוואָלט געפינען א סך פערדלאך אין איין קופע אין וועלכע זי זאָל קענען אריינדרייטען מיט אימפעט און זיי פערנעמען צו דעם בעשטימטען בארג, וואו דער פערד־יונג ווארט שוין אויף איהר.

אלע מאָל האָט זיך איהר אונערפאהרען אויג אָפגענארט. פון א דונקעלען שטיין, פון א דאָרען אָדער פון א קליין בוימעלע אין א טאָהל, איז ביי איהר ארויסגעקומען א פערד. זי פלעגט אהין שנעל צופאָהרען, דערזעהן איהר טעות און זיך צולאכען.

צומאָל האָט זי אָנגעטראָפען א פערד אָדער צוויי, און זיך ניט אָפגעשטעלט — זי וויל א ים מיט פערדלאך.

זי וועט שוועבען מיט א סך פערדלאך, און אין דער פרייער, ברייטער פרערי וועט אָפקלינגען איהר „הו־א", און זי וועט נאָך צולאָזען איהרע האָאר און זיי וועלען פליהען ווי זיידענע טיכלאך אין דער לופט... זי וועט טאָן ווי זי וועט וועלען.

ביים אָנקעל אין הויז איז איהר גוט, אָבער עפּעס איז דאָרט איינג...

גאַנצענע טעג איז זי פערנומען מיט הויז־זאכען און מיט אנדערע קלייניגקייטען.

איינמאָל א וואָך נעמט מען זי מיט אין שטעדטעל אריין.

אויך מיר א שטעדטיל! עס שטעהען עטליכע הייזער אין איין שורה און קעגען איבער די הייזער די באהן־סטאנציאָן. נאָך דער סטאנציאָן שטעהען דריי הויכע פיער־עקיגע שפייכלער פאר די ברויטען פון די ארומיגע פעלדער. עס איז דאָ איין שפייז קראָם, וואו מען בעקומט פון א ציבעלע ביז איין אקער אייזען. און דאָרט שטעהט א הויכע דארע בלאָנדינקע און תמיד שמייכעלט זי צו דיר און לאכט.

כאָטש דבורה האָט אליין אויך ליעב צו לאכען. — אָפט קלויבט זי אוים א צייט ווען איהר מוהמע שטעהט פערטאָן אין קיך און זי לויפט אריין און לאָזט ארויס א הויכען: הו—א—הו—א!

די מוהמע דערשרעקט זיך און שרייט אויס מיט א קוויטש:

„אוי, וועה איז מיר, ניט!"

און נאכדעם לאכען זיי ביידע שעה'ן נאָכאַנאַנד.

און ערשט ווען די מענער קומען פון דער ארבייט, ווערט שטיל אין הויז.

שטיל, רוהיג און איינג.

דער פעררדיונג פערצעהלט נאָר פון פערד:

„האָט זיך א צוויי־יאָהריגער בראָנקאָ צוואווילדעוועט אין דער „קארעל" און האָט געוואָלט אריבערשפרינגען דעם הויכען פלויט און איז געבליבען שטעקען מיט זיינע פאָדערשטע פיס אין זוים פון פלויט. האָט ער, דער פעררדיונג, מיט א הויכען פלאָקען איהם ארויסגעהויבען פון דאָרט איינער אליין..." גיט דער אָנקעל דערביי א קורצען ניט־פער־שטענדליכען ברום און זיי צושמייכלען זיך ביידע.

איין אנדערשמאָל, דערצעהלט דער פעררדיונג, ווי ער האָט רייטענדיג אין פעלד דעם פריהמאָרגען, געפונען די אָדער יענע קליאטשע מיט דעם לאנגעכיגען נארישען קאָפּ מיט א קליינטשיגען רויטען לאָשעקעל. דאָס לאָשעקעל האָט געהאט א ווייסען פאסיקעל אויף זיין פנים'ל. און ווי די קליאטשע האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט איהר גרויסען לאנגען קאָפּ, ווען זי האָט דערזעהן דעם פעררדיונג צוקומען נאָהענט, איבער'ן לייטער, און געבריקעט מיט איהרע הינטערשטע פיס.

— א גוטע מוטער, אָט די יעטטי, — האָט דער אָנקעל פיעל־בעדייטענד אָנגעמערקט, — יעטטי איז א גוטע מוטער!

א גוטע מוטער — טראכט זיך דבורה — „קיטי", האָסטו אויך גע־האט א גוטע מוטער?....

דבורה בעקומט פלוצים ליעבע צו איהר „קיטי'ן", וועלכע טראָגט זי איבער איהר אָנקעל'ס פעלדער.

און זי טוט איהר א דוצקע מיט איהרע קליינטשיגע פיסעלעך אין די זייטען אריין. און „קיטי" צוואָגט זיך שנעלער, און איהרע דינינקע פיסעלעך צייכענען אויס איבער די גראָזען ווילד־געדרעהטע בילדער.

דבורה האָט דערזעהען א קאָפּ פון א פערד מיט אָנגעשטעלטע צוויי אויערען. זי האָט פעררדעהט „קיטי'ן" אין יענער ריכטונג און — אָט איז עס!

זי איז צוגעריטען אין טהאָל.

צווישען א ברייטען פלאַכען פעלד און א הויכען משופּעדיגען און לאַנגען בארג, זיינען טאַקע געוועזען א סך פערד. זיי האָבען אָנגעשטעלט זייערע קלוגע אויגען צו דבורה׳ן און זיך אַלע געטאָן א לאָז צו איהר.

דבורה איז פערשעמט געוואָרען ווי א זינגערקע, ווען זי קומט ארויס צום ערשטען מאָל פאר א גרויסען עולם.

„קיטי" איז געבליבען שטעהן.

אַלע פערדלאַך האָבען זיך צוזאַמענגענומען אין א קרייז און גענומען שמעקען צו „קיטי׳ן". אייניגע האָבען געפּרובט א שנאָרך טהאָן צו דבורה׳ס פיס, און באַלד אַוועקגעכאַפּט די קעפּ און זיך פערדרעהט אין א זייט און צוריקגעקומען און ווייטער געקוקט אויף דעם „נייעם" רייטער.

דבורה איז אַזוי פערכאַפּט געוואָרען, אַז זי האָט פערגעסען אין דעם צוועק פון איהר קומען אהער. און זי האָט אַפּגעלאָזט די לייצעס פריי. און אָנגעהויבען שטעקען איהרע קליינע ברוינע הענד דאָס צו איין און דאָס צו איין אנדער פערדעל. און זי האָט צו זיי אָנגעהויבען ריידען און מאַכען חנ׳דלאַך. און מיט אַמאָל האָט זי גאָר א מאַך געטהאָן מיט איהרע הענטלאַך און אויסגעשריען:

— „באָ—אָה—אָה ! !" —

דער קרייז פערד איז זיך פון איהר האַסטיג צולאָפען, ווי איבערגע־ערשראָקענע פויגעלעך, און זיי זיינען אַוועק פון איהר מיט א שווערען, טומעלדיגען גאַלאָפּ.

און „קיטי", פיהלענדיג זיך פריי אָהן לייצעס, האָט זיך אויך דער־שראָקען און געטאָן א הויכען שפּרונג מיטביידע הינטערשטע פיס, ארונטערגעוואָרפען דבורה׳ן איבער איהר קאָפּ, און איז אַוועק איבער דעם פעלד נאָך די איבעריגע פערד, און געשלעפּט הינטער זיך, אויף א קליינעם שטח, די בלאַס־צושראָקענע דבורה.

דבורה איז געבליבען ליגען מיט אויסגעצויגענע הענד, אין דעם טיעפען, ווייכען גראָז.

„קיטי" איז אַוועק. וואָס מעהרער די זאַמעל־טרעטער׳ס האָבען איהר געקלאַפּט אין די זייטען אריין, אַלץ שנעלער איז זי אַנטלאָפען, אַליין ניט ווייסענדיג וואוהין. די לייצעס האָבען זיך געשלעפּט פאר איהרע פאָדער־

שטע פּים. האָט זי איהר קאָפּ אינסטינקטיוו באַלד אין דער הויך אויפ־געהויבען.

די איבעריגע פערד האָבען געקוקט צו „קיטי'ן", און דער קלאַנג פון די זאָטעל־טרעטערס, און דאָס זאָטעל אָהן א רייטער האָט זיי נאָך מעהר געשראָקען און אינגאנצען די פרערי ווילדקייט האָט זיך אין זיי אויפ־געכאַפּט, און א ווייסער שוים האָט זיך בעוויזען אין זייערע מיילער און אויף זייערע גלאַנציגע קערפּערס.

זיי האָבען זיך געטראָגען אין א פאַרמע פון א מחנה ווילדע גענז, ווען זיי פליהען איבער פון איין אָרט אין א צווייטען: — אָט זיך צוזאַמענגעצויגען אין א געדיכטען רינג און אָט זיך צושפּרייט.

„קיטי" האָט זיך דערמאָנט אין דער מילך, וואָס איהר מוטער האָט איהר זויגען געגעבען אויף די דאָזיגע פעלדער. און אלע וועגלאַך און שטעגלאַך זיינען נאָך ניט פערווישט געוואָרען פון דעם אידענס פרערי. און זי האָט געיאָכצעט מיט פרייד און איז געשפּרונגען אויף פאַראויס און זיך צומאָל א דרעה געטהאָן מיט איהר פּנים קעגען די פערדלאַך און געטאָן א טאַנץ אַזש די זאָטעל־טרעטערס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער לופטען.

זיינען זיי אַזוי געלאָפען, ביז זיי זיינען געקומען צום טייכעל. זיינען אהין אריין, און אלע מיט אמאָל ווי איינער, געבליבען שטעהן אין א טיעפען אָרט. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אָבגעקיהלט זייערע הייסע קער־פּערס און זיי האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערען. און פון איינעם צום אנדערען געגאַנגען און נאָכגעשמעקט. און אַז מען איז צוגעקומען צו „קיטי'ן", האָט זי זיך טרויעריג מיט די אויגען געבעטען, און יענע האָבען געשמעקט צו דעם זאָטעל און עס געפּרובט בייסען.

באַלד אָבער האָט איינער פון די פערד מיט זיין עק א פּאַטש געטאָן אין וואַסער אריין. עס האָט א הויפען מיט דריבנענקע טראָפּענדלעך וואַסער זיך צושאָטען איבער אלע פערד און זיי האָבען זיך ווידער דער־שראָקען, זיך א לאָז געטאָן פון טייכעל און אוועק מיט די פעלדער, זיי זיינען געלאָפען איבער טאָהל און באַרג און געקומען צום ברעג פון דראָטענעם פּלויט און צוריק מיט אימפּעט זיך אוועקגעלאָזען איבער די פעלדער מיט לאַנג אויסגעצויגענע העלזער און אויסגעשטרעקטע עקען.

גוט האָבען זיך געפיהלט די פערד ביי הערר גאָלדענבארגען אויפ'ן ראנדזש.

דורך זיין מיה פלעגען די יונגע געבוירען ווערען אין משך, פון אָנפאנג ביז אין מיט־זומער, דעמאָלט ווען די „מאַמעס" מיט די „קינדער" קאָנען ארומלויפען אויף דער פרעררי און געניסען פון די שעהנסטע גראָזען, און ניט וויסען פון קיין זאָרג.

און צו ווינטער אנטוויינט גאָלדענבארג די דאָזיגע „קינדער" פון זייערע „מוטערס" און נעמט זיי אריין אויף איבער־ווינטער אין א גרויסען שטאַהל, וואו ער האָט פאר זיי אָנגעגרייט גוטע, פרישע „טהימאָטי"־היי. און טאָג איין טאָג אוים קומט ער צו זיי, אין רעגען און שנעע, כדי אליין מיט זיינע הענד, איטליכען א טעפעל האָבער איינצוטהיילען.

די קליינוואַרג שטעהען דאן ביי די לאַנגע פיערעקיגע קאסטענס, וואָס ארום די ווענד פון שטאַהל, און הערען זיך איין אין דער ווינטערדיגער שטומער לופט צו קומט ניט זייער שפייזער.

און אז גאָלדענבארג צועפענט די שווערע טירען פון שטאַהל, און א כוואַליע ווייסע לופט רייסט זיך אריין אין האלב־דונקעלען שטאַהל, טוען אלע מיט אמאָל זיך א לאָז צו איהם.

און איינטהיילענדיג זיי דעם טעפעל האָבער, גלעט ער יעדען פון זיי. דעם ביים האלז, איין אנדערען איבער'ן פנים'על, און האָט זיי תמיד עפּעס גוטעס און מונטערעס צו זאָגען, כאָטש איהם דאכט זיך אליין, אז די „קינדער" וואקסען ניט.

ערשט ווען עס קומט דער פריהלינג און ער לאָזט זיי ארוים אויף דער פרעררי צו „איינענע קעסט" (ווי ער פלעגט דאָס אליין אָנרופען), ערשט דאן דערזעהט ער אז זיי זיינען אויסגעוואקסען.

אין דעם קומענדען ווינטער לאָזט ער די קליינע, גליך מיט די גרויסע, אויף דער נאַקעטער פרעררי.

מיט'ן אָנקומען פון ווינטער, נעהמט ביי די פערד וואקסען אזא לאַנגע האָר, צו בעשיצען זייערע ביינער פון קעלט. און צום זומער בייטען זיי איבער די לאַנגע האָר אויף א דינעם, סאמעט־גלאַטען פעל. און אויך אין דעם העלפט זיי הערר גאָלדענבארג. — אין די פריהלינג־טעג שפרייט ער פאר זיי יעדען טאָג אוים ניט געדראָשענעם האָבער

צווישען די בערגלאך אין טאָהל, וואָס איז פון ווינטען געשיצט, ווייל קאַלט און ווינטיג זיינען די פריהלינגען אין דער ווייטער וועסט, קייען די פערד דעם ניט געדראָשענעם האָבער, טרייבט דאָס כח אין זייערע ביינער, און זיי ווערען גלאַטער און שעהנער.

גוט איז די פערד ביי הערר גאָלדענבארג.

## ו.

ביים אידען, הערר גאָלדענבאַרג, אין הויז ווייסט מען נאָך פון גאָרניט.

עס איז געוועזען דער צאָהל־טאָג און א גאַנצען אין דער פריה און פארמיטאג זיינען אָנגעפאָהרען די גרינע גרויסע און לאַנגע וועגענער, מיט די קיילעכיגע אויסגעפוצטע קליינע פערדלאַך, און זיך אויסגעשטעלט ביים לאַנגען, שטאַרקען באַלקען, וועלכען דער איד האָט אויפגעבויט צוליעב דעם, אז די פאַרמערס זאָלען אין צאָהל־טאָג קענען צובינדען זייערע פערדלאַך

אייניגע זיינען שוין געוועזען אין הויז און זיך צורעכענט און בע־צאָהלט דעם אידען פאר זיינע גוטע קליינע פערדלאַך, און דערביי געהאַלטען אין איין לויבען זיך אליין, ווי גוט זיי קענען צוימען א יונגע בראָנקאָ, און עס איז טאַקע דעם הערר גאָלדענבאַרג׳ס גוטע, בלוטיגע פערדלאַך.

א טהייל זיינען געשטאַנען אין דרויסען ביי א וואָגען אין א קרייז און געשמועסט, און ווען עמיצער א נייער איז צוגעקומען, האָט מען איהם „געשעקט הענד״, און מיט א מאָדנעם פריילינכען געפיהל און אַלע מיט אמאָל האָבען תמיד אויסגעשריען צו דעם נייעם צוגעקומענעם:

— „שטעק״ הענד!...

מען איז אָפּגעפאָהרען און מען איז אָנגעקומען.

אַלע מיט א גרינעם לאַנגען וואָגען, פון פאָרענט מיט א הויכען זיטץ אויף שפּרוזשינעס און א לאַנגען שוואַרצען בייטש.

און קינדערלאַך האָבען די פאַרמערס אָנגעבראַכט, וועלכע זיינען געזעסען אין די טיעפע גרינע וועגענער און אַרויסגעפּיפּצט מיט די שטרויענע קאַפּעלושלאַך, מיט רויטע סטענגעס, אויף דעם הערר גאָלדענ־באַרג׳ס גרויסען גוט. צומאָל האָט א פאָטער געגעבען צו זיין קינד א „בעלייכטונג״ איבער דעם אַלעמען וואָס הייסט גאָלדענבאַרג׳ס גוט.

האָט מען די קינדערלאַך ביי די וועגען געלאָזען, און אליין איז מען

אריין דורכ'ן אָפענעם טיר פון קיך אין הויז אריין, די היטלען א וואַרף געטאָן אין א ווינקעל און געזאָגט פרייליך און גוטמוטהיג:

— גוטערמאָרגען, פרוי גאָלדענבאַרג!

פרוי גאָלדענבאַרג, א קרעפטיגע מיטליאָהריגע רונדע אידענע, מיט פערפלאַמטע, צוויק־רויטע באַקען, פון א מיטעלען וואוקס, מיט א הויכער ברוסט און רונדע, דיקלאַכע הענד, איז געשטאַנען ביי דער קיך־ארביים. איהרע הענד זיינען ביי דער ארבייט געוועזען אָפּגעדעקט, און האָבען פון אקסעל ארונטער צו די פלאַמען, זיך גערונדעלט אַלץ דינער און שמאָלער. און איהרע גאָר קליינע פינגערלאַך האָבען ניט האַרמאָנירט מיט איהר גאַנצען אויסזעהן. זי האָט פערמאַגט מאַט־שוואַרצע אויגען און א ים מיט האָאָר אויף איהר שעהנעם קאָפּ. די האָאָר זיינען געוועזען דורכגעשפּרינקעלט מיט גרויליכע פעדעמלאַך און פארקעמט אין א שווערען קיילעכיגען קוגעל אויף הינטען.

זי איז געשטאַנען ביים ווייסען הילצערנעם קיכענטיש, געטאָן איהר ארבייט, געטראַכט פאַר וואָס זי האָט דבורה'ן היינט, אין צאָהל־טאָג, געלאָזען ארויסרייטען...

און ווען עמיץ איז אריין און געזאָגט „גוט־מאָרגען, פרוי גאָלדענ־באַרג", האָט זי לייכט א דרעה געטאָן מיט איהר שטאָלצען קאָפּ, און מיט א פאָרנעמליכען שמייכעל געזאָגט:

„גוטען מאָרגען, גוטען מאָרגען!" — תמיד איבערחזרענדיג איהר גוטענמאָרגען און פלעגט נאָך צומערקען:

איינעם:

— צוליעב אייך, הערר, איז היינט אזא שעהנער טאָג.

איין אנדערען:

— בין היינט גרינעם ארבעס געגאַנגען אָנקלייבען, האָט גאָט געגעבען א שעהנעם טאָג.

אינוויינינ, אין דער גרויסער שטוב, וואָס האָט אויך געדיענט פאַר איין עסצימער, זיינען אַלע געזעסען און געוויכערט און גערעדט.

הערר גאָלדענבאַרג איז געוועזען פערנומען אין זיין שרייבצימער, פון וועלכען עס איז געוועזען איין אָפענער טיר אין גרויסען צימער אריין. און ער איז ביים טישעל געזעסען קעגענאיבער דער צועפענטער טיר אזוי, אז ער האָט געקענט ריידען מיט אַלע אין דער גרויסער שטוב און עס זאָל

הייסען אַז ער זיצט צווישען זיי. כאָטש יעדער בעזונדער פלעגט זיך אויפהויבען שווער און אריין געהן צו איהם, ווי אין אַ בעזונדערן חדר׳ל, און מיט איהם, ווי אויג אויף אויג, זיך צו־צאָהלען.

און אַז אַלע האָבען זיך צורעכענט, האָט זיי הערר גאָלדענבאַרג איינגעלאַדען צו בלייבען אויף מיטאָג. אויף פרוי גאָלדענבאַרג׳ס אָן אָנבייסען האָט מען זיך ניט געלאָזען קיין סך בעטען. מען האָט זיך איינגעוואַשען די הענד און פּנים׳ער, פאַרקאַמט די האָאָר פון קאָפּ, און פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיי אַרומבעזעצט דעם לאַנגען, פיער־עקיגען טיש, עלטער נאָך עלטער. און הערר עלקינס, אַ נאַרוועג, וואָס איז געוועזען דער ערשטער נאָהענטער שכן, האָט געהאַט דעם חלק צו זיצען אין דער לינקער זייט פון הערר גאָלדענבאַרג. אין דער רעכטער האַנד איז געוועזען דער פרוי גאָלדענבאַרג׳ס אָרט, נאָך אַ ליידיגע. זי האָט מיט אַ פער־פלאַממטען פּנים אָנגעהויבען צו טראָגען צום טיש פון אַלעם וואָס זי האָט אָנגעקאָכט און אָנגעבאַקען.

און אַזוי ווי דער טיש איז געוועזען באַזעצט אַרום און אַרום, האָט מען אין דבורה׳ן מיט דעם פערדיונג פערגעסען.

---

נאָכ׳ן עסען איז דער בעל הבית פון הויז דער ערשטער אויפגעשטאַנען פון טיש. נאָך איהם — די אַלע געסט, און אַלע האָבען זיך מיט אַ גערודער צוזעצט ביי דער וואַנט אויף ביינקלאָך. גאָלדענבאַרג האָט אָנגעפילט זיין פּופקע און פעררויכערט, אַרויסלאָזענדיג געדרעהטע וואָלקען רויך. די געסט האָבען געטאָן דאָס אייגענע, און די גרויסע שטוב האָט זיך גענומען אָנפילען מיט רויך.

פרוי גאָלדענבאַרג האָט פערנומען פון טיש די געשיר און פערמאַכט די טיר, טראַכטענדיג:

— שוין! די מענער האָבען זיך צורויכערט.

ביי די מענער האָט זיך שנעל פערבונדען אַ שמועס. מען האָט גערעדט וועגען די פּרייזען פון ברויטען אַמאָל און היינט. מען האָט גערעדט וועגען פעלדער און אויך פון אייניגע לאָקאַלע אָנגעלעגענהייטען.

— האָט איהר געזעהן מיין אַלפאַלפאַ? — פרעגט הערר גאָלדענ־באַרג. — אַ טייערע גראָז איז עס... איינמאָל פערזייעט און עס וואַקסט אַליין פון זיך צוואַנציג יאָהר.

— וואו, דאַרטען אויף דער פּלאַכע אין דרום זייט פון „קאַרעלל״?
— פרעגט איינער פון די געסט.

— האַ, האַ, — שאָקעלט הערר גאָלדענבאַרג מיט זיין קאָפּ. — עס איז מיר אָנגעקומען זעהר שווער. אָבער איצט האָב איך עס. דאָס גראָז איז צוואַנציג מאָל בעסער פון אַלע אַנדערע גראָזען.

— צוואַנציג יאָהר וואַקסט עס פון איינמאָל פערזעען?!

— יעס, סירר! איך האָב עס עטליכע מאָל געפּרובט אויף אַנדערע פּלעצער און עס האָט ניט אָנגענומען. איצט אָבער האָב איך געפונען אַ גוט שטיק ערד פאַר מיין אַלפאַלפאַ.

— איז עס גוט פאַר פערד?

— אַ פראַגע? איך דיינק נאָר פאַר מיינע יונגע יאָהריגע פערדלאַך וועל איך געבען אַלפאַלפאַ, זיי זאָלען וואַקסען בעסער.

מען איז געזעסען און געלאָזען דיקע וואָלקען רויך און מיט הכנעה זיך איינגעהערט אין דעם אידען׳ס רייד, ניט ווייל זיי זיינען איהם שולדיג געוועזען, נאָר ווייל עס איז געוועזען אַ נייע תורה פאַר זיי: „גראָז וואָס וואַקסט צוואַנציג יאָהר פון איינמאָל פאַרזייען״.

עס זיינען דאָ געוועזען קינדער פון פּעלקער, וועלכע האָבען געהאַט דעם זכות צו האָבען אייגענע לענדער און ערדען. די ערד האָבען זיי ליעב פון דור דורות. און זיי הערען זיך איצט איין צו די רייד פון הערר גאָלדענבאַרג, וועלכער איז פון ערגעץ געקומען צולויפען, וואו ער האָט קיין ערד ניט געהאַט און אפילו ניט גע׳חלום׳ט צו האָבען; זיי הערען איהם אויס און בעוואונדערען איהם.

נאָר איינער איז דאָ געווען — הערר עלקינס — דער נאָהענטסטער שכן, וואָס האָט ניט געוואָלט זיך איינהערען אין גאָלדענבאַרג׳ס רייד.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ, עפּעס אָפּגעמורמעלט אין ענטשולדיגונג, און איז אוועק אַהיים. ער איז אַהיים געגאַנגען צו־פוס. דאָס איז ביי איהם געווען אַ געוואָהנהייט. און געהענדיג, האָט ער פיעל געטראַכט וועגען גאָלדענבאַרג׳ען, דעם אידען, מיט זיין אַלפאַלפאַ.

און עס איז אויפגעשוואומען ביי איהם אין האַרץ אַ מאָדנער געפיהל צו זיין אידישען שכן און צו זיין איינגעפונדעוועטער היים. עלקינס האָט אויך געהאַט אַ גוטע היים. ער איז געקומען אין דער ווייטער וועסט פריהער פאַר גאָלדענבאַרג׳ען. עס איז אָבער געוועזען ניט דאָס... נאָך

מעהרערע, ער עלקינס, האָט זיינע אייגענע צוויי זיהן, און אז מען דאַרף נויטיג א צוואָק, מוז מען ארומזוכען אין אלע קאמערען און מען געפינט ניט. מען ווייסט אז עס איז ערגעץ דאָ צוועקעס, אָבער מען קען זיי ניט געפינען.

— און ביי דעם אידען גאָלדענבאַרג שיינט אלעס. און א יעדער זאַך האָט איהר פּלאַץ, — טראכט עלקינס מיט פערדרוס.

א פּאָר יאָהר נאָך הערר עלקינ׳ס בעזעצען זיך דאָ אין דאַקאָטאַ, איז זיין גוטע, פרומע ווייב ביי איהם אוועקגעשטאָרבען, און ער איז געבליבען מיט זיינע צוויי בחורים: דער עלטערער הענריק, איז פון דעמאָלט פער־בליבען דער הויז־מענש, דער קיך־מענש; דער צווייטער, יאָהאַן — א פרייער פויגעל — ניט אין הויז און ניט אין פעלד. תמיד לויפט ער ארום אויפ׳ן פערדעל און דער טייוועל ווייסט איהם, וואו ער ניט אוועק זיינע טעג....

דער אלטער עלקינס גיט זיך שטענדיג אָפּ מיט זיין פעלד־ארבייט, און ער ווייסט, אז אהיים קומענדיג ,וועט ער שוין געפינען פאַרטיג זיין מאָהלצייט. הענריק איז א גוט קינד... ער קאָכט פאר איהם אָן א סך בולבעס מיט חזיר שמאלץ, און יאָהאַן העלפט איהם בלויז ווען ניט ווען אין פעלד. צו די חזרים אין שטאַהל לאָזט דער אלטער עלקינס יאָהאַנען ניט צו, ווייל ער בריקעט זיי אין בויך אריין. און אז אָך און וועה איז צו דער ארבייט וואָס יאָהאַן טוט שוין אמאָל אין פעלד! ס׳פערדעל מוז שטענדיג שטעהן אנגעגרייט מיט דעם זאָטעל און ווארטען אויף איהם ביים וועג. דאָס קאַפּעלושעל טראָגט ער אויף א זייט און תמיד טוט ער זיין ארבייט אין העניטשקעס.

דער אלטער עלקינס קאָן ניט צוקוקען אזא ארבייט.

נאָך פון זיין אלטער היימאט איז ער געוואָהנט ארויסצובעקומען דאָס שטיקעל ברויט מיט די הוילע פערשטיינערטע הענד. און דאָ, אויף די ברייטע און ווייטע פּרעררים קען ער זיך ניט צוגעוואָהנען צו אנדערע וועגען.

ער, עלקינס, האסט מאַשינען... ער נעהמט וואָס מעהרער צו־פוס, אפילו נאָכ׳ן אקער־אייזען, וואָס איז געמאכט געוואָרען צו פאָהרען מיט איהם.

און אין פריהלינג — יאָהאַן בעשליסט זיך אויסצוהעלפען זיין

פּאָטער. ער שפּאַנט איין זייערע פיער פערציראַנער פעדד אין דעם בערעדעלטען אַקער, וועלכער שניידט דריי פּאַכען מיט איין גאַנג, און ער לאָזט געהן די פערד געלאַסען און גלייך מיט דער גאַנצער לייגג פון פעלד. ער זיצט זיך אויפ׳ן זיטץ, און שטיל און רוהיג קוקט צום פאָרענט, אַז דער דישעל זאָל זיין אין אַ גלייכע ליניע מיט דעם מיטעלסטען פּאַך פון דער נאָר וואָס איבערגעקעהרטער ערד. שטעלט זיך ביים זוים פון פעלד דער אַלטער עלקינס און בעקוקט זיין יאָהאַנען, וואָס זיצט זיך מיט דעם ברייט־ברימיגען ווייסען קאַפּעלוש. און אין האַרץ ביי איהם פּלאַ־קערט אויף אַ פערדרוס צו דעם טייוועל, וואָס האָט די מאַשינען אויס־געטראַכט.

ער האַסט זיי, די מאַשינען... און הערר גאָלדענבאַרג האָט זיי ליעב...

יאָהאַן האָט אויך ליעב מאַשינען. ווי ער זיצט זיך אויף דעם אַקער, דאָס דייצט ער זיך מיט מיר, דער טייוועל!

אַזוי טראַכטענדיג, איז זיך דער אַלטער עלקינס אָנגעקומען ביז צום זוים פון זיין פעלד, איבער וועלכען זיין זוהן, יאָהאַן, האָט טאַקע גראַד איצט מיט׳ן אַקער געשניטען לאַנגע שווארצע פּאַסען. אָט איז אַ מעסער פון אַקער אָפּגעשפּרונגען פון דער ערד. יאָהאַן קימערט זיך ניט. אַרויס־געשטויסען, און פערפּאַלען... לויפט ער, דער אַלטער, אַנטקעגען. זיין האַרץ זידט מיט האַס, און ער צושרייט זיך אויף יאָהאַנען:

„זיצט זיך ווי אַ קיסר אויף זיין טהראָן!...“

און ער כאַפּט אַרויס פון יאָהאַנען די לייצעס. זיין זוהן שפּרינגט אַרונטער פון אַקער־זיטץ. דער אַלטער עלקינס פערגינט זיך ניט צו זיצען, נאָר ער נעמט טרייבען די פערד מיט האַסט און שפּרייזט פון הינטער דעם אַקער.

און די פערד ווייסען ניט וואָס פריהער צו טאָן: צו זאָלען זיי געהן פאָרווערטס, צו זאָלען זיי דאָ אַ דרעה טאָן אויף צוריק.

יאָהאַן בעמערקט עס און טוט אַ שמייכעל:

— דער אַלטער שטופּט דעם אַקער מיט זיין ברוסט!...

און ער רופט זיין אָנגעזאָטעלטען פערדעל צו זיך. דאָס פערדעל קומט צולויפען. ער כאַפּט זיך אַרויף אין זאָטעל אַריין און פליהט אַוועק מיט אַ סקאָסנער ליניע צום וועג, און אַ זייל פון שטויב בלייבט הינטער איהם.

דער אַלטער האָט געענדיגט דעם וועג, אַרונטער געגאַנגען נאָך אַמאָל

צוויי און צוריק נעקומען צום ברעג, וואו דער וואָגען איז געשטאַנען. ער האָט אַ קוק געטאָן צו דער זון.

— שוין צייט!

ער הויבט אַרויס די אַקער־מעסערס פון דער ערד זעהר הויך, און פאָהרט צו ביז דעם וואָגען, וואָס שטעהט אין אַ זייט פון פעלד, נעמט אַרונטער די צוימען פון די פערד, און ביים אויפבינדען פון די לייצעס שילט ער זיין זוהן יאָהאַן, וועלכער מאַכט זיינע אייגענע קניפּען...

נאָכדעם בלייבט דער אַלטער שטעהן אַ ווײַלע, קוקט מיט זיינע פערגאַסענע גרויע אויגלעך אויף דעם דריי־פּאַכיגען אַקער, וועלכער איז אויסגעגאָסען פון שטאָהל. איהם קומט אַרויף אויפ'ן געדאַנק דער אַקער ביי זיין פאָטער אין דער אַלטער היים. געמאַכט איז ער געוועזען פון האָלץ און נור אַ שטיקעלע אייזען ביים שפּיץ פון מעסער. עס איז געוועזען לייכט אי פאַר דער בהמה אי פאַר'ן מענשען. היינט האָבען די טייוואָלים אויסגעטראַכט אַ מאַשין, וועלכע פיער פערד שלעפּען שווערליך, און דו זיצט זיך אויפ'ן זיטץ ווי אַ קיסר...

און זיין זוהנדעל, יאָהאַן, רעדט איהם נאָך צו, אַז ער זאָל קויפען אַ גאַזאָלין מאַשין מיט צעהן אַקער־מעסערס. ניין, דאָס פועלט ער ביי איהם ניט. דאַן וועלען אי דער מענש אי די בהמה ניט האָבען וואָס צו טאָן... דער טייוועל וועט שוין פאַרזאָרגען אַלעס... אָבער גענוג. היינט האָט ער דעם אידען אָפּגעצאָהלט די לעצטע שולדען; מעהר וויל ער מיט איהם ניט האָבען צו טהאָן. נאַ דיר נאָך אַ נייע זאַך — אַלפאַלפאַ! ניין, גענוג מיט די טייוועלשע אויסטראַכטונגען!

ווער ווייסט, וואו מען וועט אונז נאָך אוועקשלעפּען....

צוערשט, ווען דער איד גאָלדענבאָרג איז אַרונטערגעקומען אין דער ווייטער ווּעסט, פלעגט ער איהם זעהר אַכטען. איהם העלפען מיט ראַטה און טהאַט. דער איד האָט איהם צוריק אָבגעדיענט. מען איז געוועזען שכנים, און ער איז אַ געזונטער אַרבייטער, דער דאָזיגער איד... אָט זיינען דאָרט זיינע פעלדער מיט ברויטען און פערזייטע גראָזען — דער איד איז אַ ווירטה!

אָבער פאָרט אַרונטער פון וועג — האָט שוין פּלעה אין דער נאָז — „אַלפאַלפאַ"!...

און מאַכט די יונגע שנעקעס אונזערע פאַר טויגעניכטסען....

## ז.

יאָהאַן עלקינס פלעגט אמאָל, אין א שבת, הערר גאָלדענבארג׳ס רוהע־טאָג, קומען צו־רייטען, איבערלאָזען זיין פערדעל פאר׳ן הויז, און אפּזיצען מיט דעם אידען לאַנג.

ער פלעגט זיך דאָרט גוט אָנלעזען אין די זשורנאַלען און צייטונגען, וועלכע דער איד פלעגט האָבען פון פערשיעדענע ערטער.

נאכדען אַהיים קומען און תמיד עפּעס נייעס ברענגען זיין פאָטער.

— פוילענצער, ווי דו, האָבען ניט וואָס צו טאָן און טראכטען אויס נייעקייטען... — פלעגט דער אַלטער עלקינס אויסהערען און זיך בייזערען.

אָדער ער פלעגט אזוי זאָגען צו יאָהאַנען:

— האָסט זיך שוין ווייטער מיט עפּעס אָנגעשמעקט ביים אידען...

און דאָס וואָרט „אידען" האָט ער געזאָגט מיט אזא טאָן, אז עס האָט געהייסען: מיין פאָטער האָט דעם אידען ניט ליעב געהאַט, און איך האָב איהם ניט ליעב, און דו דארפסט איהם ניט ליעב האָבען...

יאָהאַן פלעגט אָבער, טראָטץ זיין פאָטער, ניט נור לעזען די זשורנאַלען, נאָר אויך שמועסען און פערברייינגען ביי הערר גאָלדענבארג׳ען אין הויז.

דער לעצטער האָט איהם כמעט ליעב געהאַט, דעם קלוגען יאָהאַנ׳ען מיט זיינע בלויע אויגען.

און ווען הערר גאָלדענבארג האָט דאָס ערשטע מאָל זיך איינגעקויפט א שנייד מאשין מיט א בינדער־קאָמבינאציאָן, האָט ער יאָהאַנען ארויס־געפיהרט און איהם געוויזען די מאשין און איהם געגעבען צו פערשטעהן ווי די וואַלצען קייקלען אריין די שטרויעלעך. און ווי אינוויינינג איז דאָ צוויי שטאָהלענע הענד וואָס כאפּען ארום די שטרויעלעך און מאכען פון זיי א בינטעל, און ווי דאן קומט ארויס פון א פּלאַץ די נאָדעל מיט׳ן שטריקעלע און פארבינדט עם פונקט אין דער מיט, און ווי אזוי נאָכדעם פאַלט ארויס אַ שטאַרקער סנאָפּ צו דער ערד.

יאָהאַן פלעגט צועפענען זיין מויל און שלינגען גאָלדענבארג׳ס ווער־

טער, און איהם נאָך מעהר ליעב בעקומען. און זיך פערשילטען פאַר וואָס גאָט האָט איהם ניט ארונטערגעשיקט פאַר א זוהן צו אזא מאַן ווי הערר גאָלדענבארג.

— מיט אייך וואָלט איך אויסגעקומען... — פלעגט יאָהאַן שמייכלען צו גאָלדענבארג'ען. — וואָס ביי מיין פאָטער געהט אוועק און עס ווערט צורינען, וואָלט איין אנדערער דערפון רייך געוואָרען.

— עך, עך, ווען איך האָב, ברודערל, א זוהן!....

און ווען דבורה איז ארונטערגעבראכט געוואָרען, פלעגט יאָהאַן קומען צורייטען אָפטער.

און צוליעב דבורה'ן און צוליעב זיין ריטערליכקייט, פלעגט ער אָפט א העלף טאָן גאָלדענבארג'ען. און פרוי גאָלדענבארג האָט גאָר ביי יאָהאַנען געהאט גרויסע פריווילעגיען.

און ער האָט זיך געשעצט הימעל־הויך, אז אין זיין אנוועזענהייט פלעגט דבורה וועלען נעמען די עמער און געהן צום ברונעם נאָך וואסער. ער פלעגט דאַן זיך א כאַפּ טאָן און אריינברענגען צוויי פולע עמערס מיט וואסער, מיט א הייליגער תמומות אויף זיין פנים.

און יאָהאַן האָט געליבט גאָט, וואָס ער האָט זיך דערלעבט א זכות אז דבורה זאָל צו איהם א וואָרט אויסריידען. זי פלעגט איהם גרויס־שטעדטיש דאנקען פאַר'ן גאַנג.

און זי פלעגט אמאָל דערצעהלען פון שטאָדט־זאכען, אפילו ניט דירעקט איהם אליין, נאָר אויך צו פרוי גאָלדענבארג, ער אָבער פלעגט דערביי הערען ווי דבורה רעדט פון שטאָדט. און דבורה האָט געהאט א סך זאכען פון שטאָדט צו דערצעהלען, און ער פלעגט הערען און טרוימען צו זיין אמאָל אין דער דאָזיגער גרויסער שטאָדט:

אין דער גרויסער שטאָדט טרעפט אז פ י ע ר מיידלאך שפּאַצירען מיט א י י ן בחור....

דערווייל איז געוועזען אין דבורה'ס ביינער אזוי פיעל פון גרויסען שטאָדט, אז דער ריטערליכער יאָהאַן וואָלט פון איהרען א וואונק צו דער זונן און הימעל אַרויפגעריטען....

## ח.

צוריק מיט צוואַנציג יאָהר איז הערר גאָלדענבאָרג א יונגער און מיט לייריגע הענד געקומען אין דער ווייטער וועסט.

זיין יונגע ווייבעל, רחל, האָט ער געלאָזען אין דער גרויסער שטאָדט.

זי האָט איהם אָנגעזאָגט ער זאָל זיך „נעמען צייט", און ווען ער וועט שרייבען, אז ער האָט געפונען דאָס וואָס איז גוט וועט זי אויך ארויסקומען.

געקומען איז ער אין די דאַקאָטאַס און האָט זיך אויסגעקליבען א „האָמסטעד" וואָס איז בעשטאַנען פון הונדערט און זעכציג אַקער לאַנד, אויף וועלכע קיין מענש האָט נאָך ניט פון אוראַלטע יאָהרען זיין פוס געשטעלט.

ער האָט זיך אויסגעקליבען די שטיק לאַנד מחמת פיעלע טעמים: —

ערשטענס, האָט זיך עס געצויגען איבער א ברייטער פלאַכע, און צו צפון־זייט איז געשטאַנען א הויכער, ברייטער בערגעל.

צווייטענס, איז אין דער מיט פון דער לאַנד א טייכעל געפלאָסען.

און דריטענס, איז טאַקע די לאַנד א פעטע און מיט טיעפע גראָזען...

און נאָך און נאָך טעמים אָהן א שיעור, און ער האָט עס ליעב בעקומען.

און איינער אליין איז ער ארומגעגאַנגען איבער די ברייטע שטחים און געטראַכט און געמאַכט זיינע פלענער. אָט איז ביי איהם געבליבען צו בויען די הויז ביים טייכעל, איז אָבער געקומען איין אנדער פלאַן, אז עס וואָלט בעסער געווען אוועקצושטעלען די הויז ביים פוס פון בערגעל. וואַסער וועט שוין זיין. און דערפאַר וועט עס וואַרימער זיין אין ווינטער, פערשטעלט פון די ווינטען.

און אין יענעם טאָג, וואָס מען האָט איהם די פאַפירען אין רעגירונגס־שטיבעל געגעבען צום אונטערשרייבען און איהם אָנגעזאָגט פון די פאַ־דערונגען: אז ערשטענס זאָל ער בויען א הויז, און צווייטענס — גראָבען א ברונען, און דריטענס: צואַקערען פינף אַקער לאַנד און זיי מיט עפּעס

אויף דער ערד אַליין בעזעצען און עס מאַכען פאַר זיין איינענע היים, — האָט גאָלדענבארג צו אַלעס געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ און געשוויגען.

ער האָט ניט געקענט זאָגען דאָס וואָס עס האָט זיך איהם געוואָלט זאָגען פון זיין טיעפען הארץ ארויס. נאָר שטום האָט ער די פּאַפּירען גע'חתמ'עט.

ער האָט באַלד זיין רחל'ען געשריבען קורץ און פריילאך:

„טייערע רחל'ע, א גוטען שטיק לאנד גענומען... גרייט זיך אין וועג, איך נעם זיך שוין בויען....

און אזוי ווי ער האָט עס נאָר אוועקגעשריבען זיין ליעבער פרוי, האָט ער שוין זיך דערפיהלט אויף דער גאַקעטער פּרערי ווי אין דער היים.

ער איז אוועק צו דעם נאָהענטסטען שכן, הערר עלקינס, וועלכער האָט שוין דאן געהאַט צוויי פערד און א גוטע ווירטשאַפט, און זיך מיט איהם בעקענט.

— וואָס קען איך טאָן פאַר אייך? — האָט יענער היימליך געפרעגט.

— איך וויל אַפריהער טאָן פאַר אייך איין ארבייט, און דאן זאָלט איהר מיר צוריק אָפּהעלפען, — האָט גאָלדענבארג געענטפערט.

עלקינס האָט זיך בעליידיגט:

— ביי אונז געהט עס אנדערש... מען רעכענט זיך ניט. נור וואָס איהר דארפט, וועל איך מיט פערגעניגען טאָן פאַר אייך, און אז איך'ל דארפען וועט איהר, גלויב איך, אויך טאָן עפּעס.

— איך וועל, איך וועל, — האָט גאָלדענבארג געמורמעלט, און ניט פערשטאַנען דעם חילוק.

און צוערשט איז עלקינס מיט איהם געפאָהרען אין שטעדטעל אריין און זיי האָבען געבראַכט אַ פּולען וואָגען מיט ברעטער, און שינדלען, און אנדערע נויטיגע מאַטעריאַלען.

און גאָלדענבארג האָט שוין געמוזט נעכטיגען און קעסט עסען ביי עלקינס'ען. פרוי עלקינס האָט נאָך דאן געלעבט, און זי האָט צוליעב דעם נייעם שכן איין עוף גע'הרג'עט און פאַר איהם געבראָטען פלייש מיט בולבעס.

— זיינט איהר דאָך אַ „דזשו“ און איהר טאָרט ניט עסען קיין חזיר...

— האָט זי פיעלבעדייטענד געזאָגט.

אויף דעם דריטען טאָג איז הערר עלקינס ארויסגעפאָהרען מיט זיין

אַקער און פערד און פּאָר גאָלדענבאָרג'ען צואַקערט אַ שטח לאנד. ער האָט עס גענומען אַ פּאָר טעג גאַכאַנאַנד. ביז ער האָט צואַקערט אַן ערך פון פינף אַקער ערד.

דערווייל האָט דער איד גאָלדענבערג מיט זיין איינגעקויפטער האַק ערגעץ אין אַ טיעפען טהאָל ווערבעס אָנגעהאַקט און זיי געבראַכט צו טראָגען אויף זייטע אַקסלען און זיי אַוועקגעלעגט אין אַ סטויס נאָהענט פון דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געוואָלט בויען די הויז. און אַז ער האָט געהאַט אַ סך קלעצלעך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און זיי צוהאַקט אין קליינע שטיקלעך שפּענדלעך.

און עלקינס איז מיט איהם ווייטער אַוועק אין שטעדטעל. און זיי האָבען געבראַכט אַ וואָגען מיט בולבעס־זריעה. עס איז נאָך ניט געווען שפּעט צו פּערזעצען קאַרטאָפּעל.

און עס האָט באַלד אָנגעהויבען צו געהן זיין נאָמען פון איין מויל צו אַ צווייטען.

פּלעג אַ שכן אַדורכפאָהרען און זעהן די קופּקע מיט די שפּענער וועלכע האָט זיך געווייסט פון ווייטענס און דאָס צואַקערטע שטיק לאַנד, פּלעג ער עס דערצעהלען אין שטעדטעל.

און אַז מען האָט די בולבעס פּערזעצט, האָט עס גאָלדענבערג געטהאָן מיט גרויס כונה און פליייסיג די צושניטענע שטיקער זריעה געלעגט מיט דער שאָלאַכץ אַרויף.

דאָס, און דער וועג ווי ער האָט עס געטהאָן, איז עלקינס'ען שטאַרק געפעלען געוואָרען, און ער האָט עס דערצעהלט פּאַר שכנים און אין שטעדטעל.

און שפּעטער, מיט אַ וואָך נאָך בעפאָר די בולבעס האָבען בעוויזען אָנצוהויבען אַרויסקומען פון דער ערד, האָט איהם עלקינס געהאָלפען אויפשטעלען די ערשטע פאַרמען פון דעם הויז.

גאָלדענבאַרג איז דעמאָלט צוגעפאַלען צו עלקינס הענד און זיי געננר־מען קושען און אליין ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן דעם „גוי", וועלכער האָט איהם אַזוי פיעל אַרויסגעהאָלפען.

און עס איז אַוועק זיין אַרבייט מיט אַ סדר.

מיט זונען־אויפגאַנג פלעג ער אָנהויבען בויען די הויז. איינער

פאַרזייען, און פיערטענס, וואָס דאָס איז די וויכטיגסטע: ער זאָל זיך אַליין האָט ער זי געבויט. און מיט זונען־אונטערגאַנג האָט ער די ארבייט פון הויז אוועקגעלעגט און זיך אַ נעם געטאָן צו די בולבעס וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען ארויסצוקריכען פון דער ערד ארויס, מיט צוויי און מיט פיער בלעטלאַך, און זיי געדרייניגט קעגען לבנה שיין פון די יונגע קרייטיכער.

האָט מען עס דערצעהלט אין שטעדטעל און דער איד האָט בעקומען אַ נאָמען אַ גוטען און מען האָט איהם שוין געשאַצט אין גרויסע געלטען, און מיט אַ גוטע היים.

און עט שפּעטער, ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דעם הויז, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ פיער־עקעכיגען צימער מיט אַ קליינער קיך און אַן אויווען פון שטיינער, און אַז ער האָט שוין אויסגעגראָבען דעם ברונען און איהם קיילכיג אויסגעלעגט מיט שטיינער, אַז די שכנים זיינען געקומען קוקען אויפ'ן וואונדער, האָט גאָלדענבאַרג געשיקט נאָך זיין פרוי.

---

דעם ערשטען טאָג וואָס הערר גאָלדענבאַרג האָט זיין פרוי אין דער ווייטער וועסט אַראָבגעבראַכט, האָט ער זי ארומגעפיהרט איבער די פּלאַ־כעס און בערגלאַך און טהאָלען פון זייער נייער היים.

און לאַנג זיינען זיי געשטאַנען ביים פעלד פון בולבעס. רחל, האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסען פון דער זויבערקייט וואָס איז געוועזען צו־שפּרייט איבער די רייהען מיט די הויכע און ברייט צוואַוואַקסענע שטאַמען פון די דונקעל־גרינע בולבע־פלאַנצען.

און אַז זי איז דאָרשטיג געוואָרען פון ארומגעהן, האָט ער זי אוועק־געפיהרט צו דעם ברונען און אַן עמער וואַסער פאַר איהר ארויסגעצויגען. זי האָט געטרונקען און זיך אָפּגערוהט און ווייטער געטרונקען און געקוויקט זיך אין טיעפענישען פון איהר האַרץ.

און אַז זיי זיינען נאָכדעם ארויף אויף אַ הויכען באַרג און אַ קוק געטאָן פון דאָרטען אויף דעם אַלעם וואָס האָט געהייסען „זייערס" און וואָס הערר גאָלדענבאַרג האָט מיט די הוילע הענד אין אַזאַ קורצער צייט אויפגעטאָן, האָט זיך רחל דערפיהלט, ווי זי וואָלט פון אַן אָרעמער שטוב ארויסגענב'עט געוואָרען און פון אַ בן־מלך אין זיין פּאַלאַץ אריינגע־בראַכט געוואָרען.

צו אבענד־צו זיינען די שכנים פון דעם נאָהענטען ארום און ארום זיך צוזאַמענגעקומען.

זי האָט דערפיהלט אַז עס איז קיין אַנדערע אידען צווישען זיי נישטאָ. זי איז דאָ די איינציגע אידישע טאָכטער... און אַ צער האָט לייכט איהר הארץ אָנגעקלאַפּט...

זי איז נאָך דעמאָלט גאָר יונג געוועזען.

גאָלדענבארג האָט מיט איהר התונה געהאט אין ניויאָרק, ווי זי איז געוועזען — „אין איין קליידעל", דערפאר וואָס זי איז שעהן געוועזען און כמעט אויסגעוואקסען אין אמעריקאַ.

און דאָך האָט זי, זייענדיג אליין אַ שטיק „יענקי", זיך געפיהלט אַביסעל אונהיימליך צווישען דעם געמישאַכץ פון די שכנים.

יענע האָבען עס גאָר ניט בעמערקט. מען האָט איהר אין גיכען און אויף דעם ווייבערשען שטייגער דערצעהלט פון די געוועהנהייטען און פּיהראַכצען אין דער ווייטער וועסט.

רחל האָט אַלעס אויסגעהערט, און בעשיידען דאָ אַ שמייכעל געטאָן און בייַ אַן אַנדער געלעגענהייט זיך געוואונדערט.

ווייט איז יענע לאַנד און ברייט, נאָר אַז איינער פאָהרט אין שטעדטעל אריין, פוילט ער זיך ניט אָבצושטעלען בייַ אַ שכנ׳ס הויז און אָנקלאַפּען אין טיר און די פרוי פון הויז קומט ארויס און מען דער־צעהלט איהר, וואָס עס האָט געטראָפען דאָ און דאָרט. און אַזוי ווערט עס איבערדערצעהלט פון הויז צו הויז, און זעהר גיך.

דאָס אָנקומען פון פרוי גאָלדענבארג האָט זיך צוטראָגען זעהר שנעל איבער דער פּרערי און עס האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט דעם גלויבע אין גאָלדענבארג׳ס פאָלקאָמענעם ערפאָלג.

הערר גאָלדענבארג האָט אין גיכען געקויפט צוויי פערד און אַ לאַנגען גרינעם וואָגען, און אַ שנייד־מאַשין און נאָך און נאָך — דאָס אַלעס האָט מען איהם געבעטען צו נעמען אויף באָרג.

און האָט ער דאָך געהאַט בטחון צו בעצאָהלען, האָט ער גענומען דאָס וואָס ער האָט בעדאַרפט.

און דאָס ערשטע האָט ער זיין אייגענע „היי" געשניטען. די גראָז איז געוועזען טיעף ביז דעם האַלז אריין. טויזענדער יאָהרען אַז די לאַנד

איז נעשטאנען און עס האט יאהר־איין, יאהר־אוים געוואקסען פון זיך אליין. און דער לאנגער ווינטער מיט די טיעפע שנייען פלעגען עס אוועק־לעגען און עס האט נעפוילט, און די ערד איז פעטער געווארען און וואס א יאהר בעסערע גראזען ארויסגעגעבען.

האט זיי הערר גאלדענבארג געשניטען און זיין פרוי איז נאכגעגאנגען פון הינטען מיט א הילצערנעם גאפעל. און פון ווייטע צו ווייטע, אז די מא־שין האט זיך פערשטאפט פון די טיעפע גראזען, האט זי בעדארפט מיט'ן גאפעל עס אויסרייניגען.

און אז עס איז געקומען צו מאכען די סטויגען און אריינפיהרען די היי צום סטויג, האט פרוי גאלדענבארג א רויטען טיכעל ארום האלז אנגעבונדען, א ברייט־ברימיגען שטרוי־הוט אנגעטאן און איז ארוים צו העלפען איהר מאן.

זי איז נעשטאנען אין וואגען און ער האט דערלאנגט פון קופקע.

דערביי האט זי בעמערקט: אז בשעת ער נעמט א גאפעל היי, דאכט זיך איהר, אז עס וואלט בעסער געווען ווען ער זאל טון ווי די פרוי טוט בשעת זי פארקעמט איהרע לאנגע האר: אפריהער זאל ער ארומנעמען מיט'ן גאפעל פון אלע זייטען די צופאלענע עקען פון די היי און זיי צוזא־מענברייננען אין דער מיט פון קופקעלע און דאן וועט ער קענען ארויפנע־מען די גאנצע קופקעלע און איין היי זאנג וועט ניט געהן פערלוירען.

גאלדענבארג'ן איז דאס שטארק געפעלען געווארען און שמייכלענדיג פון דעם ווייבערשען איינפאל, פלעג ער א נעם טאן מיט זיין גאפעל די קופקע היי און עס א הויב טון אין דער הויך איבער'ן זוים פון וואגען און מיט איטליכען הויב פלעג ביי איהם ארוים א מאדנער קלאנג פון צווישען זיינע ליפען.

און ביים סטויג פלעגען זיי זיך בייטען. זי פלעג שטעהן אין וואגען מיט'ן היי און איהם דערלאנגען צום סטויג. גאלדענבארג פלעג עס א כאפ טון פון איהר גאפעל און געשיקט אוועקלעגען איטליכען בונט היי אויף אן אנדער ארט.

דערביי האט ער בעמערקט: אז דער וואס דערלאנגט היי צום סטויג בעדארף אין זינען האבען אז זיין גאפעל זאל תמיד פאלען מיט די ציינער ארונטער, בכדי די היי זאל גרינגער אראפ.

זי האט שוין פארטיג געהאט א ווערטיל:

— וואָס צו מענער און וואָס צו ווייבער.

גאָלדענבאַרג האָט די סטויגען געבוים מיט דער לאַנגער זייט צו דער הויז, עס זאָל די הויז פאַרשטעלען פון די ווינטערדיגע צפון ווינטען.

צוגעדעקט האָט ער זיי מיט אַ שמאָלען, שאַרפען, משופּע׳דיגען שפּיץ, דער רעגען זאָל אַרונטעררינען גיכער און די היי זאָל ניט פוילען.

עס איז געלעגען גאָט׳ס ברכה אין דעם היי און אַזוי אויך אין דעם פעלד פון בולבעס.

פון יעדער רייע בולבעס האָבען זיי אויסגעגראָבען צעהן זעקלאָך.

און עס איז געקומען צו פאָהרען אַ סוחר, און אַז ער האָט דערהערט אַז גאָלדענבאַרג האָט טויזענד זעקלאָך בולבעס האָט ער אָנגעבאָטען אַ דאָלאַר פאַר אַ זעקעל אויפ׳ן אָרט.

גאָלדענבאַרג האָט פערקויפט, און די געלד אין באַנק אריין, פון שטעדטעל, אוועקגעפיהרט.

דאָס שטעדטעל האָט זיך געוויעגט.

און דאָס ערשטע האָט ער בעצאָהלט אַלע זיינע חובות און האָט אָנגעהויבען צו בויען אַ שטאַהל פאַר זיינע פערד. און געקויפט אַ קוה, עס זאָל זיין די גלאָז מילך אין הויז.

און אַזוי איז דאָס אוועק יאָהר־איין, יאָהר־אויס.

און אַז גאָלדענבאַרג האָט זיך ארומגעקוקט און האָט געזעהן אַז עס איז נאָך דאָ גענוג פרייע לאַנד ארום און ארום, האָט ער אויסגעקליבען אַן אנדער שטח לאַנד, וועלכעס גרענעצט זיך מיט זיינעם און פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיך גע׳חתמ׳עט אויף די רעגירונג׳ס פּאַפּירען, אַז זי וויל עס פאַר אַ היים פון איהר׳ט וועגען.

אַלע האָבען זיך אַזוי נוהג געוועזען, פאַר וואָס זאָל ער זיין אַן אויסנאַהם?

און מען האָט איהר געגעבען דעם דאָזיגען שטח לאַנד, נאָך די געזעצען פון יענעם געגענד. און זייער ערד איז פערדאָפּעלט געוואָרען.

און נאָכדעם איז פון יענעם שטאַאט געקומען אַ רעגיערונגס מענש און צוזאַמענגענומען אַלע לאַנד־בעזיצער אויף איין אסיפה און זיי מודיע געוועזען, אַז:

„ווער עס וועט אויף זיין לאַנד איין אַקער ערד מיט בוימער פערפלאַנצען, מעג זיין פרוכט, מעג זיין פּשוט׳ע וואַלד־בוימער, דעם מענשען,

וועט די רעגיערונג שיינקען נאָך אמאָל אזוי פיעל לאנד, ווי פיעל ער בעזיצט.״ —

ווער האָט ניט געפלאַנצט קיין בוימער?

גאָלדענבאָרג האָט אין נאָרט־וועסט ווינקעל פון זיין לאנד־גרענעץ געפלאַנצט עטליכע רייען מיט מייפעל־בוימער, און זיין לאנד האָט זיך דערווייל נאָך אמאָל געדאָפּעלט און מאַקע דערפאר איז זיין רעמענענט גרעסער געוואָרען און ער האָט שוין אליין ניט געקענט פארטיג ווערען און בעדאַרפט האָבען איין ארויסהעלפער.

פלעג ער ברייגגען פון דער גרויסער שטאָדט ניו־יאָרק א יונג א שטאר־קען און א אידען, ווייל אויף א גוי׳אישען יונג קען מען זיך ניט פערלאָזען אז ער „צוטרינקט״ זיך... האָבען זיך אָבער די אידישע יונגען ניט געהאַל־טען לאנג; אָפּגעווען א יאָהר, פארבייגקט זיך צוריק אין שטאָדט און איז אוועק.

ביז גאָט האָט פאר איהם צוגעשיקט דעם בחור אייזיק, וועלכער ארבייט מיט אן עהרליכען פלייס, און ווי אן אייגענער.

## ט.

אויף דעם בעשטימטען הויכען באַרג איז דער פערד־יונג געשטאַנען און געוואַרט אויף דבורה׳ן. די זון איז שוין געוועזען איבער זיין קאָפּ, און געשיקט גלייכע שטראַהלען איבער פעלד און גראָזען.

— וואָס וועט זיין — האָט דער פערד־יונג א טראַכט געטאָן — אין הויז וועט מען דאָך ניט וויסען וואָס צו טראַכטען וועגען אונז. און וואו איז „זי" טאַקע?

ער האָט געטאָן א ציה זיין רייטערל, א קלאַפּ געטאָן מיט זיינע פיס אין די זייטען אריין און איז אוועקגעריטען צו צפון־זייט. ער איז געקומען ביז דעם דראָטענעם פּלויט און איז אוועק מיט דער ליינג פון צפון־זייט פּלויט און אויסגעקוקט זיינע אויגען, און אויסגעפייפט און געברומט, און קיינער האָט ניט געענטפערט.

— וואו זאָל „זי" זיין?

עס איז איהם פּלוצים געקומען אין דער מחשבה, אז דבורה איז א גרויסע „שטיפערקע" און זי האָט היינט מיט איהם אויך געוואָלט מאַכען א שפּיעל. זי איז אוועק אַהיים און איהם געלאָזען וואַרטען אויף דעם באַרג.

עס האָט איהם באַלד אָנגעהויבען הנאה צו טאָן. ער וועט אַהיים קומען. זי וועט עס דערצעהלען און מען וועט לאַכען.

און ער האָט א דרעה געטאָן זיין רייטערל אויף אַהיים. דער פערד האָט געוואָלט אָנהויבען צו לויפען אין גאַלאָפּ, האָט דער פערד־יונג ניט געלאָזען. פּאַוואָלינקע איז ער זיך געפאָהרען און געטראַכט וועגען דבורה׳ן און זיך אליין.

„שוין דריי יאָהר אז ער אַרבייט ביי הערר גאָלדענבאַרג. עס איז איהם ביז איצט געלונגען צו פערבעהאַלטען זיינע אינערליכע שטרעבונגען פון די הויזיגע. אַלע מאָנאַט בעקומט ער זיין „געהאַלט" און פיהרט עס אוועק אין באַנק אריין. זיינע אויסגאַבען זיינען זעהר קליינע, אפילו

טאַבאַק בעקומט ער אויך פון הויז. ער האָט זיך שוין דאָ אויסגעלערענט צו רויכערען. עס איז אומעטיג, אַז די שטעהסט אין פעלד איינער אַליין, וויל זיך רויכערען. עס אַרבייט זיך בעסער דעמאָלט.

„דריי יאָהר, און גענוג! מעהרער וועט ער דאָ ניט זיין. כאָטש ער האָט ליעב די דאָזיגע אַרבייט אויף אַ פערד־ריינדזש... און ווען עס פלעג קומען, אַז מען האָט בעדאַרפט צוימען אַ יונגע בראָנקאָ איז דאָס געווען אַ הייליגע אַרבייט פאַר איהם. עס האָבען זיך אָנגעצויגען זיינע מוסקולען און זיין ברוסט האָט זיך פעסט אויפגעהויבען. און מיט אַ פייכטען גלאַנץ אין זיינע אויגען פלעג ער פערוואַרפען דעם „שלייף" איבער דער בראָנקאָ, וועלכער האָט זיך ניט געלאָזען צוימען.

נאָך פון קינדווייז אויף פלעג ער ליעב האָבען פערד. און פונדעסט־וועגען וועט ער זיך מיט זיי שיידען.

„עס איז דאָ אומעטיג צווישען דעם געמישעכץ פון מענש, פערד און פּרעירי. אַז עס קומט דער שבת, וועלכער איז אויך גאָלדענבאַרג׳ס רוהע־טאָג, איז עס נאָר משוגע צו ווערען. דער טאָג איז מורא׳דיג לאַנג. און דער געדאַנק „אַז דו ביזט איינער אַליין אין אַזאַ וויטער און ברייטער פּרעירי, וועלכער ווייסט פון שבת", אַנדערע האַלטען דעם זונטאָג און נאָך אַנדערע ווייסען ניט פון ביידע, דער דאָזיגער געדאַנק צוברעכט דאָס רוהיגע געמיטה און מאַכט פיהלען, אַז עס וואָלט בעסער געווען היינט צו טאָן די שווערסטע אַרבייטען, זיך צו פערגעסען!...

„און עס פערדריסט אויף דעם ענערגישען גאָלדענבאַרג׳ען, ווי ער לאָזט זיך ניט... ער שטעהט ביי דאָס זייניגע, ווי אַ פעלז!..."

„און האָט ער דען ניט קיין רעכט אַזוי צו האַנדלען — טראַכט ער וויטער — אַט, איך בין אַהער געקומען מיט אַ בעשטימטען צוועק — וועט דען וועד מיין צוועק ענדערען?"

„ער האָט ליעב דבורה׳ן... וועט ער זי רופען מיט זיך.

„זי וועט מיטגעהן, מיט איהם קיין פּאַלעסטינאַ. ער איז ביי זיך זיכער, אַז זי געהט מיט איהם! ער וועט איהר איינמאָל אָנזאָגען פון זיין בעגעהר, און זי וועט איהר קאָפּ מיט די ווייכע האָר צו זיין ברוסט נויגען און שווייגען....

„יאָ, ער פיהלט עס שוין פון דעם טאָג אָן, וואָס מען האָט דבורה׳ן געבראַכט אין הויז אריין. זי איז און וועט זיין מיט איהם..."

„און אין דעם לאַנד פון אוילבירטען און וויינשטאָקען וועלען זיי געהן. און דאָרט וועלען זיי א שטיק ערד קויפען."

„און זיי וועלען דאָרט צוזאמען א הויז בויען און א ברונען גראָבען. און א וויינגאָרטען אין גלייכע רייען פלאַנצען אויף איינעם פון די סקאָסען, אין די פּאַלעסטינאַ'ער בערג..."

„און א סך, א סך, מוז דאָרטען שוין זיין, אזוינע וויינגערטנער און היימען... אויב ניט וועט ער מיט דבורה'ן זיין די ערשטע..."

„אויף די פּאַלעסטינא הויכע און לאַנגע בערג וועלען זיי די ערשטע בויען א הויז, און דבורה וועט דאָרטען צו איהם א קינד געבוירען..."

„און נאָכדעם וועלען קומען נאָך אַנדערע יונגע פּאָר."

„און עס וועט ווערען א נייע ליכטיגע בערגיגע וועלט... מיט וויינגערטנער און אוילבירטען, און שאָף און רינדער."

און איבער די טהאָלען פון דעם נייעם לאַנד וועט רינען מילך און האָניג, אויל און וויין..."

„און אונזערע קינדער וועלען ארומגעהן דורך די געבט און זינגען נייע ליעדער, פון וועלכע עס וועט שמעקען מילך, האָניג, אויל און וויין..."

„און איבער די בערג וועט זייער געזאַנג ציטערען... און אין די טהאָלען וועט עס נידערען און צוריק איבער דעם גאַנצען נייעם לאַנד ווידער אויפקומען."

„און מיר, זייערע עלטערען, וועלען דאַן רוהען פון טאָג ארבייט, אין אונזערע היימען."

„און מיר וועלען איינגעשלעפערט ווערען מיט א זיכערען הארטען שלאָף און אונזערע נשמות וועלען שוועבען אין דעם נייעם הימעל אריין." — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס „רייטעריל" האָט אויך דערפיהלט עפּעס א לייכטקייט אין זיינע ביינער און עס האָט געגומען שוועבען און וויעגען זיך. באַלד זיינען זיי שוין ביים הויז.

און צוקומענדיג נעהנטער צום הויז האָט דער פערד־יונג אויף פריהער א דרעה געטאָן זיין רייטעריל צום שטאַהל. ער איז צוגעריטען און אריינגעקוקט דורך דער אָפענער בריינער טיר.

„קיטי" איז ניט געווען אין שטאַהל. עס האָט איהם א שלאָג געטאָן

אין האַרץ און אַלע זיינע בלוטען זיינען איהם אַנטלאָפען פאַר שרעק.
„ איז דבורה נאָך ניט אהיים געקומען ? !..."
און ער איז צוגעריטען צום הויז, זיין קאָפּ נידעריג אַראָפּגעבויגען.
אין הויז איז קיינער ניט געוועזען.

ט.

עס איז געווען אז הערר גאָלדענבארג האָט אין יענעם צאָהל־טאָג צוזאמענגענומען די גאנצע געלד און איז אוועק אין שטעדטעל עס אין באנק אריינצולעגען.

זיין פרוי רחל האָט איהם מיטגעגעבען א צעטעלע אהיים ברענגען זאכען פון שטעדטעל און האָט בעמערקט:

— זעה נאָר, ווען דבורה'לע איז איצט אין דער היים, וואָלט איך אויך אביסעל געפאָהרען אין שטעדטעל.

— וועסט שוין פאָהרען קומענדע וואָך, רחל — האָט גאָלדענבארג געענטפערט — הער, אז זיי וועלען אהיים קומען, זאָג אייזיק'ן ער זאָל צוגרייטען דעם שנייד־מאַשין, מאָרגען שניידט ער ווייץ. —

נאָכדעם ווי גאָלדענבארג איז אוועקגעפאָהרען האָט זיך די פרוי זיינע, ווי זי פלעגט עס אָנרופען אין איהר אייגענעם לשון: דערפיהלט, ווי מען וואָלט איהר הארץ פלוצים אבגעריסען.

— וואו זאָלען זיי, דבורה מיט'ן יונג, זיין אזוי שפעט?

זי איז ארוים מיט די „פעלד־גלעזער" און גענומען קוקען אין אלע וויטע זייטען, און האָט קיינעם גיט בעמערקט.

„מוזען זיין ערגעץ ביי די ווילדע בול־וויינשעל אין דער טיעפער „קעשענע" וואָס פון יענער זייט הויכען בארג, — רייטענדיג אויף די פערד, קען מען די וויינשעל קלייבען. ער, דער פערד־יונג, מוז זיי רייסען פון די בוימלעך, זיך צושטעכען זיינע הענד אין די לאַנגע הארטע נאָדלען, וואָס בעשיצען יעדען וויינשעל. ער רייסט די וויינשעל און דבורה נאַשט פרעהלאך...."

פרוי גאָלדענבארג האָט אוועקגענומען די פעלד־גלעזער פון די אויגען און זיך געלאָזט געהן צום ווייץ־פעלד. מאָרגען דארף מען די ווייץ שניידען, וועט זי זעהן דאָס פעלד איידער עס איז געשניטען. די פעלד־

גלעזער זיינען אויף א שווארצען רימען געהאנגען פון איהר האלז אראָפּ און מיטביידע הענד פערשטעקט אין די זייטען האָט זי אריינגעשפּרייזט אין דעם ים פון גרוי־געלען טיעפען ווייץ...

זי האָט געטראכט:

„א ווייץ אין דער ערד און עס קומט ארויס א זאנג מיט פינף און פערציג קערנדלעך... די האנד פון גאָט איז אין דעם. ביי איין אנדערען איז דאָס ניט אזוי.

„אלע אקערען און זייען צוגלייך מיט אונז.

„קומט דער ליעבער זומער, איז ביי אונז די גאנצע פעלד געדיכט און גרין, און ביי זיי איז עס ווי מיט פלעקען גרינע דאָ און דאָרט.

„ווערען זיי אין כעס אויף גאָט און צואקערען די פעלדער נאָך א מאָל און מען זייעט איין אנדער ברויט.

„קומט ארויס דער האָבער, אָדער דער קאָרען און די גאנצע פעלד איז דורכגעמישט מיט ווילדע געל־רויטע קווייטען, און מיט ווילדע ווייסע מערענ־בלומען. איז דאָך דאָס א ניט־גוטער פאר דעם ברויט.

„ווערען זיי אין כעס, מען כאַפּט די שנייד־מאשין און מען האקט די גאנצע ברויט מיט די ווילדע קווייטען און בלומען גרינערהייט.

„עס וועט זיין גוטער היי — טראכטען זיי.

„שיקט גאָט א רעגען און עס גיסט א טאָג און צוויי נאכאנאנד.

„נאָכדעם קומען זיי ארויס אין פעלד און בעטראכטען די היי:

„שווארץ ווי שטויב, קיין בהמה וועט עס ניט א שמעק טהן.

„און מען ווערט פול מיט צאָרען און מען שפּאנט פערד אין אקער. מען אקערט נאָך אמאָל און מען רעדט זיך אוים די הארץ:

„עס וועט זיין גוט פאר דער ערד, זי וועט פעטער און וויכער ווערען...

„און איבעראיאָהר, אוי וועה און א קלאָג... א ווייץ אין דער ערד ברייננט פינף און פערציג קערענדלעך און א ווילדער רעטעך אין דער ערד ברייננט מיליאָנען קיילעכיגע הארטע און ברוינע זאָמען אין איין שטאם...

„ווערט זייער פעלד פערפלייצט יאָהר־איין, יאָהר־אוים מיט ווילדע קרייטעכער און די ברויטען קענען זיי ניט קענענשטעהן. און מען בלייבט ממש אָהן ברויט...

„און ווער איז שולדיג? האָט דען גאָט ניט געקענט אראָפּשיקען צו זיי א גוטען געדאנק?...“

פרוי גאָלדענבארג דערמאָנט זיך אָן דעם ערשטען פעלד וואָס גאָל־דענבארג האָט אין ווינטער־ווייץ פערזייעט:

אַז עס איז געקומען צו פריהלינג איז די ברויט געווען גערינגט, שעהן און גרין. האָבען זיך מענשען געוואונדערט.

האָט ער געזאָגט:

— איך וויים ווי צו זייען ווינטער־ווייץ.

און אַז גאָלדענבארג האָט אַ פעלד מיט זומער־ווייץ פערזייעט, אַ צווייטען מיט האָבער און אַ דריטען מיט פלאַקס, און אַז עס האָט אָנגע־הויבען ארויסצוקומען פון דער ערד, פלעגען מענשען קומען קוקען אויף נאָט׳ס וואונדער.

פיערעקעכיגע פעלדער און גלייכע שורה׳לאך, ווי מיט אַ ווירע אויסגעמאָסטען, און די שפּראָצונגען איינע נאָך די אַנדערע, ווי מיט דער געניטער האנד אָנגעזעצט.

האָט ער געזאָגט:

— איך וויים ווי מיט דער מאַשין ארומצוגעהן.

און אַז עס האָט זיך אין די ברויטען דאָ און דאָרט אַ ווילדער קרויט בעוויזען, פלעגט זיך זיין פּנים פערוואָלקענען מיט אַן ערנסט. און ער פלעג ארויסגעהן אין פעלד אריין, זי אויך מיטרופען, און מיט די בלויזע הענד האָט מען די קרוייטען פון דער ערד, יונגערהייט, ארויסגעפליקט.

זיי זאָלען ניט דערלעבען, די ווילדע קרייעכער, צו בלומענצייט...

האָט מען געלאַכט:

— דער איד טרעט אויף זיינע ברויטען.

גאָלדענבארג האָט זיינם גע׳עקשנ׳ט:

— איך וועל פערטרעטען הונדערט ברויט־זאַנגען, אָבער מיליאָנען קרייטעכער און דערנער וועל איך אומברייננגען...

מיט איבערגעבראָכענע רוקענס פון פיעל בויגען זיך, און מיט אָנגע־שוואָלענע הענד פון נעכטען, האָט מען היינט ווייטער דערנער און קרוייטען געריסען. מיט די וואָרצלען האָט מען זיי בעדאַרפט רייסען. נאָכ־דעם פאַר׳ן הויז אין הויפענס זיי פערברענט.

אַ ווייץ אין דער ערד, ברייננגט אויף פינף און פערציג קערענדלעך, אַ נאָט אין הימעל, און די פינף און פערציג קערענדלעך ברייננען אויף

קומענדען יאָהר נאָך אמאָל צו פינף און פערציג קערענדלאַך און עס איז שוין דאָ א ברויט צו דערהאלטען א נשמה...

און וואָס ברייננט דער דאָרען, און וואָס נוצט די קוויט?

דער דאָרען וואַקסט ארוים פון מיין קערענדעל אין א הויכען שטאָם מיט א קייל‏עכדיגען און ברייט בעצווייגטען קאָפּ. מיט הונדערטער שויטען. און אין יעדען שויט הונדערטער קערענדלעך. און אז עס קומט זיין צייט אין אָסיען און דער צפון־ווינד ברעכט דעם קאָפּ פון דאָרען אָפּ און נעמט איהם קייקלען איבער דער פרעירי, און די שויטען צועפּענען זיך און די קערענדלאַך ווערען צוזייעט און צושפּרייט.

און וואָס האָט מען דערפון?

## י"א.

רחל גאָלדענבערג האָט זיך לאַנג געשפּיגעלט אין דעם ווייץ־פעלד, וואָס מען דאַרף מאָרגען שניידען, און נאָכדעם זיך געלאָזט צוריק אַהיים. געהענדיג אין מיטען וועג האָט זי אַ פּאָר מאָל אָנגעשטעלט די פעלד־גלעזער צו איהרע אויגען. אַט האָט זי דערזעהן אַ רייטער פון וויטענס, אָבער עס בעדאַרף דאָך זיין צוויי רייטער, אז דאָס זאָל זיין דבורה מיט'ן יונג....

רחל איז אריין אין הויז, זיך פאַמעלעך גענומען מאַכען פייער אין אויווען אויף צו קאָכען דעם אבענד מאָהלצייט. אין דער אייגענער צייט געטראַכט, וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג, אוועק פון הויז מיט אַ יונג אויף אַזוי לאַנג. וואָס טוען זיי דאָרט ביז איצט?... באַלד אָבער האָט זי מיט פערדראָס זיך ווי צוריקגעכאַפּט —דבורה איז אַ מיידעל... אַ פרעמד מיידעל.... און ניט איהר אייגען קינד... און אין איינעם מיט דעם האָט זי שוין אויך גענומען טראַכטען פון דעם, אז זי, רחל אַליין, איז נאָך מיידעלש... זי ווייס ניט דעם אמת'ן טעם פון אַ מוטער.

און נאָך אַ זאַך איז געוועזען ביי רחל'ען אויפ'ן געדאַנק: תמיד ווען זי בלייבט אַליין אין הויז, אויף דער דאָזיגער פרעירי טראַכט זי וועגען דעם.... און ווען זי טראַכט פון דעם ווערט איהר פּנים בערויטעלט און באַלד געהט אוועק דאָס רויטע און אַ צאַרט בלאַסקייט קומט אָן.

זי האָט דאָך נאָך ניט געפיהלט דאָס וואָס אַ מוטער פיהלט...

ער וואַרפט די שולד אויף איהר... און זי... —

„זעה נאַר! אַ קאָפּ פון אַ פערד אין פענסטער!" — האָט רחל ווי צו זיך אַליין אויסגעשריען, און אַ וואָרף געטאָן אַלעס אין קיך און איז ארויס אין דרויסען.

און עס איז געוועזען, ווי מען עפענט אַ טיר פון אַ וואַרעמער הויז אין אַ פראָסטיגען טאָג און מען קומט ארויס אויף דרויסען און עס כאַפּט אָרום דער פראָסט, אַזוי האָט עס רחל'ען ארומגעכאַפּט און עס איז איהר

געוואָרען קאַלט אין יעדען אבר, ווען זי האָט דערזעהן אונערוואַרטעט יאָהאַנ׳ען זייער שבן עלקינס׳עס זוהן אויף זיין פערד און דבורה׳ן האָט ער געהאַלטען אין זיינע אָרעמס.

פרוי גאָלדענבארג׳ס פאַנטאַזיע האָט זיך געהיצט און אין איין צעהנ־טעל פון א רגע האָט זי איבערגעטראַכט טויזענדער געדאַנקען.

יאָהאַן האָט בעמערקט רחל׳ס צושראָקענעם פּנים און האָט געטאָן א ליכטען בויג מיט זיין קאָפּ, און מיט א שמייכעל זי בערוהיגט:

— עס איז גאָרניט, זעהר ליכט...

— וואָס איז געשעהן? — האָט ערשט יעצט רחל זיך דערמאָנט צו פרעגען — וואָס איז פאָרגעקומען?!

— מוהמע — האָט דבורה זיך געפּרובט א הויב טאָן, און ווי זי וואָלט וועלען ארונטערשפּרינגען פון יאָהאַנ׳ס פעסטע אָרעמס, — מוהמע, נעמט מיך ארונטער. אין הויז וועל איך דערצעהלען...

פרוי גאָלדענבארג האָט צו איהר ברייט אויסגעשטרעקט איהרע האַלב־אָבגעדעקטע, רונדע הענד. זי א נעם געטאָן. דבורה האָט זיך ארומגעקלאַ־מערט ארום איהר מוהמעס נאַקען און האָט א לייכטען קרעכץ געטאָן.

פלינק ווי א פויגעל איז יאָהאַן ארונטער פון זיין זאָטעל, האָט א נעם געטאָן דבורה׳ן, און מיט א זעהר בעזאָרגטען אויסדרוק אויף זיין פּנים, נעהאָלפען אריינטראָגען דבורה׳ן אין הויז אריין.

מען האָט דבורה׳ן אריינגעלעגט אין בעט. רחל האָט זיך גענומען פאַרען ארום פוס. דאָס ערשטע האָט זי ארונטערגעצויגען דעם שוך זעהר פאַמעלעך און דבורה האָט זיך דערביי געצאַפּעלט פון וועהטאָג.

יאָהאַן האָט דערוויילּ, אביסעל פיהלענדיג זיך ווי איבעריג, דער־צעהלט ווי אזוי ער האָט געריטען אין פעלד, א קוה איז ביי זיי אין ערגעץ פערפאַלען געגאַנגען, איז ער זי געפאָהרען זוכען און פּלוצים האָט ער, הערר גאָלדענבאַרג׳ס נעפאָט געפונען.

דער פוס ביי דבורה׳ן איז געוועזען בלייך...

רחל האָט איהם גענומען ארומטאַפּען פון אלע זייטען און ווען זי האָט אָנגעריהרט דעם קנעכעל האָט דבורה א שטאַרקען קוויטש געטאָן. פרוי גאָלדענבארג האָט זיך אויף א רגע ווי דערשראָקען און איז באַלד אוועק אין קיך און שנעל צוריקגעקומען מיט א שיסעל קאַלטע וואסער און מיט א האַנדטוך, און אָנגעהויבען צולעגען קאָמפּרעסען אָפּ און אויף.

— דבורה לעבען, טו א הויב דיין פוס, — האָט זיך רחל גענומען בעטען.

דבורה האָט א הויב געטאָן דעם פוס און מיט א שאַרפען קלעם ביים האַרצען האָט זי איהם א דרעה געטאָן אַראָפּ און אַרויף. די פרוי גאָלדענ־באַרג האָט זיך צוגעבויגען מיט איין אויער צו דער בלייכער הויט פון פוס און זיך איינגעהערט. זי האָט גאָר ניט געהערט און האָט מיט שמחה אויסגערופען:

— דאַנקען גאָט, ניט צובראָכען, מוז זיין נאָר לייכט אויסגעלינקט. זאָג, — האָט זי זיך צוגעבויגען צו דבורה'ס פּנים, — פיהלסטו ערגעץ אַן אַנדער וועהטאָג? שעהם זיך ניט. דיין פעטער איז אויך שוין עטליכע מאָל אַרונטערגעפאַלען פון זאַטעל און עס האָט איהם ניט געשאַדט. — און זי האָט צוגעגעבען, קוקענדיג צו יאָהאַנ'ען — דער, וועמען ס'פערד וואַרפט ניט אַרונטער, איז גאָר קיין אמת'ער רייטער ניט...

יאָהאַן האָט א שמייכעל געטאָן און זיין גאַנצע געזיכט איז פער־פלאַמט געוואָרען מיט א רויטליכער שעמעוודיגקייט. און בכדי צו פער־שטעלען זיין פערלעגענהייט האָט ער זיך אָנגעבאָטען אָוועקצוריייטען נאָך דעם דאָקטאָר.

— איך דאַנק — האָט מאַדאַם גאָלדענבאַרג געזאָגט, — דער פערד־יונג וועט פאָהרען נאָך איהם.

— ער איז דען אין דער היים? — האָט זיך דבורה פערוואונדערט.

— וואָס, ער איז ניט געקומען מיט אייך צוזאַמען?! וואָס איז געשעהן?!... — פרעגט די פרוי גאָלדענבאַרג.

דבורה האָט קרעכצענדיג דערצעהלט:

— מא, ווייסט דאָך, איך האָב געריטען מיט איהם און נאָכדעם בין איך אוועק בעזונדער און ער בעזונדער... דאָס פערד האָט מיך אַראָפּגע־וואָרפען. און ווען ניט הערר יאָהאַן, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געוועזען...

פרוי גאָלדענבאַרג האָט פערבראָכען מיט די הענד און גענומען ברו־מען: „דער יונג", „אַזא יונג"... — און גענומען דורכדרינגליך קוקען דאָ אויף יאָהאַנ'ען, דאָ אויף דבורה'ן...

יאָהאַן האָט נעפלאַמט פון פערלעגענהייט און פון נאָך א טיעפערען געדאַנקען, וואָס האָט יעצט זיך אריינגעכאַפּט צו איהם אין האַרצען.

ער האָט נאָכאַמאָל פאָרגעשלאָגען אָוועקצורייטען נאָך דעם דאָקטאָר.

פרוי גאָלדענבאַרג האָט איינגעשטימט, נור מיט דעם בעדינג, אַז זי וועט עס רעכענען פאַר דער גרעסטער טובה... און אַז הערר גאָלדענבאַרג וועט איהם דערפאַר אָפּדיענען...

יאָהאַן איז אַרויס פון הויז, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן פערד.

דאָס פערד האָט זיך אָנגענומען מיט זיין נערוועזיטעט און האָט זיך גענומען טראָגען ווי אַ וויכער, און אַזוי ווי אַ וויכער האָבען זיך אויך גענומען טראָגען יאָהאַנ׳ס געדאַנקען. — איהם האָט דבורה דערצעהלט גאָר עפּעס אַנדערש... זי איז אַליין אַרויסגעפאָהרען אויף אַ שפּאַציער און אַרונטערגעפאַלען פון פערד... ווען זי וואָלט איהם דערצעהלט דעם אמת... זי האָט איהם ליגען געזאָגט... און איהר קערפּער האָט איהם אַזוי גערייצט דעם גאַנצען וועג... ווען ער זאָל געוועזען וויסען אַז דער פערד־יונג האָט זי מיטגענומען אויף דער פּרעירי און דורך איהם איז זי פעראונגליקט געוואָרען. — דאָרטען וואו מען גלויבט עפּעס, קען שוין געמאָלט זיין נאָך עפּעס... איהר קערפּער האָט איהם אַזוי גערייצט אַ גאַנצען וועג... און רייצט נאָך איצט און רייצט...

## י״ב.

די נאַכט איז געווען א שטאַק בלינדע.

מען האָט ניט געזעהן קיין בערג און קיין טהאָלען, קיין פלויט און קיין וועג, נור א געדיכטע שווארצקייט איז געלעגען ווי אָנגעפרעסט אויף דער ברייטער און ווייטער ערד.

דער פערד־יונג האָט אָבגעלאָזען דעם פערד זיינעם, ווייל ער האָט געוואוסט, דאס וואָס אלע ווייסען, אז א פערד האָט ליכטיגערע אויגען פון א מענשען און ער וועט טרעפען אהיים.

פון דעסטוועגען האָט ער מיט א פינסטערען געמיטה, וואס האָט שווארץ געפרעסט זיין הארץ, און מיט א צוהיצטען מוח, ניט אָבגעלאָזען זיינע חושים פון דעם וועג, וואָס האָט זיך אונטער דער געדיכטער פינס־טערניש געשפרייט.

ער האָט געוואוסט ווען דער פערד געהט בארג אראָפּ אָדער בארג ארויף, א טייבעל איז ער דורכגעגאנגען און אָט איז שוין די לעצטע היל־צערנע בריקעל צו דער היים. ער האָט ניט געזעהן די בריקעל, נור געהערט ווי דער פערד קלאַפּט מיט זיינע פיס אויף ברעטער.

און מחמת ער האָט זיך דערפיהלט נאָהענט פון דער חיים און האָט געוואוסט אז עס וועלען איהם בעגעגענען פיער אויגען, און אז ער האָט גאָרניט וואס צו דערצעהלען... איז איהם געוואָרען שווער.

קען ער דען אריינקומען און זאָגען, אז דבורה איז טויט?

קען ער דען אריינקומען אין הויז און זאָגען אז זי לעבט?

קען ער דען אריינקומען אין הויז און זאָגען צוויי ווערטער, מיט וועלכע ער זאָל אויסדריקען זיין שמערץ?

קען ער דען אריינקומען אין הויז און שווייגען?

וואו איז איצט דבורה?.. די ליעבע דבורה!..

ער איז שוין באלד משוגע פון צו טראַכטען, און עס איז קיין האָפ־נונג ניטאָ....

ער מוז דאָך אהיים קומען. עס איז ניט געוועזען קיין פּלאַן צו בלײַבען אויף דער פּרעירי איבער נאכט, ווי ער האָט פון אָנפאַנג בעשלאָסען.

ניין, ער מוז אהיים קומען און דאַן אוועק צוריק אויף די פעלדער און ארומגעהן און זיך איינהערען אין דער פינסטערער נאכט אריין, אפשר וועט ער איהר קול פון ערגעץ א טהאָל אָדער א בארג אויפכאַפּען.

נאָר ווי אזוי קומט מען אהיים? ער מוז זיך נור מיט א שטיין זיין קאָפּ צושטויסען פאר דער טיר פון די גאָלדענבארגס און זאָל זיי גאָר ניט דארפען דערצעהלען.

מיט אמאָל האָט געטאָן א שיין עפּעס א ליכט פון ערגעץ ווייט. עס האָט איהם געטאָן א קלאַפּ אין הארצען.

אָט איז די היים!....

און די ליכט קומט אלץ נעהנטער. אָט איז עס שוין גאָר נאָהענט.

די גאָלדענבארגס, פרוי און מאַן, מוזען דאָרט שטעהן ביי דער טיר. זיי הערען מן הסתם דאָס טאָפּקען פון פערד און זיי שטעהען שוין אָנגעגרייט איהם צו בעפאַלען מיט וועה־געשרייען...

נור וואָס איז דאָס?!... די ליכט האָט זיך פערדרעהט אין א זייט.

מן הסתם איז די הויז אָן דאָרט, אין יענער זייט. ער נעמט שוין אָן די לייצעס אין זיינע ציטרינגע הענד און פערקירעוועט אין יענער זייט, צום ליכט.

אָט איז ער שוין דאָ. א פּחד פאַלט איהם אָן:

עפּעס בילט דער הונד ניט...

אפשר איז הערר גאָלדענבארג ארויס אויף דער פּרעירי מיט דעם הונד, זיי אויפצוזוכען.

און אזוי טראַכטענדיג, טוט ער א קוק אז די ליכט איז גאָר פון הינטען. ער איז זי שוין אריבערגעפאָהרען.

ווערט ער שוין אין כעס אויף זיין פערד, וואָס רייסט זיך אויף פאָרווערטס, און ער טהוט א ריס מיט די לייצעס, די צוים טהוט אזש א קלונג אין פערד׳ס מויל, און נעמט זיך יאָגען נאָך דעם ליכט אויף צוריק.

יאָגט ער זיך און יאָגט זיך, און דאָס ליכט ענטלויפט אלץ פון איהם. ווייל ער זיך ניט גלויבען אז די ליכט ענטלויפט און ער נעמט זיך נאָך שטאַרקער יאָגען נאָכ׳ן פייער. און ערשט ווען ער האָט דערהערט אז זיין פערדעל פּלוכקעט זיך אין וואסער, איז איהם געקומען אויפ׳ן געדאַנק די

מיאזמא, וואָס צינדט זיך דאָ אָפּט אָן אין די פינסטערע נעכט און אויף וועלכע די שכנים גלויבען. אַז דאָס פאָהרט אַזוי ארום איבער דער פרעירי אַ שד מיט אַ לאַנטערנע אין האנד...

דאַן איז ערשט אַ פּחד אויף דעם פערדיונג אָנגעפאַלען, ווייל ער איז אַראָפּ פון וועג און ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך אין דער דאָזיגער בלינדער פינסטערניש — האָט ער נאָך אַמאָל אָבגעלאָזען דאָס פערדעל און דאָס פערדעל האָט געריטען איבער טהאָל און איבער באַרג, ביז עס האָט דער פערד־יונג דאָס בילען פון גאָלדענבאַרג׳ס הונד דערהערט.

עפּעס איז געוועזען אָהן אַ גרענעץ היימליכעס און טרייעס אין דעם דאָזיגען לאַנגלעך טרויעריגען בילען, און אַ וואַרעמקייט האָט פון דעם גענומען שטראָמען אין זיין הארץ אריין.

ער איז צוגעקומען צום הויז, איז אַראָפּ פון פערדעל, האָט איהם אריינגעלאָזען מיט׳ן זאָטעל אין שטאַהל אריין, און אליין איז ער אריינ־געפאַלען אין הויז ניט טויט ניט לעבעדיג.

די מענשען פון הויז האָבען זיך אַלע מיט פרייד אַ הויב געטאָן פון זייערע פּלעצער, זיינען איהם אקעגען געלאָפען.

דבורה איז אויף ארונטער פון בעט, ניט בעמערקט פון די הויזיגע.

זי איז ארונטער — ווייל אַלעס איז געקומען צוריק מיט דעם פערד־יונג׳ס אומקעהרען....

פון שטאַרקען אונבעוואוסטען שפּרונג, איז דער קנעכעל פון איהר לינקען פוס געקומען אין זיין אָרט...

— וואו ביזטו געוועזען ? !

— וואו ביזטו געוועזען ? !

און מיט גרויס מיה האָט מען דבורה׳ן צוריק אריינגעלעגט אין בעט.

דער יונג האָט דערציעהלט, ווי די „מיאזמא“ האָט איהם ארומגע־פיהרט איבער דער פרעירי.

דבורה און פרוי גאָלדענבאַרג האָבען געלאַכט. מען האָט זיך פערגע־סען אויף אַ ווייל אָן אַלעס און אַלע האָבען הארציג געלאַכט.

פרוי גאָלדענבאַרג האָט, ווי תמיד, אויפגעכאַפּט נאָך אַ מין שוואַכ־קייט פון „די מענער“: „זיי פערלירען זייערע קעפּ ווי עס קומט צו עפּעס....“

און טאַקע באַלד איבערדערצעהלט שוין צום הונדערטען מאָל, ווי דער איינגענער יונג האָט זיך דערשראָקען, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל די מיאַזמאַ דערזעהן, ווי אַזוי ער איז אַריינגעלאָפען אין הויז מיט אַ געשריי: „הערר גאָלדענבאָרג, עמיץ פאָהרט אַרום אין פעלד מיט אַ לאַנטערנע!“ כאַ, כאַ...

— געוג שוין, גענוג, רחל — האָט הערר גאָלדענבאָרג גענומען זיך בייזערען, — גוט איז דיר, אַז מען האָט דיר דערצעהלט וועגען דער מיאַזמאַ... וואָס איז דאָ צו לאַכען!...

דער פערד־יונג האָט טיעף אין הארצען הנאה געהאַט וואָס מען לאַכט אין הויז: — „עס איז אויסגעגאַנגען צום געלעכטער.“

דבורה האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען ניט צו לאַכען, כאָטש דער פוס האָט איהר זעהר וועה געטאָן, און נאָך מעהר האָט איהר וועה געטאָן פון דעם, וואָס ניט ער — דער יונג, נאָר יאָהאַן האָט זי אַהיים געבראַכט...

אין איהר הארצען האָט זיך גענומען אויפוויקלען עפּעס אַ געפיהל פון עקעל, אַז זי האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט זיך געוויעגט אין יאָהאַנ׳ס שוים...

דער הונד אין דרויסען האָט אַ ביל געטאָן.

— מען פאָהרט!

— דער דאָקטאָר!

עס האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט. יאָהאַן מיט דעם דאָקטאָר זיינען אַריין.

עס איז געוואָרען אַ גערודער פון ביינקלאַך, פרוי גאָלדענבאָרג האָט דעם קנויט אין לאָמפּ אַביסעל העכער אַרויסגעדרעהט.

דער דאָקטאָר, אַ נידעריגער און גראָבלעכער, מיט גרויסע הענד און פערגרעבטע ברייטע פינגער, איז צוגעקומען גלייך צו דער קראַנקער דבורה.

און ווען ער האָט גענומען אַרומטאַפּען דבורה׳ס לינקען פוס מיט זיינע פּלאַציגע און מאַסיווע פינגער, זיינען אַלע אַרום געשטאַנען און שטום געוואָרט.

דבורה׳ן אָבער האָט זיך פּלוצים געוואָלט אַרויסשיסען אין אַ קייכענדען געלעכטער, אַזוי, האָט זיך געדאַכט, מיינט אויך דער פערד־יונג צו טאָן.

יאָהאַן האָט זיך מאָדנע געפיהלט. ער האָט ערשט איצט „דערזעהן" דעם פערד־יונג. און גערדאכט האָט זיך איהם אז ווי באלד ער זאָל אזוי אוועקגעהן, ווי ער האָט זיך ערשט פריהער מיט א ווײלע פאַרגענומען, וועט ער האָבען א גרויסען שטיין אין וועג...

ווען יאָהאַנ׳ען פלעגט אויסקומען צו זיין ביי די גאָלדענבארגס אין הויז, איז אָט דער אידישער יונג תמיד געווען אן אָפּגעזונדערטער, ניט ווי קיין מיטגליעד אין דער פאַמיליע, און איצטער אָבער האָט דאָס איהם גאָר אַנדערש אויסגעזעהן...

און יאָהאַן האָט זיך אינסטינקטיוו טאַקע געהאַלטען אָן א זייט. עס האָט געהייסען אז ער נעמט אַנטייל, אָבער ער אַליין האָט געזוכט עפּעס א וועג, וואָס שנעלער צו ענטלויפען פון דעם דאָזיגען הויז. און איין וועג איז געווען פאַר איהם, אַז דער דאָקטאָר זאָל וואָס גיכער אָפּפּראַווען זיינע צערעמאָניעס.

עס האָט גענומען דעם דאָקטאָר זעהר פיעל, ער האָט זיך איבערגע־בויגען צו דבורה׳ן און מאָדנע געפּרייכט און געקרעכצט, בעקוקט יעדער אָרט עטליכע מאָל און די בלויע אָדערלעך אין דבורה׳ס וויים־בלייכען פּוס האָט ער זעהר פּאַרזיכטיג איבערגעקוקט, ווי ער וואָלט זיי וועלען איבערצעהלען.

פון דעסטוועגען האָט ביי יאָהאַנ׳ען נאָך געטאָן א בליץ א מין פער־לאַנג. — דער דאָקטאָר זעהט אויס צו זיין זעהר ערנסט. אפשר איז טאַקע א צובראָכענע פּוס.... פאַר איהם וואָלט עס בעסער געווען, און זי דבורה איז א יונגע און עס וועט זיך ביי איהר שנעל אויסהיילען, אָבער עס זאָל זיין א בראָך.

דער יונג האָט גענומען רעדען צום דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט גאָרניט געזאָגט. נאָר מיט זיין ברייטער דאָלאָניע זיך א וויש געטאָן זיין קליינעם שטערען.

דבורה האָט עס בעמערקט און, גאָר פּלוצים, פאַר זיך אַליין געמאַכט א פערגלייך; דעם פערד־יונג׳ס שטערען מיט דעם דאָקטאָר׳ס.

און דבורה׳ן האָט זיך גענומען דאכטען, אַז זי איז די איינציגע, וואָס זעהט אין דעם פערד־יונג עפּעס איין אַנדערען ווי אַלע האָבען איהם ביז איצט געקענט.

## י"ג.

אזוי גיך ווי דער דאקטאר האט געהאט די געלעגנהייט ארייגצוכאפען דאס קנאקעדיגע פינפערל און עס מיט א געמאכטע נאכלאזיגקייט אריינצורוקען אין איינעם פון זיינע קעשנעס, האט ער געזאגט:

— גוטע נאכט, יאה, ווי גאט איז זיי ליעב, פריילין, נים ארונטערצוגעהן עטליכע טאג פון בעט, א גוטע נאכט!

יאהאן האט אויך עפעס אונטערגעברומט, האט האסטיג זיין הוט אנגעטאן און איז אויך ארויס.

א שטיק וועג איז יאהאן געפאהרען אין איינעם מיט'ן דאקטאר. און ער האט דעם דאקטאר דערצעהלט פון זיין העלדישקייט, ווי אזוי ער האט געפונען די פריילין, און ער האט דעם דאקטאר אויך דערצעהלט אז די האנד פון דער פריילין ווערט איהם געגעבען אלס לוין פאר זיין העלדישקייט. נאכדעם האט יאהאן פערקירעוועט אן א זייט און גענומען רייטען אהיים.

רייטענדיג איינער אליין, האט ער זיך געגעבען חשבון מיט וואס פאר א רעכט ער האט דאס אזוי געמעגט דעם דאקטאר זאגען....

פונדעסטוועגען האט ער ביי זיך בעשטימט אז אזוי וועט עס בלייבען. דער פערדיונג איז דאך א פרעמדער און ער וועט מן הסתם באלד פערביטען ווערען אויף אן אנדער יונג. און ער, יאהאן, איז דא אויפגעוואקסען און וועט דא, אויף דער פרעירי, שטארבען... הערר גאלדענבארג ווייסט דערפון און ווייסט אויך וואס פאר א בעל הבית ער איז, ניט מעהרער ער קען עס ניט ארויסווייזען ביי זיין טאטען. קומט ער אבער אין בעריהרונג מיט א היינטוועלטיגען מענשען און מיט מאדערנע איינריכטונגען, וועט ער ארויסווייזען וואס ער קען.

היינט דערצו נאך דבורה!....

ווען ער איז אהיים געקומען האט ער געפונען די קוה שטעהן ביים שטאהל, דער גרויסער לאנג-האאריגער הונט „טאיג" איז איהם אקעגן

געקומען און געשפרונגען אויף איהם. יאהאן האט די קוה אריינגעלאזען אין שטאהל, „זי איז געוועזען אין יענעמ׳ס שאדען", האט ער א טראכט געטהאן, „א פולען בויך מיט פרעמדענ׳ס שוויים..." ער איז נאכדעם אוועק אין הויז, וועלכעס איז געוועזען נאך פינסטערער פון דער נאכט. זיין פאטער און ברודער זיינען שוין געשלאפען ווי דער׳הרג׳עטע.

אויף מארגען איז ער אוועק אין שטעדטעל, נאכדעם ווי ער האט זיין פאטער אפגענארט, אז ער האט די קוה געפונען עט שפעט אין אבענד צעהן מייל ווייט פון דער היים.

אין שטעדטעל האבען איהם שוין א פאאר חברים אבגעגעבען „קרעדיט" פאר זיין העלדישקייט.

עס איז אויך אונטערגעקומען „באב", א לאנגער, דארער בחור מיט א וויסען ברייט־ברימיגען הוט און מיט לאנגע שטיוועל אויף זיינע לאנגע פיס.

„באב" איז דער געהיימער רעפארטער פון שטעדטעלדיגען בלאט־צייטונג, און דערפאר האט ער אויסגעשטרעקט זיינע גרויסע אויערען און זיך איינגעהערט וואס די „באים" שמועסען.

— האסט גליק! — האט איינער געזאגט.

א צווייטער האט געפרעגט:

— איז זי טאקע געלעגען צושטרעקט אויף דער פרעירי?

— פלוצים, איך טו א קוק, עס ליגט עמיץ.... — הויבט אן יאהאן אפצומאהלען ווי ער האט דבורה׳ן געפונען, — איך שפרינג ארונטער פון פערד און טו א קוק — עס איז דבורה גאלדענבארג׳ס.

— וואס האט זי געטהאן? — פרעגט איינער.

און א צווייטער:

— האט זי זיך דערשראקען?....

— איך האב זיך דערשראקען, — כאפענדיג, ווי וועלענדיג עפעס פערבארגען, ענטפערט יאהאן, — ניט פון היינט אז איך רייט אויף דער פרעירי און גאר פלוצים האסטו דיר א מיידעל. און זי טוט אויף מיר א קוק — „באים", איך זאג אייך — איך וועל אייביג ניט פערגעסען יענעם קוק.

— און וואס האסטו געטהאן?... — פרעגט איינער.

און א צווייטער:

— איך מיין אז האסט עפעס געטהאָן, צו ניין?....

— איך האָב זי אויפגעהויבען פון גראָז, זי האָט זיך ארום מיין האלז איינגעפלאָכטען, — האָט יאָהאַן מיט עקסטאַז דערצעהלט, — „ביי־דזשימיני“! זי האָט מיך שיער ניט דערוואָרגען. מיט איין האנד האָב איך זי ארום איהר גאַרטעל גענומען און מיט דער צווייטער האָב איך זיך אין האָרען פון זאָטעל אָנגעכאַפּט.

— עס האָט געמוזט זיין שווער? —

— ביי מיר שווער, — ריהמט זיך יאָהאַן, — זי איז געוועזען לייכט ווי א פעדער, נאָר איך האָב מורא געהאַט איהר פוס, דעם צובראָכענעם, ניט צו פערצעפּען.

— טאָקע צובראָכען איהר פוס, — שטעלט אריין „באָב“.

— ניין, עס האָט זיך ארויסגעוויזען נאָכדעם אז דער פוס איז גאַנץ.

— א יונג האָט גליק! — זאָגט איינער.

און א צווייטער:

— די גאָלדענבאַרג'ס האָבען דיך, פערשטעהסט זיך, גוט און פיין בעלאָהנט. די אידען זיינען זעהר מילד אין אזוינע פעלע....

יאָהאַן האָט זיך דאָן אוועקגעשטעלט מיט ביידע הענד אין זיינע הויזען קעשענעס און ברייטלאַך געזאָגט:

— קיין לוין, וועלכען מען וועט מיר געבען, וועל איך ניט נעהמען, חוץ איינעם....

— די מיידעל!.... — כאַפּט אונטער „באָב“, און טוט א מאָדנעם פּאַרדרעה מיט זיינע גרויסע אויגען אין א זייט אריין.

— דאָס וועל איך אליין מיט מיינע הענד נעהמען, — האָט יאָהאַן געזאָגט, און זיין פּנים האָט זיך פעררויטעלט, — און דאָס איבעריגע וועט שוין קומען, אליין....

---

אויף מאָרגען, פרייטאג, איז ערשיענען דאָס וועכענטליכע בלאַט פון שטעדטעל, און צווישען די היימישע „טאָפּיקס“ איז געווען דאָס פאָלגענדע:

„יאָהאַן עלקינס האָט, רייטענדיג אויף דער פּרעירי, געפונען ליגען א גע'חלש'טע מיידעל. ער האָט זי אָפּגעמינטערט און דערקענט אז דאָס איז א מיטגליעד פון הערר גאָלדענבאַרג'ס הויז. זי האָט איהם דערצעהלט

אַז זי איז אַרונטערגעוואָרפען געוואָרען פון אַ בראָנקאָ און פּיהלט אַ וועהטאָג אין אַ פוס. ער האָט זי אין גאָלדענבאַרג׳ס הויז אהיים נעבראַכט, און אַלם דאַנקבאַרקייט וועט די מיידעל מיט איהם הייראַטהען... וואו יאָהאַן וועט זיך נאָכדעם בעזעצען ווייסט מען נאָך ניט, נאָר געוויס וועט ער זיין אויף גאָלדענבאַרג׳ס ערד, ווייל די גאָלדענבאַרג׳ס האָבען ניט קיין קינדער....“

## י"ד.

דאָנערשטאג איז מען ביי גאָלדענבאַרג'ען אין הויז אויפגעשטאַנען גרייט צום טאָג ארבייט.

גאָר אין דער פריה איז דער פערד־יונג אוועק איבער דער פּרעירי, ער האָט זיך געיאָגט און געיאָגט, ביז ער האָט „קיטי'ן" געכאפּט מיט אַן איינגעבונדענעם זאָטעל ארום איהר בויך. „קיטי" איז געבראכט געוואָרען אהיים און דער פערד־יונג האָט זי בעשטראָפט מיט דעם ווייכען געפלאָכטענעם בייטש, און זי שטעהט שוין ווייטער אין שטאַהל א גוטינקע און א קלוגינקע.

מען האָט דעם „איבערבייסען" מיט הייסער שווארצער קאַווע פערטרונקען, און נאָך אייניגע מינוטען בעראַטהען זיך פון הערר גאָלדענבארג מיט אייזיק'ן, און נאכדעם ווי פרוי גאָלדענבאַרג האָט פערזיכערט, אַז דבורה'לע איז אין בעסטען אָרדנונג און זי קען בלייבען מיט איהר אליין, זיינען ביידע מענער ארויס שניידען דעם ווינטער ווייץ.

צו מיטאג צייט זיינען זיי אהיים געקומען מונטער און דורכגעוועבט מיט זונען און ווייץ קאָלירען.

ביים טיש איז געוועזען פריילאך, מען האָט מיט הארץ געשלונגען דעם רוהבהארב קוכען. דער פערד־יונג האָט בעמערקט:

— אויף רוהבהארב אליין וואָלט איך מיין לעבען געקענט אויפ־האַלטען!.... — פון וואָס מען האָט זעהר פיעל געלאַכט.

דבורה האָט זיך גענומען בעטען מיט עקשנות אַז מען זאָל איהר לאָזען אין פעלד אריין.

„זי האָט ליעב צו בינדען ווייץ..."

און אַז מען האָט איהר געזאָגט אַז מען דאַרף ניט בינדען מיט די הענד, די מאַשין וואַרפט שוין ארויס פאַרטיגע גאַרבען. —

— טאָ לאָז זיין אויפצושטעלען די בינטלאך אין די שאָקען...

האָט מען ניט געקענט צוזעהען דעם צער פון דער מיידעל און מען

האָט איהר צונעזאָגט, אז קומענדע וואָך שניידט מען די אַלפאַלפאַ, וועט זי ארבייטען מיט דעם שאַרער.

— איך וועל שאַרען די אַלפאַלפאַ! איך וועל שאַרען די אַלפאַלפאַ!

— האָט דבורה געהאַלטען אין איין זינגען, כאָטש זי האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס איז פאר א מין, אָט די אַלפאַלפאַ.

די מענער זיינען אוועק אין פעלד אריין.

די זון האָט געוועבט דאָס אייביגע געוועב פון גינגאָלד פעדעם אויף דער פרוכפערישער אויבערפלעכע פון ערד און וועגעטאַציאָן.

עס האָבען די ברויטען קעפלעך ארויסגעלאָזען, עס האָבען די ברויטען בערדלאָך אָנגעהויבען צו שפּראָצען, עס האָבען די ברויטען רייף צו ווערען אָנגעהויבען — און דער ווינטער־ווייץ שטעהט ווי א קעניג צווישען אַלע ברויטען. ער איז דער זקן און דער הויפּט שפּייזער פון דער וועלט.

דער פעררדיונג האָט געשניטען מיט דער מאַשין און הערר גאָלדענבארג איז נאָכגעגאַנגען מיט א צוויי־צעהניגען גאָפּעל און די גאַרבען אין שאָקען אויפגעשטעלט.

דאָס גאַנצע פעלד האָט אויסגעזעהען ווי צוטיילט אין צוויי לאַגערן.

די פּאַרטיגע, אויפגעשטעלטע שאָקען, האָבען אויסגעוויזען, ווי קליינע גאָלדענע הויפענס מיט ענערגי. די אַלע נשמה׳לעך פון איטליכער זאַנג בעזונדער האָבען זיך צוזאַמענגעבונדען און ליגען איינס אין דאָס אַנדערע איינגעפּרעסט ווי איין גאָלדענער הויפען.

אין א צווייטען לאַגער זיינען געשטאַנען די איינציגע, נאָך ניט אָבגעשניטענע, הויכע און דינע זאַנגען, מיט זייערע בעבערדעלטע לאַנג־ליכע קעפּלאָך לייכט און רונד איינגעבויגען, ווי זיי וואָלטען מיט בענקשאַפט געקוקט צו זייער מוטער, די שוואַרצע ערד, און געוואַרט אויף דער מינוט ווען זיי וועלען פון זייער שטאַם אָבגעשניטען ווערען.

וועלכע ווינטען וועלען נאָכדעם בלאָזען אויף זייערע נאַקעטע, טרוקענע שטאַמען? און אויף וועלכע ערדען און אין וואָס פאר א לענדער וועלען די קערענדלאָך ווידער אויפלעבען?....

## ט"ו

דאָס איז געוועזען פאַרנאַכט. הערר גאָלדענבאַרג און אייזיק זיינען אַהיים פון פעלד געקומען. אייזיק האָט געפיהרט די פערד און גאָלדענבאַרג איז געגאַנגען ביי זיין רעכטער זייט מיט דעם ליידיגען וואַסער־קריגעל איבער זיינע אַקסלען.

זייער געשפּרעך האָט זיך געדרעהט אַרום דעם: „פאַר וואָס דער פערדיונג האָט ניט געענדערט זיין פּלאַן?"... און וואָס פאַר אַ צוועק איז דאָס פאַר גאָלדענבאַרג'ען געוועזען ביז איצט צו בויען זיין היים אָט דאָ אין דער ווייטער וועסט?"...

דער פערדיונג האָט געהאַלטען זיינע אויגען פאַר זיך און גערעדט מיט היטץ:

— נענוג דריי יאָהר. ניט די מיטעל פאַר מיין צוועק האָבען מיך דאָ געהאַלטען אַזוי לאַנג. ניין! ערשטענס, האָב איך אייער הויז זעהר ליעב בעקומען, און איך האָב ניט געקענט קומען אויסכאַפּען מיינס און אַנטלויפען. איך האָב געוואָלט, אַז עס זאָל פון מיין זייט אָט־אָ־דאָ בלייבען עפּעס... צווייטענס איז ביי מיר געווען אַן אַנדער מיין, איך האָב געוואָלט זעהן צו קען איך ביישטעהן דעם נסיון.

— איך פערשטעה ניט, ווען איהר פאַהרט גלייך פון וואַנען איהר זייט צום ערשטען אָבגעריסען געוואָרען, — האָט גאָלדענבאַרג געזאָגט.

— איהר פערשטעהט, איינמאָל אויסגעריסען אַ בוימעלע פון זיין ערד.... אָבער איצט וועט שוין זיין שווער.

— דאָס איז מיר אינטערעסאַנט, איך וועל זעהן צו עס וועט מיר זיין שווער.

— קינדיש, קינדיש! ווילט איהר אַ היים בויען, וואו איהר זאָלט קענען אומעדום טרעטען מיט אייערע פיס און זאָגען: „עס איז מיינס!" איז נישטאָ קיין זעהר גרויסער דיפערענס וואו עס זאָל ניט זיין, דאָ אָדער אין אייער פּאַלעסטינאַ.... פאַרקעהרט, דאָ האָט איהר מעהרער

גוטע שאנסען... ערד, א פרוכטבארע, איז צו בעקומען. הײנט די מאשינען און געמערק....

— בײ מיר איז יא דא א גרויסער, א גאר גרויסער דיפערענס, — האט אײזיק כמעט ווי אויסגעשריען דעם ווארט „דיפערענס".

— מיט וואס?

— פרעגט בײם אלטען עלקינס.

— וואס האט ער צו זאגען אויף מײן הײם.

— אט, אט, ער זאגט עס עפעס זיכערער: „אט דא וואו איך טרעט איז מײנס!"....

— זאגט אויך זיכער, ווער לאזט אײך ניט.

— פון מיר איז אפגערעדט. איך וועל עס ניט זאגען, ווײל איך פיהל, אז עס וועט ניט זײן געזאגט....

אײזיק האט נאך געהאט אײניגע טיעפערע ארגומענטען, אבער ער האט ניט געוואלט אנריהרען א וואונד אין הערר גאלדענבארג'ס נשמה...

נאר אז עס איז געקומען פרײטאג פארנאכט, און אײזיק האט, ווי תמיד, די שנײד־מאשין פון פעלד אויף שבת אהײם געבראכט און זי אין דעם מאשין־הויז ארײנגעשלעפט, האט ער מיט זיך אלײן געטראכט, אז אזוי וועט ער זיך פיהרען דארט...

אין פאלעסטינא וועט עס האבען א טעם: אין די רוהע־טעג זאלען רוהען אויך דײנע בהמות און אויך דײנע מאשינען....

בײ אלעמען ארום און ארום וועט עס אויך אזוי זײן.... אבער דא האט עס ניט קײן זין. אײנער און אײנציגער אויף אזא ווײטער פרערי, און אז עס קומט שבת לאזט מען איבער א קלײן שטיקעל ווײץ ניט דערשניטען....

„גוט איז איהם, וואס ער האט ניט קײן קינדער, האט אײזיק ווײ־טער געטראכט, ווי צווײ פרושים זײנען זײ אט א דא פערווארפען..... און וואס איז א הײם אהן קינדער?..... און ווי קען זײן א הײם אהן א סביבה?!...."

---

הענריק עלקינס האט זונטאג געלעזען די „גלאדסטאנער פרעסס" און אויסגעפונען אין די טאפיקס וועגען זײן ברודער יאהאן און דאס מײדעל דבורה גאלדענבארג'ס.

אַ שלעכט אויג האָט ער געהאַט אויף זיין ברודער פון תמיד, האָט ער איצט אויף איהם אָנגערעדט צו זיין פאָטער, דעם אַלטען עלקינס...

דער אַלטער איז געוואָרען אַן אָנגעצונדענער:

— צו אַלע ניין און פערציג טייוואָלים! מיט וועמען האָט ער עס אָנגעהויבען!.... איך האָב געוואוסט אז קיין גוטעס וועט פון זיין חבר'שאַפט מיט דעם אידען ניט ארויסקומען!... איך וועל זיך דאָך שעהמען מיין פּנים אין גלאַדסטאָן ארויס צו ווייזען!....

יאָהאַן איז דאַן געוועזען אויפ'ן הויף און געפּוצט זיין פערדעל מיט'ן קעמעל און בארשט.

דער אַלטער איז ארויס צו איהם, אין זיין הארץ האָט עפּעס א הייזעריגער כעס געזאָטען. ער האָט זיך צוריק געקעהרט אין הויז אריין, נאָך אמאָל איבערגעפרעגט הענריקען:

— ווי איז דאָס געוועזען, זאָגסטו?!

— זי איז געלעגען אין פעלד, האָט זי יאָהאַן געפונען און אהיים געבראַכט, און דערפאַר בעקומט ער די מיידעל אַלס זיין ווייב און לאַנד פיעל דערצו....

דער אַלטער איז ווייטער ארויס אין דרויסען, מיט זיין „דזשימי־פייפ" אין מויל, האָט פארלייגטביידע הענד אויף הינטען, און ווי א קאַץ צו א מויזען־לאָך, איז ער מיט שטילע, קליינע טריט צוגעגאַנגען צו זיין זוהן יאָהאַן, און פּלוצלונג אויסגערופען:

— גוטער מאָרגען, הערר יאָהאַן!

יאָהאַן האָט תמיד ניט געמאַכט קיין סך רייד מיט זיין פאָטער, און איצט, אז ער האָט דערפיהלט די סאטירישע ווענדונג, האָט ער זיך אפילו ניט אומגעקוקט צו איהם.

האָט דער אַלטער א שטויס געמאָן זיין זוהן אין פּלייצע:

— איך זאָג אייך גוטען מאָרגען, גנעדיגער הערר!

יאָהאַן האָט זיך א האסטיגען דרעה געטהאָן מיט זיין גאַנצען דינעם און שלאַנקען גוף:

— נאָר ניט געשטויסען, פּאָפּ! איך וויל ניט מען זאָל מיך שטויסען אין פּלייצע!

— הא, הא, שוין בעקומען פליי אין דער נאָז!

— מעג זיין פליי, אָבער איך וויל ניט מען זאָל מיך שטויסען!

— ניין און פערציג טייוואַלים זאָלען דיך שטויסען, הערסט! — שרייט אוים דער אַלטער, אויפהויבענדיג זיין רעכטע האנד מיט א הארטען פויסט צו יאָהאַנ׳ס פּנים, — איך וועל דיר ווייזען צו זיין א העלד און זיך איינצוקויפען אין אידען׳ס הויז אריין....

— איך וויים ניט וואָס איהר רעדט, פּאַפּ, און גלויב אז איהר אליין ווייסט אויך ניט פון וואָס איהר רעדט און ——

— שווייג! איך צוברעך אין דיר א יעדען ביין!

— האַפּ! — טוט יאָהאַן א מאַך צו זיין פאָטער, אַסוראַט ווי ער וואָלט אָבשטעלען א צואווילדעטען פערד.

— „האַפּ" זאָגסטו, — האָט דער אַלטער אויסגעגלאָצט זיינע גרויע אויגען, און די גרויליכע לאַנגע ברעמען האָבען זיך אויסגעשפּיצט, — „האַפּ" זאָגסטו? !....

און עלקינס האָט אָנגעכאַפּט זיין זוהן מיט ביידע ברייטע הענד ארום האלז און איהם אָנגעהויבען טרייסלען אהין און אהער.

יאָהאַן האָט אוועקגעוואָרפען דאָס קעמעל און די באַרשט. זיין פּנים איז געוואָרען פלאַם־פייער, און מיט איין האנד האָט ער זיך אָנגע־כאַפּט אין זיין פאָטער׳ס צוקנעפּעלטען העמד, פון וואנען עס האָט ארויסגעשטעקט עלקין׳ס בעוואַקסענער ברייטער און פלאַטשיגער האלז און א שטיק פון זיין ברוסט־ביין.

א ווײַלע האָבען זיך פאָטער און זוהן געראַנגעלט.

און יאָהאַן האָט מיט דער הילף פון זיין לויזער האנד זיין פאָטער צו דער ערד אוועקגעלעגט און איז אליין אויך נאָכגעפאַלען.

פון אָנפאַנג איז יאָהאַן געווען פון אויבען. אָבער אין א ווײַלע ארום איז שוין עלקינס געלעגען אויף זיין זוהן, ווי א שפּין אויף א פליג, מיט זיינע ברייטע גראָבע פיס צושפּרייט און איינגעגראָבען אין דער גראָזיגער ערד און מיט זיינע הענד האָט ער אלץ פעסט געהאַלטען זיין זוהן ארום גלאַטען ווייסען האלז, און פון זיין ברוסט איז אלץ ארויסגעקומען א הייזעריג געבייזער:

— כ׳ל דיר ווייזען ווי זיך איינצוקויפען אין א הויז פון א טייוועל א אידען!.... מיין פּנים וועל איך ניט קענען ווייזען אין גלאַדסטאָן!....

יאָהאַן׳ס פערדעל איז זיך געשטאַנען א צוגעבונדענער צו א סלופּ און געקוקט, און האָט זיך איטליכעס מאָל געפּרובט אָפּרייסען, בעפרייען

פון סלופ און האט ניט געוואגט א שטארקען שלעפ טאן מיט זיין האלז...
דער הונד „טאיג" איז אנגעלאפען און זיך צולאזען אין א מורא'דיגען קייבינגען בילען.

דער הונד איז געשפרונגען דא צום אלטען עלקינס און דא צו יאהאנען, ווי ער וואלט זיי ועלען צורייסען, און ווייטער געבולען, און איז אוועק צום הויז.

הענריק איז ארויס א קוק טאן צו עס קומט עמיץ פון וועג, און ער האט דערהערט דאס הייזעריגע קול פון זיין פאטער. ס'הארץ האט איהם א זאג געטאן אז עפעס מוז דארט זיין. ער איז אוועק, דער הונד לויפט פון פארענט און בילט. הענריק האט די סצענע דערזעהען פון ווייטען, און א דערשראקענער איז ער צוגעלאפען, און זיך גענומען בעטען ביים פאטער: „פא, פא, פא!" — עס האט ניט געהאלפען.

איהם האט זיך געדאכט, אז זיין ברודער יאהאן איז בלייך ווי א טויטער, און באלד נאך א מינוט און זיין פאטער וועט יאהאנען דער־ווערגען, און אלץ צוליעב איהם איז דאס אלעס געשעהען. ווען ער זאל נים געווען דערצעהלען זיין פאטער, וואלט דאך געוועזען גוט.

עס איז איהם באלד ארויף אין געדאנקען אלעס וואס ער האט געהאט געגען זיין ברודער יאהאן. די שווערסטע ארבייט און די שמוציגסטע מוז ער טאן. יאהאן פאהרט זיך תמיד ארום ווי א ספארט אויף זיין פערדעל, יאהאן האט אלע שעהנסטע מיידלעך אויף דער פרעירי, יאהאן וויל גאר ניט טאן אין פעלד, ניט אין שטאהל, ניט אין הויז, זינט די זעליגע מוטער איז אוועקגעגאנגען אויף יענער וועלט... און איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, אז דער פאטער וועט צומאכען מיט זיינע אויגען, וועט יאהאן קומען צום גרייטען. ער איז קלוג און וועט שוין וויסען ווי זיך צו פיהרען; וועט איהם, הענריק'ן, גאר אין גאנצען ארויסשטופען...

נאר פון דעסטוועגען האט ער א קוק געטאן אין יאהאן'ס בלייכען פנים און ער האט זיך איינגעבויגען און אנגעהויבען צו שטופען זיין איינענעם קערפער צווישען דעם פאטער און יאהאנען.

עס איז איהם אבער ניט געלונגען זיי פאנאנדערצונעמען.

דאן האט הענריק זיך נאך אמאל אנגעהויבען צו בעטען ביי זיין פאטער:

— פא, פא, פא!

דערווייל האט יאהאן מיט זיינע לעצטע כחות געבריקעט מיט זיינע פיס אין פאטער'ס בויך אריין, און וואס מעהרער ער האט געבריקעט זיין פאטער, אלץ פעסטער און מיט מעהר כעס האט איהם דער פאטער נעוואָרגען.

הענריק האט א טראכט געטאן, איז אוועק אין שטאהל און באלד צוריקגעקומען, און מיט פערביסענע ליפען צווישען זיינע צייהנער, האט ער גענומען שמייסען מיט א לאנגער, ווייכער בייטש זיין פאטער איבער'ן קאפ.

---

עטליכע טאג נאך יענעם אינצידענט, זיינען אלע דריי, דער אלטער עלקינס און זיינע זיהן הענריק און יאהאן, ארומגעגאנגען ווי פרעמדע, ניט גערעדט און ניט געקוקט איינער צום אנדערען.

דער אלטער עלקינס איז געווען אין שטעדטעל, און עס איז איהם אויפ'ן וועג איינגעפאלען ארויסצולאזען א קלאנג אין שטעדטעל, אז ער פערקויפט זיין פלאץ און פיהרט זיך אריבער קיין קאנאדא.

ער האט זאגאר געשמועסט מיט דעם „ריעל-עסטייט" אגענט, אז וויבאלד עס וועט זיך טרעפען א קונה מיט פופצעהן טויזענד דאלאר, וועט ער איהם זיין פלאץ אוועקגעבען מיט אלעם און איטליכעם.

צוריק פאהרענדיג אהיים, האט ער זיך געטראכט: סאי ווי סאי מוז מען מאכען פלויטען. היינטיגע וועלט וויל נאר פלויטען! אמאל איז געוועזען פריי, מען האט ניט געדארפט וויסען וואו עס גרענעצט זיך איינעמס פעלדער. היינט וויל מען פלויטען...

אין קאנאדא וועט איהם זיין אזוי גוט ווי דא. אומעדום, וואו עס איז נאר דא א קריסטליכע נשמה דארף מען ניט קיין פלויטען....

און עלקינס איז גאר געוואָרען אן אנדער מענש. ער פלעגט זעהר פיעל רויכערען, איינס נאך דאס אנדער.

דער הויף איז איהם שטארק נמאס געוואָרען און האט איהם אנגעהויבען צו פעררדריסען. שוין אריבער פינף און צוואנציג יאהר אז עס וואלגערען זיך דארטען ארום אלטע וועגענער, צובראכענע רעדלאך און שטעקלעך פון אלטע פערראסטעטע מאשינען.

דער שטאהל איז איהם אויך נמאס געוואָרען, און ביי די חזרים פלעגט ער ווערען נערוועז, און ס'רוב ווערען אין כעס און אנכאפען א

חזיר'ל ביי איין אויער און עס דרעהען אין דער לופטען. און ווען ער האָט זיך אליין געפרעגט וואָס ער טוט, האָט עפּעס אין איהם געענטפערט:

— עט, ווינציגער מיט א חזיר'ל דעם פרעמדען רוח!

זיינע ברויטען האָט ער פערלאָזען, און זיי זיינען איצט, נאָך מעהר ווי תמיד, פערפיקעוועטע געוואָרען מיט ווילדע קריימעכער. איינציגע שויבען פון די פענסטער פון זיין הויז האָט דער האַגעל אויסגעקלאַפּט, האָט ער זיי מיט אלטע זעק פערשטעקט, וואָס עס האָט דער הויז צוגעגעבען איין אָבגעלאָזענעם ווילדען אויסזעהען.

און גערעכט האָט ער זיך געגעבען:

— ניין, איך וועל ניט דערלאָזען אידיש בלוט אין מיינע דורות אריין!....

ער איז נאָך מעהר פוילער געוואָרען, און פלעגט זיך לעגען שלאָפען פריה אין אָבענד און אויפשטעהן שפּעט אויפ'ן מאָרגען. די קיה פלעגען רעווען פון הונגער אין שטאַהל. די חזרים פלעגען מאכען געוואלדען און די פערד פלעגען קלאַפּען אין די דילען פון שטאַהל מיט זייערע פיס.

— זאָל שוין קומען דער קונה! — איז געוועזען דער איינציגער געבעט, וואָס דער אַלטער עלקינס פלעגט מורמלען אויפשטעהענדיג און לייגענדיג זיך....

און צו זיין פערטרויאונגס זוהן, הענריק, האָט ער אזוי איינמאָל געזאָגט:

— אין קאַנאַדאַ איז נאָך דאָ און דאָ א סך לענדער, וואָס דער טייוועל האָט נאָך ניט אָנגעריהרט.... איך וויל שוין מעהר ניט טאָן נאַרגיט. איך וועל זיצען אין הויז און רויכערען. דו האָב חתונה, בעזעץ זיך דאָרט אויף א שטיק ערד און הויב אָן דיין וועלט.... פּופּצעהן בעשעלם ווייץ קען מען אַרויסבעקומען פון דעם קאַנאַדער אַקער ערד. דאָ איז די ערד שוין אָרים ווי דער טויט און מען דאַרף זי נאָך בעפּוצען מיט פּלויטען....

— און יאָהאַן? — האָט הענריק אריינגעשטעלט מיט א ניט־זיכערען טאָן.

— יאָהאַן.... דערמאָן מיר ניט זיין נאָמען! זאָל ער דאָ בלייבען. דערמאָן איהם ניט!....

העינריק האָט אפילו הנאה געהאַט פון דעם וואָס זיין פאָטער וויל

ניט מען זאָל דערמאָנען יאָהאַן׳ס נאָמען, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם וואָס זיין פאָטער שאַרט איהם אונטער צו בויען זיין איינענע וועלט און חתונה האָבען.... ער האָט גאָר ניט געוואוסט פון וואַנען מען הויבט אָן פריהער,. גאָר ניט, אָט אַזוי עס זאָל זיך געהן ווי עס איז געגאַנגען ביז איצט, וואָלט געוועזען גוט. ווי אַזוי הויבט מען אָן אַנדער מין וועלט?....

יאָהאַן איז אַרומגעגאַנגען אין הויז, ווי אַ קלוגע קאַץ, ווען זי האָט עפּעס אָבגעטאָן ביים טעפּעל מיט דער סמעטענע, אַלעמען אויסגעמידען דעם וועג, זעהר ווינציג געשלאָפען און איז זעהר פיעל אַרומגעפאָהרען רייטענדיג איבער דער פּרעירי און אין שטעדטעל. צו די גאָלדענבאַרג׳ס אין הויז האָט ער עפּעס ניט געקענט קומען.

ער האָט געפיהלט אַז ער האָט דאָ עפּעס פערקאָכט.... ווי אַזוי זאָל ער זיך ווייזען פאַר דבורה׳ן אין די אויגען. וועט זי איהם ניט אַרויס־וואַרפען פון הויז?....

אַ סך מאָל האָט ער זיך געלאָזען פאָהרען צו גאָלדענבאַרג׳ס הויז. זאָל זיין וואָס עס וויל זיך! און ניט אויסגעפיהרט זיין פּלאַן.

פון דעסטוועגען האָט ער געוואַרט אויף אַ גוטער געלעגענהייט.

## ט"ז.

דער שבת איז ביי די גאָלדענבארג'ס אין הויז אוועקגעגאַנגען זיין געוועהנליכען אומעטיגען און איינזאַמען וועג.

פרוי גאָלדענבאַרג האָט אָנגעגרייט ווייסע ברויט געפילט מיט "אָזינקעס, און אַלערליי מאכלים פון איהר אייגענעם גאָרטען (זי פלעגט זיין שטאָלץ אויף איהר אייגענעם גאָרטען, איבער וועלכען זי אַליין פלעגט פון צייט צו צייט ארבייטען,; זי האָט אויך אָנגעגרייט עטליכע פליישען, ווי געבראָטענע ברוסט, געקאָכטע ריפּען און א געפילטע הוהן מיט מעהל און שמאַלץ.

הערר גאָלדענבאַרג און דער פּערד־יונג זיינען געוועזען פערנומען א גאַנצען אין דער פריה מיט לייכטע קליינינקייטען ארום הויז, שטאַהל און הויף.

דבורה האָט געלעזען די צייטונגען און זשורנאַלען. און קומענדיג איבער דעם נאָטיץ אין דער גלאַדסטאָנער צייטונג, איז זי פריהער גע־וואָרען בלאַס, און באַלד האָט זי אָנגעהויבען צו פיבערן מיט איהר גאַנצען קליינעם קערפּער.

עס איז איהר נאָכאַמאָל אויפגעקומען די זעלבע מיאוסקייט, וועלכע זי האָט געפיהלט די גאַנצע צייט פון איהר ליגען אין יאָהאַן'ס שויס, ווען ער האָט זי פון דער פרעירי אַהיים געבראַכט.

זי האָט געוואָלט א רוף טאָן צו איהר מוהמען, נאָר אזוי ווי זי האָט דעם געפיהל פון מיאוסקייט געהאַלטען פערשלאָסען אין זיך, און געוואוסט האָט זי, אז אויב זי וועט עס דער מוהמען דערצעהלען, וועט איהר אַליין, דבורה'ן, נאָך מעהרער ניט־גוט ווערען אויפ'ן הארצען, האָט זי דערפאַר געטראַכט, אז פאַר איהר איז בעסער דאָס אין זיך אַליין דערשטיקען, און אָט דעם קליינעם נאָטיץ, וואָס יאָהאַן האָט אין צייטונג אריינגעגעבען, מוז זי אויך פערניכטען. קיינער אין הויז זאָל דערפון ניט וויסען.

און זאָל ער קומען נאָך איהר האַנד!

זי האט דעם נאטיץ פון ציימונג ארויסגעריסען און איהם אין קליינע פּיצעלעך צופליקט.

— א העלד! — האט זיך דבורה געטראכט, ווערענדיג בלאס פון אי־נערליכער אויפרעגונג, — ווען זי זאל ניט געוועזען זיין אזא נאר, וואלט זי בעדארפט אין מיטען וועג ארונטערשפּרינגען פון זיין שוים און אליין אוועק אהיים!....

און נאכדעם, אז איהר אנקעל האט זיך גענומען בלעטערען אין די ציימונגען, האט זי געציטערט ווי א פיש, ער זאל ניט קומען איבער יענעם ארט וואו זי האט אויסגעריסען דעם נאטיץ....

עס איז, צו איהר גליק, אלעס אריבער גלאט.

מען האט, ווי געוועהנליך, אבגעגעסען דעם מיטאג.

דער פערדיונג איז אוועק אין זיין צימער זיך אויסרוהען.

הערר גאלדענבארג מיט דער פרוי זיינען אוועק א קוק טאן אויף דעם ווייץ אין די שאקען. זיי האבען אפריהער געפרעגט ביי דבורה'ן צו זי וועט ניט האבען דאגעגען צו בלייבען איינע אליין. דבורה האט זיך מחיה געוועזען מיט דעם וואס זי וועט קענען בלייבען איינע אליין — „פאר וואס ניט, געהט געזונטערהייט!“...

ווען מאן און ווייב זיינען ארויס אין פעלד, האט זיך די פרוי גאלדענבארג אנגערופען צום מאן:

— עפּעס איז דבורה אזוי בלאס, בעמערקסט?....

— א קלייניגקייט אזא וועהטאג! און דערשראקען זיך אויך.

— ניט דאס מיין איך. עפעס איז זי בלאס... האסט ניט געזעהען מיטוואך אבענד, אז דער פערדיונג איז אריין, ווי זי איז מיט א פרייד ארונטער קענגען איהם.... זי האט גאר פערגעסען אין איהר פוס....

— זאל זיין מיט גליק.... מען דארף אבער פריהער א פרעג טאן ביי דער שוועסטער.... אפשר וויל זי דבורה'ן אפּנעמען אין שטאדט אריין.

— ווער וועט זי לאזען צונעמען פון מיין הויז....

— זיי וואלטען אונזער הויז בעציערט מיט פרייד. אבער....

— וואס? — פרעגט רחל ווי אנגעשראקען.

— אבער אייזיק האט זיין בעשלום נאך ניט געענדערט.

— ער וויל טאקע אוועקגעהן. איך האב געמיינט, איצט אז עס איז דא אזא מיידעל אין הויז....

— ער זאָל נאָך ניט מיטשלעפּען דבורה׳ן....

— גערה שוין, גערה, איך וועל מיט איהר אַ רעדט טאָן, — און זי וועט שוין אַלעס ביי איהם פּועל׳ן.

— און זיי וועלען זיך ליעב האָבען, און זיי וועלען אַ קינד האָבען,

— האָט רחל ווי אויסגעזונגען, — וועל איך זייער קינד ליעב האָבען, ווי עס וואָלט געוועזען אונזער טאָכטער׳ס אַ קינד....

— קענסט זיך נאָך אָנשמעקען מיט דעם און אויך....

— איך שוין ניט....

— ביזט נאָך יונג גענוג!

— איך שוין ניט.... מיין צייט איז שוין אוועק מיט דעם ווינד.... איך וואָלט שוין בעדאַרפט האָבען ערוואַקסענע קינדער און צוקוקען ווי זיי לעבען....

— רייד ניט אַזוי, נאַרעלע, עס איז ביי גאָט אין די הענד. אַלעס האָבען מיר מיט אונזערע אייגענע הענד זיך גענומען, און די איינציגע זאַך האָט גאָט פערקוקט.... עס קען נאָך קומען...

— און עס וועט שוין ניט קומען.

— ווערסטו זעהן.

— זאָל דער פערדריונג זעהן ביי דבורה׳ן....

— און אַז דבורה׳לע וועט דיר דערצעהלען דעם ערשטען סוד?...

— וועל איך זי אַ קוש טאָן.

פרוי גאָלדענבאַרג׳ס פּנים האָט זיך געדוויטעלט און זי האָט טרויעריש ווייטער געצויגען:

— איך׳ל זי קושען און זי היטען, אַז זי זאָל קיין שווערע זאַכען ניט טאָן. זי וועט ביי מיר די שוועל פּאַמעלינקע אריבערטרעטען....

— איך זאָג דיר, אַז דו וועסט זיך אָננעמען מיט דעם... האָבען זיך אונזערע הייליגע מוטערס פון חומש דען ניט אָנגענומען פון אַנדערע ווייבער....

— היינטיגע צייטען האָב איך נאָך ניט געהערט אַז אַ פרוי פון אַריבער פערציג זאָל — — —

אַזוי רעדענדיג, זיינען זיי צוגעקומען צום פעלד, וואו דער ווייץ איז געשטאַנען איינגעהילט אין גאָלד, איין שאָק נאָכ׳ן אַנדערן.

— זינט די וועלט איז אַ וועלט האָט נאָך קיינער אַזוי גוט ניט געשניטען, — האָט הערר גאָלדענבאַרג בעמערקט.

— הערסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגען, — זאָגט רחל, ווי זי וואָלט זיך פּלוצים דערמאָנט אין אַ זעהר וויכטיגער זאַך, — אַט דער אייזיק איז אַ גוטער ארבייטער, נאָר מיר געפעלט ער ניט. ער איז אַ „קריינק“.

זי האָט נאָך געוואָלט ריידען, נאָר עפּעס האָט הערר גאָלדענבארג אַ מאָדנעם קוק געגעבען אויף איהר, און זי האָט גענומען נעהן נאָך איהם און געשוויגען.

## י״ז.

נאָכדעם ווי דבורה איז אַרונטער פון בעט, האָט זי אָנגעהויבען צו פּיהלען אַן אַנדער מין אינטערעס אין דעם לעבען אויף איהר אָנקעל׳ס פּרעידי. זי האָט זיך גוט אַריינגענומען אין מח איהר מוהמעס ווערטער: „אַז דער, וועמען אַ פערד וואַרפט ניט אַרונטער, איז גאָר קיין רייטער ניט". און זי האָט זיך פון פערדיונג אויסגעלערנט ווי אָנצוזאָטלען אַ פערד, און ניט אַכטענדיג, וואָס „קיטי" האָט זי איינמאָל אַרונטערגע־וואָרפען, פלעגט זי דוקא נעמען „קיטי׳ן" און זי אָנזאָטלען און אָפט אַרויסרייטען.

רייטען פלעגט זי אין פעלד אָהן אַ צוועק, און אָפט אַזוי אָפּרייטען אַ פּאָר מייל און זיך אַליין כאַפּען אַז זי איז שוין ווייט פון דער היים. „און וואָס האָב איך געטראַכט: פון גאָר ניט!.." עס איז איהר אָבער גוט געווען צו רייטען און צו טראַכטען. פלעגט זי עס טאָן אָפט און נאָר מיט „קיטי׳ן", ווי זי וואָלט וועלען ווייזען דעם דאָזיגען פערדעל, אַז זי האָט ניט מורא פאַר איהם.

און דער פערדיונג, אייזיק, האָט איהר אין דעם געהאָלפען:

— זאָלסט ניט שרייען ווען דו זיצסט רייטענדיג אויף אַ בראָנקאָ־פערד. נור איין שפּראַך ווייסט דער פערד: גיב איהם אַ ריִיב מיט ביידע פיס אין די פלאַנקען!..." — פלעגט ער איהר געבען צו ערקלערען מיט זיין בעדייטפולען, פעסטען טאָן, און דערביי ווי זיך געבייזערט.

דבורה האָט ניט געגליכען דעם „בייזער", און זיין טאָן, ווי אויך איינינע אַנדערע מאַניערען זיינע.

צום ביישפּיעל, ווען דער פערדיונג פלעגט לאַכען, האָט ער עס געטאָן ווי עס וואָלט דונערן אין די הימלען.

זי האָט פיינט געהאַט צו קוקען אויף זיין פערוואָקסען, האָריג פּנים, און ער פלעגט, ווי טראָץ עמיצען, זיך אָפט ניט גאָלען. עס פלעגט אַמאָל

אוועק עטליכע וואָכען און זיין פּנים פלעגט בעוואַקסען ווערען מיט אַ געדיכטען שווארצען בערדעל.

דבורה האָט איינמאָל געמאַכט אַ שמועס מיט דער מוהמען איהרער פון דעם, און עס האָט זיך אויסגעלאָזען:

— הערסט, — האָט די מוהמע געזאָגט, — מענער זיינען אַ סך שעהנער מיט אַ באָרד ווי מיט אַ גלאַטען פּנים.

דבורה האָט ניט געהאַט און ניט געוואָלט עפּעס זאָגען געגען דער מוהמע׳ס מיינונג. יענע קען נאָך בעמערקען, אַז זי רעדט צופיעל וועגען דעם פערדיונג׳ס חסרונות.

און זי האָט זעהר ניט געוואָלט אַז מען זאָל איצט ענטפּלעקען די געפיהלען, וועלכע האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען צו אויפוויקלען אין איהר הארץ.

דערווייל האָט זי זיך אָנגעהויבען מעהר אריינקוקען אין דעם פערד־יונג׳ס בעוועגונגען. און זי האָט אויך דערפיהלט אַ נייגונג צוצוטרעטען זיינע פערלאַנגען:

דעם זאַטעל האָט זי אויפגעהאַנגען תמיד אויף דעם אייגענעם פּלאַץ, וואו זי האָט עס גענומען, און אַז זי פלעגט אַרונטערנעהמען דאָס צוימעל פון „קיטי׳ן“, פלעגט זי די לייצעס אַזוי פערבינדען אין די צוימענרינגען, ווי אייזיק האָט עס איהר איינמאָל געוויזען צו טאָן.

און גליקליך האָט זי זיך געפיהלט, אַז איהר טאַנטע האָט איהר געהייסען דאָס צימערל, וואו דער פערדיונג פלעגט שלאָפען, אויפצוראַמען.

זי האָט שוין די ליילעך אויף זיין בעט אַזוי גלאַט פערצויגען און דאָס קישעלע אוועקגעלייגט אַזוי, אַז עס זאָל איהם זיין ניט שטאַרק הויך צו קאָפּענס און ער זאָל קענען אויסרוהען זיינע אָנגעהאָרעוועטע ביינער.

און נאָכדעם ווי זי איז געוועזען עטליכע מאָל אין זיין צימערל, האָט זי זיך דערוואוסט פון דעם באַרג ביכער, וועלכע זיינען דאָרט געלעגען אין אַ ווינקעל אויפ׳ן דיל אָנגעוואָרפען, אַז ער איז ניט אַזוי פּראַסט און פערגרעבט, ווי ער קוקט אויס.

האָט זי זיך גענומען מעהרער אינטערעסירען מיט איהם, וואָס ער טוט אין די אָבענדען.

באַלד נאָכ'ן עסען, כמעט יעדען אבענד, עס מעג זיין „געדונערט און געבליצט", פערנעמט ער זיך אין זיין צימערל אריין.

דבורה פלעגט פאר איהם שוין אָנגיסען א פולע לעמפעל מיט קעראָסין און אלע אין דער פריה איז דאָס געוועזען ליידיג. האָט זי פערשטאַנען, אז ער לערנט אָדער ער לעזט זיינע גראָבע ביכער.

זי האָט ניט געוואָלט ריידען דערפון מיט איהר טאַנטע, ווייל די לעצטע האָט איהר אמאָל געזאָגט, אז דער פערדיונג איז אַ מענשען־האסער.

— אַ מענש ווייסט נור זיין צימערל....

— ווי קען אזעלכער פיינט האָבען אַ מענשען, — טראַכט זיך דבורה, — אז ער האָט אפילו די פערד ליעב?...

נור ריידען טיעפער וועגען דעם ענין מיט דער טאַנטע האָט זי ניט געקענט.

און עס האָט זיך דבורה'ן געגומען דאַכטען, אז ביי איהר האָט זיך אָנגעקליבען אזוי פיעל צו ריידען, אָבער אַלץ אזעלכעס וואָס זי וואָלט עס נור איהם אליין געקאָנט דערצעהלען. און דערפאַר האָט זי געקראָגען אַ חשק צו די זעלבע אַרביימען וואָס ער פלעגט טאָן.

הערר גאָלדענבאָרג'ן האָט עס געשמייכעלט, וואָס זיין שוועסטער'ס מיידעל פון דער שטאָדט האָט זיך צוגעוואוינט צו דער פרעירי, און ער האָט זיך אין דער שטיל מיט זיך אַליין געטיילט מיט דער שמחה און אויס־געליינט פלענער פאַר איהר צוקונפט מיט דעם פערדיונג.

און ער פלעגט נאָך אונטערגעבען מוטה און פערשטאַרקערען די געלעגענהייט אַז זיי זאָלען זיך טרעפען אָפט אַליין אויג אויף אויג אין פעלד. און אַז מען האָט געשניטען די אַלפאַלפאַ, איז דבורה אויך ארויס אַרבייטען מיט דעם שאַרער.

זיי זיינען געבליבען אויג אויף אויג.

נאָך יעדען ראַנד אַרום דעם פעלד איז דער פערדיונג געבליבען שטעהן אויף אָפצורוהען די פערד, די מאַשין אָנצושמירען, און די שנייד־מעסערלעך מיט קאַלטע וואַסער צו בעוואַשען פון דעם דונקעל־גרינעם אָנגעפאַפעכץ.

דבורה האָט זיך אויך אָבגעשטעלט מיט דעם שאַרער ביי דעם אייגענעם ברעג פון פעלד, וואו דער פערדיונג פלעגט זיך אָבשטעלען, און אזוי פלעגען זיי זיך איבערוואַרפען מיט אָפגעריסענע ווערטער.

ביידע האָבען געהאט זעהר פיעל אויף זייערע הערצער.

און דער פערדיונג איז שטאַלץ געוואָרען וואָס דבורת העלפט איהם אין זיין ארבייט, און עס האָט זיך איהם געדאכט, אז זי שיינט מיט טויזענדער זונען. און ווי גליך זי איז דאָס געזעסען אויף דעם שארער מיט די לייצעס אין די הענד! און ווי גליך די ווינד־רייהען זיינען דאָס געלעגען אין א פיער עקיגען קאסטען ארום דעם אלפאלפא פעלד!

א ווינטעל האָט געבלאָזען.

און אייזיק האָט געטראכט:

ווען איך וואָלט געוועזן דער ווינט און וואָלט זיך איבער די אלפאלפא רייהען דורכגעבלאָזען!

## י"ח.

אין אבענד אז הערר גאָלדענבאָרג איז ארויס א קוק טאָן פון זיין הויז צו דעם ווייטען פעלד מיט דער אָבגעשניטענער אלפאלפא, האָט ער געזאָגט, אז עס זעהט אויס ווי א סך, א סך ווייסינקע שעפעלעך זיינען זיך צוזאמענגעלאָפען און זיך אויף דעם פעלד געלעגט אָפּרוהען איבער־נאכט.

דער פערד־יונג איז אויך ארויס א קוק טאָן.

די זון האָט געהאלטען ביים ארונטערגעהן פון יענער זייט בארג אין מערב זייט פון גאָלדענבארג׳ס הויז.

דער פלאכער און ברייטער טהאָל האָט זיך געראָיטעלט און ווייך געמאכט דאָס אָנגעשטרענגטע אויג.

עס איז געוועזען שטיל ארום אויף ווייטע ווייטען.

און העט אין מזרח אויף א בארג האָט זיך דערזעהן א קליינע פיגור פון א פערד.

די גאָלדענבארגס האָבען זיך אויסגעזעצט אויף אן אלטען איבער־געקעהרטען שליטען וואָס איז געלעגען נעבען הויז; דבורה האָט זיך נאָך בעשעפטיגט מיט הויז־ארבייט און איז אלעמאָל אריין אין הויז און צוריק ארויס, און פון די טיעפענישען פון דער ערד דאָט אָפּגעקלונגען דאָס איידעלע ריטמישע געזאַנג פון איהרע פיס.

דער פערד־יונג איז געלעגען צושטרעקט אויף דעם גראָז, אונטערגע־שפּאַרט מיט זיין רעכטען אָרעם און ערגעץ ווייט זיינע אויגען געציעלט.

— נאָר ווי ווייסינקע שאָפעלעך, איך וואָלט שווערען... — האָט הערר גאָלדענבארג איבערגע׳חזר׳ט, קוקענדיג צו דעם ווייטליכען אלפאלפא פעלד.

— איך האָב שוין געשניטען אלפאלפא אין פערשיעדענע ערטער, אָבער אזא ווי די היינטיגע בעוואונדער איך! — האָט דער פערד־יונג ווי אויסגעלאָזען אן אינערליכען, לאַנגען געשפּרעך.

פּלוצלינג האָבען אלע אָנגעשטעלט די אויערען.

— מיר דאכט, עס קומט א רייטער, — האָט הערר גאָלדענבארג געזאָגט.

דאָס קלאַפּען פון פערדישע פיס האָט זיך דערנעהנטערט.

דבורה איז ארויסגעקומען פון הויז שנעל, און אין אָטעם אָנגעזאָגט:

— א רייטער קומט!

אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט. חוץ דעם פערד־יונג, און זיינען אוועק צום פאָרענט פון הויז.

צום הויז זיינען צוגעריטען צוויי רייטער און ביידע האָבען מיט איין מאָל אויסגעשריען:

— גוטען אבענד!

— אָה, יאָהאַן! גוטען אבענד! — האָט הערר גאָלדענבארג מיט גאסטפריינדליכקייט געענטפערט. — און וועמען האָב איך די עהרע צו קענען? — האָט גאָלדענבארג געפרעגט אויף דעם צווייטען יונגען מאַן.

— דאָס איז מיינער א פריינד... איך האָב מיט איהם זעהר וויכטיגעס צו שמועסען, — האָט יאָהאַן געזאָגט באַפּעלענדיג א בליק צו דבורה'ן, וואָס איז געשטאַנען ביים טהיר פון הויז און זיך געטוליעט צו פרוי גאָלדענבארג.

— מיט מיר, זעהר פיין, קומט אין הויז אריין, — האָט הערר גאָל־דענבארג מיט א שמייכעל געזאָגט.

יאָהאַן איז ארונטער פון זאָטעל מיט איין שפּרונג, ער האָט זיין פריינד אויך מיטגעבעטען, אָבער יענער האָט געקוקט דאָ צו דעם קאָפּ פון זיין פערד, דאָ צו דבורה'ן, וועלבע, ווי איהם האָט זיך געדאכט, לאכט פון איהם עפּעס אָפּ... און ער האָט בעסער אויסגעקליבען צו בלייבען אויפ'ן פערד.

ביידע פרויען זיינען צוריק אוועק צום אַלטען שליטען, נאָכדעם ווי הערר גאָלדענבארג האָט ארייינבעגלייט יאָהאַנ'ען דורך דער אָפענער טהיר אין הויז אריין.

דער פערד־יונג איז נאָך אַלץ געלעגען אויפ'ן גראָז, ער האָט אפילו ניט געפרעגט ווער עס איז דאָרטען געקומען. זיין וועלט און זיין בליק זיינען געוועזען אין דער ווייטער ברוינליך־דונקעלער מערב'שער אונבע־שטימטהייט...

דבורה האָט זיך אָנגעשפּארט אָן שליטען און מיט שרעק גענומען

טראכטען, אז יאָהאַן איז דאָס איצט ווייזט אוים געקומען בעטען איהר האנט...

און פרוי גאָלדענבארג האָט זיך פערטראכט, — איבער עפּעס א סיבה האָט זי זיך גראָד איצט ווידער דערמאָנט ווי אזוי איהר שוין לאַנג גע־שטאָרבענע מאמע איז צו איהר געקומען איינמאָל פארנאכט, ווען זי איז געזעסען גאַנץ אליין אויפ׳ן שוועל פון הויז און געקוקט אויף דער שטילער און ליידיגער וויטקייט... איהר מוטער איז צו איהר דאַן געקומען ווי א לעבעדיגע, מיט א גרויסער שאַל אויפ׳ן קאָפּ, און האָט זיך שטיל אוועק־געזעצט נעבען איהר און האָט ביי איהר מיט רחמנות געפרעגט:

„טאָכטערעל, אוואו האָסטו זיך פערקליבען אין אזא ווייטען לאַנד... צווישען פרעמדע?“ — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

נאכטליכער און דונקעלער איז אויף דער פּרעירי געוואָרען און פון הויז ארוים האָט זיך באַלד דערהערט הערר גאָלדענבארג׳ס קול:

— רחל, רחל! קום נאָר אריין. קום אריין!

פרוי גאָלדענבארג האָט זיך גלייך א הויב געטאָן און מיט שנעלע טריט גענומען געהן צו דער טיר פון הויז, און דערביי געטראכט:

„עס איז גאָרנישט“...

און זיך דערמאָנט:

„עס הענגען דאָך צוויי ביקסען אויפ׳ן וואנט.“

און זי האָט א שווערען זיפץ געטאָן:

„וואָלטען נאָר צוויי קינדער פאר די צוויי ביקסען אויפגעוואקסען.“

---

ווען הערר גאָלדענבארג האָט אריינגערופען זיין פרוי אין הויז, איז פאר דבורה׳ן נאָך קלאָרער געוואָרען, אז יאָהאַן איז דאָס טאָקע צוליעב איהר געקומען. און אין גאנצען דער עקעל וואָס זי האָט געפיהלט צו יאָהאַנ׳ען האָט איהר א שלאָג געטאָן אין הארצען.

אין דרויסען איז פון דער טונקעלהייט א פינסטערניש געוואָרען און מען האָט שוין ניט געקאָנט דערקאָנען דעם צוויטענ׳ס פּנים.

מיט אמאָל אָבער האָט זיך איבער דער צפון־זייט פון דעם הויכען סקאָסנעם דאָך גענומען שפּארען א לייכטער ווייסער שיין. — ערגעץ

ארויף אויף דער אנטקעגנענדיגער זייט פון הימעל האט אויפגעשיינט דער „צפון־שיין".

דבורה האט זיך פערגעסען אין אלץ, איז אויפגעשפרונגען און פרעה־ליך אויסגעשריען:

— דאס צפון־ליכט! דאס צפון־ליכט!...

דער פערד־יונג האט זיך פון גראז אויפגעהויבען, אויף זיינע פיס אויפגעשפרונגען און איז געבליבען שטעהן מיט פערגאפטע אויגען צום הימעל געווענדט:

— וואס ווילען דארט די גייסטער פון די ווייטע אייזיגע לענדער? זיי שרעקען אונז מיט זייער שטראהליגען ליכט. און זעה נאר ווי די שטראהלען הויבען זיך אין הימעל ארויף, ווי פייערדיגע זיילען, און ווי זיי ציהען ערגעץ אהין, אהין...

— שטעדט מוזען דארט איצט ברענען — האט זיך דבורה אבגערופען, צוקומענדיג גאר נאהענט צו איהם.

— און אויב עס זיינען דארטען דא שטעדט וואס ברענען, מוזען דאס זיין אידישע שטעדט — האט דער פערד־יונג צוגעגעבען.

דבורה האט זיך אומגעקוקט אויפ'ן פערד־יונג. — ער איז געשטאנען ווי אן אייזערנער און איז געווען פערגאסען פונ'ם צפון־ליכט...

זי האט זיך מיט אמאל צוגעפרעסט צו איהם און געפרעגט:

— אייזיק, ווער ביזטו?... אייזיק!... איך קען דאך דיך ניט. איך ווייס ניט ווער דו ביזט. זיי ניט אזוי בעהאלטען. זאג...

די נאכט איז געווען פינסטער און ליכטיג און שטיל.

דער פערד־יונג האט זיך אומגעקוקט אויף דער קליינער דבורה, האט זי ארומגענומען מיט זיין גרויסער האנט און געזאגט:

— דבורה, איך האב דיר א סך צו זאגען, אבער הער: איך וויל אז דו זאלסט וויסען אז איך וועל אוועק קיין פאלעסטינא, און איך וויל אויך אז דו זאלסט ניט מיינען אז עפעס קען מיך אפהאלטען. קיין זאך וועט מיך ניט מאכען צו ענדערען מיין בעשלוס. דארטען וועל איך בויען מיין היים און ניט ווי א פרעמדער צווישען פרעמדע... איך בין שוין געווען א פרעמדער אין דער גאנצער וועלט און איך וויל שוין מעהר קיין פרעמדער ניט זיין. איך וויל צו דער היים פון אונזערע אבות, דארטען, ווען איך וועל זיך מיהען און ארביימען פלייסיג, וועט דאס ניט פערפרעמדט ווערען.

— הערר גאָלדענבארג מיינט, אז אלע שכנים האָבען איהם דאָ ליעב. און ער וויים ניט אז דער גוי איז שטיל און פערביסען. —

— אָט דאָ ניט לאַנג ברייננ איך ארוים אונזער שווארצען סאמעטענעם אָנער קיין גלאדסטאָן אויף אינספעקציאָן... עס זיינען זיך אהין אָנגעפאָהרען א סך פארמער פון ארום און ארום. דער רעגיערונגס־דאָקטאָר בע־טראכט זייערע אלעמענס פערד, און מיט אלעמען איז גוט און פיין, קיינעם ארט ניט, קיינער זאָגט גאָר ניט... נאָר ווען עס קומט צו הערר גאָלדענ־בארג׳ס פערד ציהען אלע אָן זייערע אויגען און איינער רעדט ארוים:

„דאָס בלוט פון יעזוס האָט דער איד אין זיין פערד אריינגעגאָסען, ווי עס שיינט!....“

— און אין די אויגען רעדען זיי דאָך אלע אזוי פריינדליך: „הערר גאָלדענבארג“ און „הערר גאָלדענבארג!“ און דאָס איז טאָקע דאָס אונגליק, דבורה: דער גוי טראָגט זיין גיפטיגע שנאה הינטען־ארום.

— און אז איך קום און דערצעהל דאָס צו הערר גאָלדענבארג, ווייל ער ניט גלויבען און דרינגט נאָך, אז עס קאָן גאָר ניט געמאָלט זיין אין אמעריקא. — די פאָטערס פון דעם לאַנד זיינען געווען אלע גלייך.

— יא, יא. די פאָטערס פון דעם לאַנד זיינען געווען אלע גלייך און אלע גלייך האָבען געעפענט די טויערען פאר דער גאַנצער וועלט. היינט אָבער זיינען זיך אהער אָנגעלאָפען אלערליי גוי׳אישע פעלקער, וואָס האָבען אין זייערע בוזעמס געבראכט דעם האַס צו אלץ וואָס איז ניט גוי׳איש, דעם האַס וואָס זייערע מוטערס האָבען אין זיי אריינגעגאָסען מיט דעם מילך פון זייערע ברוסטען... זיי זיינען אהער אָנגעקומען און האָבען פאר זיך קלויסטערס געבויט און אין די קלויסטערס — שולען פאר זייערע קינדער געמאַכט. און דאָרט וועקגעזעצט לעהרער וואָס האָבען אין זיך אויך אריינגעזויגט דעם גיפטיגען האַס צו אלץ וואָס איז ניט גוי׳איש...

— הערר גאָלדענבארג דרינגט, אז עס קאָן ניט געמאָלט זיין אין אמעריקא.

— און איך זעה, ווי ביי זיך אויפ׳ן האַנט:

— עס קומט דער טאָג, ווען פלוצלינג וועלען זיך אוועקשטעלען די „גוטהערציגע“ גוי׳אישע בירגער קעגען דעם אידען, זיי וועלען אפער־נעמען דעם שארפען מעסער פון אונטער זייערע קליידער און וועלען עס אריינשטעכען אין אידישען הארצען אריין....

דבורה האָט ביי די לעצטע ווערטער זיינע א ציטער געטאָן, און מיט שרעק זיך אראָבגעלאָזט אויף די קניע. זי האָט מיט איהרע אָרעמס ארומ־גענומען זיינע פיס...

אין דרויסען איז געווען שטיל און דאָס צפון־ליכט האָט זיך פאַר זיי מיט הויכע זיילען געשיינט אויף דעם נאַכטיגען הימעל.

דער פערד־יונג האָט אָנגענומען דבורה׳ן פאַר׳ן האנט, זי אויפגע־הויבען פון דער ערד און איז מיט איהר אוועק מיט׳ן ווייץ־פעלד, צווישען די קופּקעלעך געבונדענע ווייץ־גארבען אנטקעגען דעם צפון־ליכט.

די איבערגעבליבענע הארטע ווייץ־שטאָמען האָבען זיך געבראָכען אונטער זייערע ביידענס פיס.

פון דעם נאָהענטען און דאָך ווייטען און ווייסען צפון־ליכט איז די פינסטערניש פון דער נאַכט געדיכטער געוואָרען.

זיי זיינען געגאַנגען אָהן א סוף. זיך גערדרעהט צווישען די רייען און ווייטער געגאַנגען און זיך צוריק אומגעקעהרט און דער פערדיונג האָט דערצעהלט:

— מיר זיינען ניין ברידער געוועזען. א טאַטען זעהר אַ פרומען געהאַט. די מוטער האָט געהאַלטען א קליין קרעמעל אין דאָרף, וואו מיר האָבען געוואוינט. דער טאַטע פלעגט צוביסלעך ארויסגעהן אויפ׳ן דאָרף האנדלען מיט די גוים און פאַר אונז, אז מיר האָבען אָנגעהויבען אויפצוואַקסען, האָט ער א שטיק לאַנד אָבגעדונגען און מיר האָבען עס מיט טאַבאַק פערזעצט...

דאָס דאָרף האָט געהאַט א שלעכטען שם ארום און ארום און מיר, די ברידער, האָבען געהאַט א שם פאַר אונזער מוטה צו וואוינען אין אזא דאָרף און ניט מורא האָבען פאַר די „גוים“.

— און אין „יענע טעג“... איז אין א נאָהענטען שטעדטעל איבער איין הערינג, וואָס א איד האָט צו א גוי אין א מאַרק־טאָג פערקויפט, א ווילדער געשלעג אויסגעבראָכען, און האָט באַלד אזוי דערשראָקען די אידען פון שטעדטעל, אז מען האָט אונז, די ניין „שטאַרקע קינדער“ (אזוי האָט מען אונז גערופען) דורך א געהיימען שליח געשיקט רופען.

— מיר זיינען געקומען צו־שפּעט... אידישע גוטס איז שוין געווען צוטראָטען אין די גאַסען. און ביי אידישע טעכטער זיינען שוין די אויגען

געווען אויסגעשטאָכען... געזאָגט האָט מען אונז, אז די גוים פון אונזער דאָרף זיינען געווען די ערשטע אָנצוהויבען דעם בלוטיגען טאַנץ...

— מיר, אַלע ניין, האָבען פערביסען מיט די צייהנער און אוועק צוריק אין דאָרף און זיך געגעבען א שבועה ניט צו פערשוויינען...

— אז מיר זיינען צוריקגעקומען שפּעט אין אבענד פון שטערטעל, האָבען מיר געפונען אונזער הויז אָבגעברענט... דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען שטום און פינסטער. אַלע זיינען געשלאָפען...

— אונזערע בהמות זיינען גע‏לעגען מיט אויפגעריסענע מאָגענס און אונזער טאַטע און מאַמע האָבען מיר געזופען און זיי האָבען ניט געענט־פערט... האָבען מיר זיך צושפּרייט איבער דעם פינסטערען שטומען דאָרף, און עס איז געווען ווי עמיץ האָט מיט אונז גערעדט פון איין זאַך און מיר האָבען אַלע צוגעשטימט עס צו טאָן...

— מיר האָבען דאָס דאָרף פון אַלע עקען אָנגעצונדען. און דאָס פייער פון איין הויז האָט דאָס צווייטע פערכאַפּט... עס זיינען מיט שטרוי די דעכער געווען בעדעקט און טרוקען, פון די מאַרצאָווע ווינטען... מיר האָבען די אַרבייט אָפּגעטאָן און זיך צוזאַמענגענומען אויף דעם הויכען באַרג וואָס איז געשטאַנען קעגען דאָרף...

— עס האָט זיך אויפגעהויבען קעגען שטאָק בלינדען הימעל א גע־דרעהטער, דונקעל־רויטער פלאַם. און עס איז דער הימעל אויף מיילען ווייט העל רויט געוואָרען, און עס איז געווען שטיל א צייט, און נאָר דאָס קנאַלען פונ׳ם פייער וואָס האָט איבער׳ן דאָרף זיין אָפּעטיט געשטילט... עס האָבען זיך צוקלונגען, ווי דורך א כשוף פון ווייטען, גלאָקען פון קלויס־טערס... עס האָט זיך דאָס דאָרף געברענט און עס איז פון די הייזלעך קיין קרעכץ ניט געקומען... די שטיינער פון דעם באַרג זיינען הייס געוואָרען און מיר זיינען שוין אַלע געשטאַנען אויף דעם שאַרפען אָפּשניט פון באַרג, אויף דער גרויסער סקאַלע וואָס מיר האָבען פון אונזער יוגענד אָן גערופען דעם „רוח׳ס מעסער". מיר האָבען געקענט זעהן אויף מיילען, די פעלדער און וועלדלעך, וועלכע האָבען אויסגעוויזען ליכטיג, ווי זיי וואָלטען ברענען...

עס האָט פון ווייט א גאַלאָפּ פון פערד אָנגעהויבען צו קומען, און באַלד האָבען מיר אויף דעם וועג אין אונזער דאָרף אריין א צוואוואָרפענע מחנה רייטער דערזעהן. און נאָך די רייטער זיינען וועגענער געפאָהרען. די פערד און די וועגענער האָבען מיט זייערע פיס די ערד ניט בעריהרט,

אַזוי ווילד זיינען זיי געלאָפען און נאָך גיכער זיינען די רייטערס געפלויגען און אַ ווילדער, שכור׳ער געאַכצעריי האָט זיך געטראָגען פון די העלזער פון די רייטער און פון די וועגענ־טרייבער, און אַז זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צום ברענענדען דאָרף, האָבען מיר באַלד דערזעהן אונזער טעות...

— .... דאָס זיינען די גוים פון אונזער דאָרף געוועזען אין ערגעץ איין אַנדער דאָרף אויף אַ שמחה... זיי האָבען זייער אַרבייט אין אידישען שטעדטעל אָפּגעטאָן און עס איז אַ שמחה פערטרונקען...

— ...און באַלד האָט מיין עלטערער ברודער געטאָן אַ פּאַטש מיט ביידע הענט און איז אַרונטער פון׳ם שאַרפען שטיין אין אָפּגרונד, און איידער מיר האָבען נאָך געקענט הערען דעם שטומפּיגען אָפּקלאַנג פון אָפּגרונד איז דער צווייטער ברודער מיט אַ פרעהליכען „האָך“ אַרונטערגעשפּרונגען... און דער דריטער און פירטער האָבען עפּעס געזונגען אַזוי באַנג... און ווען דער פינפטער און זעקסטער זיינען אַרונטער אין אָפּגרונד האָבען זיי גאָר ניט געזאָגט, נאָר מיט פערמאַכטע אויגען און מיט צוזאַמענגעלעגטע הענט אויף זייערע ברוסטען. און דער זיבענטער און אַכטער ברודער האָבען אַ קוק געטאָן צום ברענענדען דאָרף און צו דער גאָהענטער מחנה פון אונזערע דאָרפס־גוים, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט זייערע ווייבער און די יונגע בחורים פון דאָרף וואָס זיינען געריטען אויף זייערע יונגע פערדלעך מיט ווייסע פאַטשיילעס אין די גריוועס אריינגעפלאָכטען...

— ... אַז עס איז געקומען צו מיר, האָט זיך פּלוצים אונזער פרומער פאָטער, אין ווייסען בעצויגען, בעוויזען און מיך פאַר מיינע אַקסלען אָנגעכאַפּט... איך האָב געהויבען מיינע פיס, מיין האַרץ איז אין מיר צושפּרונגען געוואָרען, און ער האָט מיך געהאַלטען און געזאָגט:

— „.... עס זאָל מיין דור ניט אָפּגעמעקט ווערען!... געה אַוועק אין אַ פרעמדען, ווייטען לאַנד און הייב אָן צו בויען, פון דאָס ניי!... בוי אויף אַ היים, און אַז דיין ווייב וועט דיר געבוירען אַ קינד, זאָלסטו ביי זיין וויעגעלע איהם פון דעם אַלעמען דערצעהלען, און דער עיקר זיין מוטער זאָל עס אויך פריהער וויסען.... זי זאָל עס אין איהר מילך דעם קינד אין זיין בלוט אריינפליסען... געה אַוועק!...“

## ג"ט.

נאָך דער צפון־ליכט נאַכט זיינען אוועק עטליכע טעג.

הערר גאָלדענבאַרג האָט זיין אַלפאַלפאַ אין די סטויגען אריינגעלעגט און נאָכדעם דעם ווייץ געדראָשען.

און אין צווישען די אַרבייטען איז איהם אָפטמאָל אויפגעשוואומען דער געדאנק וועגען דעם, וואָס דער יונגער יאָהאַן עלקינס האָט פון איהם געוואָלט.

לכתחילה האָט עס ביי איהם אויסגעזעהן, ווי ווען עמיץ זאָל קומען צו איהם און איהם זאָגען:

„גיב מיר אוועק דיין האָב און גוטס, אומזיסט!"

אָדער:

„פאַרנעם זיך פון דאנען!"...

און נאָכדעם איז דאָס ביי איהם אַזוי אויסגעקומען:

דעם פערד־יונג וויל ער דאָך נור, אויב זי, דבורה, זאָל איהם וועלען. וועט ער איהר דאָך ניט געהן איינרעדען דוקא דעם פערד־יונג.

און נאָך עפעס אַנדערש:

מען זיצט צווישען זיי שוין אַזוי לאַנג. מען טיילט זיך מיט דער אַרבייט, מען אָטעמט דיזעלבע לופט;

איז ווי אויב דבורה זאָל צוקומען און זאָגען:

— אַנקעל, יאָהאַנ'ען האָב איך די עהרע פאַרצושטעלען אַלס מיין....

„איי, וואָס מיין טאַטע האָט חתונה געהאַט מיט אַ אידישע טאָכטער, און וואָס — האָט גאָלדענבאַרג געטראַכט, — איך אַליין האָב רחל'ען פאַר אַ ווייב און וואָס דבורה'ס מוטער האָט אויך אַ אידען פאַר אַ מאַן, איז נאָך ניט קיין בעווייז אַז דבורה מוז נור חתונה האָבען מיט אַ אידען.

„זי קען נאָך זיצען און וואַרטען אָט־אָ־דאָ אויף דעם אידען איהר חתן, ער זאָל קומען צו געהן, ביז'ן גרויען צאָפּ..."

עס איז געקומען די צייט פון ווייץ־דרעשען.

הערר גאָלדענבאַרג איז, נאָך דעם מנהג פון יענער געגענד, ארויס איינלאַדען די שכנים צו קומען העלפען דרעשען זיין ווייץ, און ער האָט זיך אָנגעשטויסען אויף אַ מאָדנעם נייעם קלאַנג.

מען האָט ביי איהם געפרעגט: „וואָס איז די אורזאכע פאר וואָס דער אַלטער עלקינס פערקויפט זיין היים"... און וואוהין פאָהרט ער אוועק... דערביי האָט מען עפעס מאָדנע ניי אויף גאָלדענבאַרג'ען געקוקט.

— דער אַלטער עלקינס פערקויפט?!... — האָט זיך גאָלדענבאַרג געוואונדערט.

עפעס מאָדנע ניי און אונהיימליך האָט דאָס צו איהם געקלונגען...

און ווען ער איז אוועק צום אַלטען עלקינס איהם איינלאַדען ער זאָל קומען העלפען דרעשען, האָבען זיי זיך בעגעגענט און ניט געקענט קוקען איינער דעם אנדערען גלייך אין די אויגען אריין.

— איך וועל קומען פריהער פון איטליכען, — האָט דער אַלטער עלקינס געפונען פאר נויטיג צו ענטפערען אויף הערר גאָלדענבאַרג'ס איינלאַדונג.

וועגען זיין אוועקגעהן פון דאַנען און וועגען דעם פערקויפען פון זיין היים האָט ער ניט דערצעהלט, און הערר גאָלדענבאַרג האָט איהם ניט געפרעגט.

און דער אַלטער עלקינס איז טאַקע געקומען פריהער פון איטליכען מיט צוויי פערד אין דעם לייטערנעם וואָגען איינגעשפאַנט. און אז עס האָט זיך אָנגעהויבען דער טאָג, האָט דער אַלטער פלייסיג און עפעס מיט אַ נייעם אויסזעהן אַלעמאָל אונטערגעפיהרט צו דעם מאשין אַ פולען וואָגען מיט ווייץ־גאַרבען.

יאָהאַן איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען, נאָר ער איז ניט געקומען.

הערר גאָלדענבאַרג האָט געהאַט קריינקונג דערפון.

ער האָט דאָך איהם ניט געזאָגט „ניין".

קומט אַ יונג בעטען די ערלויבניש אויף דבורה'ס האַנט... מען זאָגט איהם גוטע פרעג ביים מיידעל... וואָס האָט ער זיך אָנצו'ברוגז'ען?...

און נאָכ'ן מיטאָג אז עס איז געקומען די געלעגענהייט, אז אַלע מענער האָבען זיך צוזעצט, ווער אין דרויסען אויף דעם אַלטען איבערגעקעהרטען שליטען און ווער אויף דעם גראָז אין שאָטען ,צו כאַפען אַ „סמוק", האָט

הערר גאָלדענבאָרג אַ פרעג געטאָן ביים אלטען עלקינס, וואו יאָהאָן איז ערגעץ... און וואָס ער מאכט אין זיין געזונד...

— אין אלדי רוחות און געזונד ווי אַ רוח... — האָט עלקינס געענט־פערט מיט אַ האסטיגען ציה פון זיין פיפקע, אַ קרומען שפיי אין זייט אריין. — ווער האָט איבער דעם צו שאַפען היינטיגע צייטען... ווען איך בין אין זיינע יאָהרען געווען אין דראָש צייט, האָב איך געדראָנקט גאָט אַז איך האָב געקאָנט שלאָפען ביי דער נאַכט...

פרוי גאָלדענבאָרג האָט אַ לייכטען ציטער געטאָן ווען איהר מאן האָט דערמאָנט יאָהאָנ׳ס נאָמען, זי האָט ניט געוואוסט פאר וואָס, נאָר פונ־דעסטוועגען האָט זי ניט פערפעהלט צו הערען דעם אלטען עלקינס׳ ענט־פער און זי האָט צייטליך בעמערקט:

— וואָס אמאָל איז ניט היינט... יאָהאָן איז אַ קלוגער בחור... איך האַלט פון איהם זעהר פיעל...

— זיין מאמע איז געוועזען אַ קלוגע בהמה, עך, עך, — האָט עלקינס זיך צולאַזען — פארוואָס־זשע זאָל ער ניט זיין קלוג, אָבער זי איז דאָך געווען מיהזאם און פעהיג ווי צעהן מענער צוזאמען...

— אַה, ער וועט אַ ווייבעלע זיך נעמען, וועט ער אנדערש זיין, פלייסיגער ווערען — פרובט פרוי גאָלדענבאָרג...

— אַ ווייבעלע, וואָס נאָך? — מאכט דער אלטער עלקינס און ציהט אָפּ די רעהרעל פון פיפקע — עס איז לייכט צו זאָגען אַ ווייבעלע. וואו נעמט מען זי?

— ווינציג מיידלעך ביי די שכנים? — שטעלט אריין הערר גאָלדענ־באָרג — נאָר זעהט, אַז דער עלטערער זוהן זאָל פריהער חתונה האָבען...

— עט, טאַ, טע, — צוקאָכט זיך עלקינס און טוט זיך אַ קראַץ מיט די גראָבע, אומגעלומפּערטע פינגער אין זיינע הארטע, גרוי־שווארצע האָר פון קאָפּ. — מיידלעך ביי די שכנים... עס איז לייכט צו זאָגען, מיידלעך ביי די שכנים... מיר זיינען דאָ אלע פרעמדע טייוואָלים... יעדער טייוועל האָט זיך זיינע געגנעלעך... אָט, ווען ער זאָל זיין אַ לייט, מיין יאָהאָן, שרייב איך אין דער אלטער היים און מען שיקט פון זיינעטוועגען ארויס אַ מויד...

דערווייל האָט פון וויטען פעלד דער דרעש־מאַשין אַ שאַרפען פייף

געטאַן, אַלע מענער האָבען זיך געכאַפּט און אוועק צו דער ארבייט. פרוי גאָלדענבאַרג איז געבליבען מיט דבורה'ן אויג אויף אויג.

זיי האָבען פלינק געוואַשען די געשיר און דער קול פון פאַרצעליי און דאָס שטומפּיגע קלינגען פון גאָפּעל, לעפעל און מעסער האָבען זיך געיאָגט איינס נאָך ס'אַנדערע.

ביי פרוי גאָלדענבאַרג האָט זיך יעצט זעהר פיעל געטראַכט וועגען אַט דער קליינער דבורה'לען... ווי גיך זי האָט עס דעם טעלער איינגעטונקט אין דער גרויסער מאַקערטע מיט הייסע וואַסער... זי וועט שוין זיין איינ־מאָל אַ ווירטין !... און ווען דער יאָהאַן זאָל האָבען אַ אידישען טאַטען !...

עס איז איהר ארויפגעקומען דעם אַלטען עלקינס' ווערטער: „מיר זיינען דאָ אַלע פּרעמדע טייוואַלים"... — די ארבייט צוטיילט מען צווישען זיך, מען העלפט זיך איינער דעם צווייטען מיט געלד... און ווייטער קען מען שוין ניט געהן... „יעדער טייוועל האָט זיך זיינע גענגעלעך"... ווארום זאָל עס אזוי זיין ?...

איהר האָט זיך זעהר פערוואָלט צו דורכריידען זיך מיט דבורה'לען, וועגען דער זאַך. און זי האָט טאַקע געוואָלט אויסגעפינען צי האָט יאָהאַן מיט איהר פון עפּעס שוין געשמועסט. יאָ, אַ רחמנות אויף יאָהאַנ'ען, ווי ער בעט זיך: „מיר קומט דבורה'ס האַנד... איך האָב זי פון דער פרעירי געבראַכט און גאָט האָט מיר איהר יונגען לעבען געשיינקט"... און יאָהאַנ'ס אומגעלומפּערטער פאָטער; רעדט גראָב: „פּרעמדע טייוואַלים"...

פרוי גאָלדענבאַרג האָט אַ טראַכט געטאַן:

ווען עס וואָלט געווען מיין בלוט און מילך, אַט די פלינקע, קליינע דבורה, וואָלט איך יעצט אויך געשיקט אין שטאָדט צווישען אידען נאָך אַ יונג אַ אידישען... נאָר זי זאָל כאָטש ניט ארייננפּאַלען... ווייל מיט דעם פערד־יונג — ווער ווייסט צי עס וועט עפּעס ווערען. און דערצו — גלאַט וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָר, אַט די שטיפערישע דבורה און אַט דער יונג וואָס ווייסט נאָר ארבייט, עסען און זיין צימערעל... נאָר וואָס איז דבורה, אזוי שפּעט, אין יענער „צפון־ליכט" נאַכט, געגאַנגען שלאָפען ?...

און פרוי גאָלדענבאַרג ווענדעט זיך צו דבורה'ן:

— האָסטו געמעגט דבורה זעהן ווי דער פערד־יונג האָט היינט גע־שלונגען דעם „רוהבאַרב־פּיי"... פּע, אַ מאַנספערשוין זאָל אזוי ליעב האָבען צו נאַשען...

דבורה האָט שוין פון דער מוהמע נאָך פריהער געהערט אַ פּאָר ענה־ליכע בעמערקונגען, האָט זי זיך אָנגעבּרוגז'ט און געזאָגט:

— מוהמעלע, איך האָב ליעב צו זעהן ווי אייזיק עסט.

— אזוי?!

— הו־הו!

— אוי וועה, אָט פאַלט אַרונטער דער פּאָלומעסיק! — טוט פרוי גאָלדענבאַרג פּלוצים אַ פערדרעה דעם געשפּרעך.

דבורה האָט ארויפגערוקט דעם פּאָלומעסיק אביסעל העכער און מיט אַ קינדערשען טאָן געזאָגט:

— ווייסט איהר, מוהמעלע, איך געה — —

— וואוהין געהסטו?

— וואוהין אייזיק —

— משוגע צו מיטערע...

— אוי, מוהמעלע, איך געה.

— גאָט זאָל שומר ומציל זיין, וואָס רעדסטו קינד מיינס? דאָ ביי מיר ביזטו די גרויסע און ביי דיין מאַמען וואָלסטו געווען נאָך גאָר אַ קליינטשיגס, יאָ, אָט אַזאַ קליינטשיגס!...

אַ מינוט האָבען זיךביידע פרויען אָנגעקוקט...

דאָן.

— איך וויל אוועקגעהן, מוהמע!

— דיין מאַמע האָט דיך צו מיר אין די הענד געגעבען און איך וועל דיך אָפּהיטען!...

— איך קען זיך שוין אליין אָפּהיטען.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט, דער פערדיונג?!

— נישט קיינעמס דאגה.

— זעה נאָר, אַן עזות, זי ארויסגעפיהרט צו דער „צפון ליכט" און איהר געעפענט די אויגען... נעבעך שלעכט זי בעהאנדעלט!... זאָג, פעהלט דיר עפּעס ביי מיר?

— מיר פעהלט גאָר ניט, איך האָב די גאַנצע וועלט!...

— אזוי?!

— הו, הו!...

— די גאַנצע וועלט !... ער וועט דיך אין ערגעץ ווייט אוועקפיהרען און וועסט זיין דאָרטען איימיג אַליין...

— מוהמעלע, איך בעט אייך, מוהמעלע, נעהמט זיך ניט צום האַר־צען דערפון... איך וועל שוין האָבען אַ סך פרייד אונטער דעם דאך וואָס ער וועט פאַר מיר פון ווייסינקע שינדעלעך אויפקלאפען...

— אזוי ?!

— הו, הו !...

— איך וויל ניט זאָלסט אזוי ריידען צו מיר, הערסט !

— הו, הו ! הו, הו ! — קרימט איהר נאָך פרוי גאָלדענבארג.

איז דבורה גאָר אנטלאָפען אין איהר צימערל און האָט זיך אריינ־געוואָרפען אין בעטעל מיט׳ן פנים צו דער וואנד...

פרוי גאָלדענבארג האָט מיט אַ פייכטען כעס אין איהרע גרויסליבע אויגען געענדיגט אין קיך די נאָכמיטאָגדיגע ארבייט. און צולעצט האָט איהר אָנגעהויבען באנג צו טאָן פאַר וואָס זי האָט זיך מיט דבורה׳ן אָנגעהויבען.

איהר כעס האָט זיך איינגעשטילט. זי האָט זיך באלד צוריקגע־כאפט און גענומען מאכען פלענער ווי אזוי דבורה׳ן איבערצובעטען, דער עיקר, ווי אזוי צו פערגלעטען די גאַנצע זאַך, אז עס זאָל ניט ארויסקומען אויף דער ווייסער וועלט... זי איז טאַקע באלד אוועק, געכאפט דעם בעזעם און אָנגעהויבען צו קעהרען דאָס גרויסע עס־צימער און אַ רוף געטאָן :

— דבורה׳לע, וואו ביסטע ?

קיין ענטפער.

זי קעהרט ווייטער, רייבט דעם דיל מיט׳ן בעזים אויף איין פלאַץ. און ענדליך לאָזט זי פאלען דעם בעזים און לויפט אריין אין דבורה׳ס צימערל, טוט אַ פאטש מיטביידע דלאָניעס :

— וועה איז צו מיר, דבורה׳לע, וואָס איז מיט דיר ?... — איך האָב נור שפאָס געמאכט. גאָט ווייסט דעם אמת, אז אלעס איז דיינס... איך וועל עסען אַ טרוקען שטיקעל ברויט און וואשען דיינע קליינע פיס־לאך און טרינקען דאָס וואסער... זיי מיט אונז... זיי נאָר מיט אונז, דבורה׳לע. בלייב מיט אונז.

דבורה האָט ניט געענטפערט. אין שטוב איז געוועזן שטיל. פון

פעלד האָט זיך געטראָגען אַ פרעהליכער הוזשען פונ׳ם דרעש־מאשין, ווי עס וואָלט ערגעץ אויף דער פרעירי אַ חתונה זיין. און פון צייט צו צייט האָט דער מאשיניסט געוופען מיט זיין הייזעריגען פייפעל. אָט דריי בעזונדערע פייפלעך, דאָס האָט געהייסען, אַז מען זאָל ליידיגע זעק ברענגען: גאָט האָט געגעבען אַ סך ווייץ... און אָט אַ געדרעהטער, טרויעריגער פייף, אַז מען זאָל ברענגען וואסער וואַ־אסער!...

פרוי גאָלדענבארג האָט זיך צוגעזעצט אויף דבורה׳ס בעטעל און איהר אָנגעהויבען צו גלעטען ארום קאָפּ און ארום פּנים.

זי האָט געטראכט:

— צו וואָס די גאנצע מיה?... איינעם גיט גאָט קינדער און אַן אנדערען גיט ער צו די קינדער...

דבורה איז געלעגען מיט אַ קינדערשען קאַפּריז ארייַנגעביסען צווישען איהרע ברוינע ליפּען און געטראַכט.

צוויי וועגען זיינען פאַר איהר אָפען... דער פערד־יונג וועט קומען צו רייטען פון הינטען און וועט זי אַ כאַפּ טאָן.

און זיי וועלען זיך אוועקיאָגען...

זי וועט האלטען איהרע אויגען פערמאכט. ערשט עט, עט ווייט, וועט זי עפענען די אויגען, און זיך אַזוי פרעהען!

---

און פרוי גאָלדענבארג איז לאַנג געזעסען לעבען דבורה׳ן און גע־טראכט:

שוין איבער צוואַנציג יאָהר, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט הערר גאָלדענבארג׳ען. פון ערשטען טאָג אָן האָט מען זיך געמיהט און גע־פּלאָגט.

עס דערמאָנט זיך איהר אַ צייט אין אַ ווינטער. עס האָט אויף דער פרעירי געשנייט. און ווען עס שנייט אויף דער פרעירי און דו זיצסט אין הויז און קוקסט דורך דעם פענסטער, דאכט זיך דיר אויס, אַז עס איז קיינער נישטאָ אויף דער וועלט חוץ דיר און נאָך עפּעס אַן אַלטער ווייס־גרויער פרוי, וואָס זיצט ערגעץ און ציהט אויס ווייסינקע, פלאַקסענע פעדעמלאַך אויף דעם שפּינער...

עס האָט געשנייט עטליכע טעג נאָכאַנאַנד. עס זיינען פערוויִשט געוואָרען אַלע וועגען און פּלויטען. דאָס הויז איז איינגעהילט געוואָרען

אין שניי ביז איבער די פענסטער. מען האָט בעדארפט וואסער אין הויז אריין. מען האָט בעדארפט ארויסגעהן צו די פערד און קיה זיי עסען צו געבען.

האָט מען בייטאָג אויסגעשניטען א שטעגעל אין טיפען שניי צום ברונען און צום שטאל, איז עס דורך נאכט נאָך א מאָל פערשאָטען גע־וואָרען מיט שניי.

געלד איז געוועזען אין הויז. ברויט פאר זיך און היי פאר די בהמות אויך, גענוג — נאָר איינע אליין אָפּגעשניטען פון א גאנצע וועלט. און די ווייסע, אלטע פרוי ציהט נאָך אלץ איהר פלאקס, איהר ווייסינקען, ווייכען פלאקס... און קיין קינד איז אין הויז ניטאָ.

האָט גאָלדענבארג געזאָגט:

עס איז א רחמנות אויף דער קוה, זי בויגט זיך אין דרייען און עס ווארפט איהר א צאָהן אָן א צאָהן פון קעלט. די פערד האָבען א סך שטרוי אָנגעבעט אונטער זייערע פיס און געהען ארום פריי אין שטאל, איז זיי ווארעם, אָבער די קוה קען איך ניט לאָזען א פרייע צווישען די פערד, א רחמנות אויף דער בהמה...

האָט מען די קוה אריינגענומען אין הויז אריין. עס איז געוועזען ווארעם, בייטאָג און ביינאכט האָט דער גרויסער אייזערנער אויוועוען גע־ברענט. קויהלען — פון די אייגענע פעלדער.

קיין קינדער איז ניטאָ. האָט מען ביינאכט פערבראכט מיט דער בהמה.

זי האָט נאָר געוואָלט א לעק טון דעם הייסען אויוועןְ...
און ניט איינמאָל האָט רחל געפרעגט ביי איהר מאן:
צוליעב וועמען?
וואָס ווילען מיר האָבען דערפון?
ער פלעגט ענטפערען:

— שווייג און ווארט. גאָט וועט געבען אזוי ווי ער גיט פון איין קערענדעל ווייץ פינף און פירציג אנדערע קערענדלעך.

און ווען זי האָט איהם בעגעגענט אין ניו יארק צום ערשטען מאָל, האָט זי איהם שוין אָנגעהויבען צו גלויבען אין אלעס. זי איז געוועזען אַן אמעריקאנער אויסגעוואקסענע, ביי נאָהענטע קרובים, די עלטערען פערלוירען נאָך אין די וויקעלאך. ער איז דאַן געוועזען ניט לאנג אריבער־

געקומען אין ניו יאָרק. און זי האָט גוט געקענט די לאַנד־שפּראַך און איז געווען הויך און שעהן און פלעגט קענען ריידען מיט א מענשען און יענעם געווינען.

ער האָט קיין בעשטימטע ארבייט ניט געהאַט און די מלאָכות גע־ביטען און זיך ניט געקענט צושלאָגען צו עפּעס רעכטס.

און געפרעגט האָט זי זיך אליין:

אזא מוטהיג געזיכט, אזוינע געזונדע הענד, קען דען די שטאָדט קיין נוצען פון איהם ניט האָבען?

ער האָט איהר געזאָגט:

„אין שטאָדט איז פאַר מיר איינג און איך פיהל זיך אין כח צו בויען אונזער היים אין ערגעץ א פריי אָרט..."

— אוואו דו וועסט געהן, וועל איך אויך געהן, און וואו דו וועסט גליקליך זיין, וועל איך זיך מיט דיר טהיילען... — האָט זי געענטפערט.

און ער האָט געבויט די היים.

ער איז אוועק מיט אן אייזערנעם בריק. איך נאָך איהם.

דאָס ערשטע יאָהר א פעלד מיט בולבעס. מיר האָבען די בולבעס אויסגעגראָבען און נאָך דעם איינענעם הערבסט די זעלבע פעלד מיט ווינטער־ווייץ פערזייט.

האָבען גויים געשמייכעלט:

ווינציג ערד פערהאַנען?

גאָלדענבארג האָט געטאָן זיינס. ווי גוט איז געווען ווען ער פלעגט איהר אויג אויף אויג געבען צו ערקלעהרען פאַר וואָס ער טוט עס אזוי. זי האָט איהם געגלויבט.

און קומענדען יאָהר האָט ער „אויפגעריסען" אן אנדער שטיק לאַנד, און ווען ער האָט נייע לאַנד „געריסען", האָט ער עס געטאָן שטיל און פּאַמעלעך און אָפּגעהיט, אז יעדער פּאַך זאָל זיין איבערגעקעהרט מיט'ן גראָז ארונטער. און האָט זיך א פּאַך פערוואָלט צו לעגען מיט'ן גראָז ארויף, פלעגט זיך גאָלדענבארג ניט פוילען, זיך אומקעהרען און עס פער־טרעטען מיט'ן פוס.

און געאַקערט האָט ער נאָר אין גלייכע ליניען. תמיד איז דאָס פעלד ארויס א גלייכע — איין ברייט און איין לייגג.

די שכנים האָבען דערפון זיך אויסגעלאַכט.

גאָלדענבארג האָט געהאט זיין אייגענעם בליק און איז אוועק מיט זייגע אייגענע כחות און איז געוועזען דער הארר פון זיינע לענדער.

ער האָט אויף אויסוועניג געוואוסט זיינע ערדען און אלע ווינקלען פון זיין ראנדזש, און האָט געדענק וואו ער האָט דאָס קלענסטע טשוועקעל אוועקגעלעגט.

ווייל דאָס מינדסטע טשוועקעלע האָט ביי איהם זיין אָרט געהאט.

און האָט ער אַ טשוואק אין ערגעץ אריינגעקלאפּט, איז דאָס געוועזען אַ טשוואק אַריינגעקלאפּט פאר זיך און פאר קינדס־קינדער.

און ער האָט געזעהן, אז די לענדער, וועלכע זיינען ווייט פון הויז, האָבען אויף זיך בערג און טהאָלען און אין די טהאָלען לויפען טייכלאך, האָט ער פערשטאנען, אז דאָס איז גוט פאר פיטערונג.

און לייטזעליגקייט אין זיינע אויגען האָבען געהאט זיינע פערד זעהר פיעל. ווען די ווייס־גרויע קליאטשע האָט אַ קליינטשיגס געבוירען, האָט מען עס געהאָדעוועט ווי אַ קליין קינד. עס איז אזוי צוגעוואוינט גע־וואָרען צו דער פרוי גאָלדענבארג, אז עס פלעגט ניט וועלען זיין מיט איהר מוטער און תמיד שטעהן און ווארטען ביים טהיר פון הויז, אז פרוי גאָלדענבארג זאָל איהם דערלאנגען עפּעס אַ נאַשעריי.

אָדער הערר גאָלדענבארג פלעגט אָנבויגען זיין קאָפּ און דאָס קליינע פּערדעלע פלעגט אַרונטערכאפּען זיין קאַפּעליוש און מיט דעם אוועק־בריקענען און אַרומלויפען ארום הויז און צוריקקומען שוין אָהן דעם קאַפּיליוש.

— דו שיבענעק, — פלעגט גאָלדענבארג פרעגען דעם פּערדעל, — וואו האָסטו פערוואָרפען מיין הוט?

דאָס פערדעלע פלעגט שטעהן און מאכען מיט זיין רונדען און גלאַנ־ציגען קעפּעל אַראָפּ און אַרויף. און מען פלעגט שטעהן און זיך אָנ־לאכען דערפון...

האָט הערר גאָלדענבארג'ן איינמאָל אָנגענומען אַ חשק צו פער־פיהרען אַ שטאַם פון פערצעראַנער פערד, און עס זאָל זיין אין זיי די בלוט פון דער בראָנקאָ אַריינגעמישט. איז דאָס אויף רחל'ען געפעלען געוואָרען.

און אז נאָט האָט זיי געהאָלפען, מען האָט צום פירטען יאָהר פון זייער „היימעווען“ אין דער ווייטער וועסט, די ברויטען און די פלאַקס

פערקויפט און די גוטע פרייזען אויף גענומען, איז הערר גאָלדענבאָרג אוועק אין דער שטאָדט מינעאפּאָליס און געקויפט ניין מיידלאַך־בראָנקאָס און איין אָגער פון דעם אמת־ריינעם פערצעראָנער בלוט.

און זיי געבראכט אהיים און א טהייל פון די בערגיגע און טהאָליגע פעלדער אין דראָטענע פּלויטען איינגעצוימט און די פערד־„מיידלאַך" אהין אריינגעלאָזען.

האָבען די שכנים געלאכט:

„א בראָנקאָ מיט א פערצעראָן איז אזוי ווי א קאַץ מיט אַן אינדיק..."

גאָלדענבאָרג האָט אָבער געטאָן זיינס.

עס איז אוועק נאָהענט צוויי יאָהר און אויף גאָלדענבאָרג'ס פעלדער זיינען שוין ארומגעלאָפען יונגע פערדלעך. שווארץ און גלאָט ווי סאמעט פון „טאטען'ס" צד, און מיט א ווייסינקען פלעק אויף דעם שטערען צווישען די אויגען פון דער „מוטער'ס" צד.

דאָס יונגע פערדיל האָט געהאט א רונדען און ברייט־ביינינגען אויס־זעהן, ווי דער פערצעראָן און א דינעם, קורצען האלז און א לייכטקייט אין די דינע, גלייכע פיסלעך, ווי די בראָנקאָ.

א פערדעל אויפגעצויגען און איין אנדערס איז געקומען...

גאָט האָט אין דער פרעמד געגעבען אלץ, נאָר ניט קיין קינדער.

## כ

דער זומער איז געפלויגען צו זיין שנעלען סוף.

די אַרבייט אין גאָלדענבארג'ס פעלדער האָט זיך געטאָן איינע נאָך די אַנדערע, מיט אַ סדר.

דער פערד־יונג האָט געטאָן זיין אַרבייט אין צייט און מיט פלייס, כאָטש ער האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין.

געטראַכט האָט ער, פריהער צו פערענדיגען אַלע אַרבייטען אין גאָלדענבארג'ס פעלדער, אויף העלפען אַריינצונעהמען די יונגע „פילליעס" אין דעם שטאַל אַריין אויף איבער ווינטער, אויף העלפען אָנצוגראָבען קויהלען פון די אייגענע בערג אויפ'ן גאַנצען יאָהר.

און דאַן וועט ער פאָהרען קיין ניו יאָרק, די גרויסע וויעג פון זיינע יוגענד חברים, זיך מיט זיי צום לעצטען מאָל אָפּגעזעגענען. און איבער־הויפּט אַ קוק טאָן, וואָס די חברים פון „פּועל הצעיר" (ער איז געוועזען אַ מיטגליעד אין אַזאַ פעראיין) דענקען צו טאָן עפּעס פאַר פאַלעסטינאַ.

מיט דבורה'ן האָט ער מעהרער ניט געשמועסט, ווייל ער האָט פיינט געהאַט „שטרויענע העלדישקייטען", ווי ער האָט עס אַליין אַ נאָמען גע־געבען. ער האָט בענעהרט, אַז אין יענער מינוט, ווען ער וועט זיין פאַרטיג אָפּצופאָהרען, זאָל דבורה מיט איהם אויך מיטגעהן.

דבורה אַליין האָט זעהר פיעל געטרוימט.

און אַז זי האָט זיך דערוואוסט פון דער פאַמיליע עלקינס, ווי זיי האָבען פערקויפט אַלעס און אוועק קיין קאַנאַדאַ, האָט איהר זעהר באַנג געטאָן וואָס זי האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט יאָהאַן זאָל קומען צו איהר בעטען איהר האַנד. זי האָט איהם כאָטש איינמאָל געוואָלט אַ שפּיי טאָן אין פּנים אַריין פאַר יענער מיאוס'קייט וואָס זי האָט געפיהלט אין זיין שוים, ווען ער האָט זי דאַן פון פרעירי געבראַכט.

פון דעסטוועגען האָט זי עס פערבעהאַלטען ביי זיך אין האַרץ און האָט עס נאָך קיינעם ניט דערצעהלט, אפילו ניט דעם פערד־יונג, אייזיק'ן,

— פערבעהאלטען האָט זי עס מיידעלש, וואו אַלע איהרע סודות זיינען געלעגען ביז זי וועט שפּעטער מיט אייזיק'ן זיצען אין זייער אייגענער הויז און דאַן וועט זי אין מינוטען איינזאמע איהם עס דערצעהלען... דערווייל האָט זיך איהר געוואָלט עפּעס אויף אַ וואונדערליכען אופן מיט דעם פערד־יונג פון פרעירי אנטלויפען.

און אַז די פרוי גאָלדענבארג פלעגט זיך ביי דבורה'ן בעטען און בעטען: „ווי לאָזסטו אונז איבער איינע אַליין אָט אַ דאָ?...“ פלעגט דבורה זיך עקשנ'ען און באַלד דער מוהמען געבען איין איינציגען אויס־וועג: „פערקויפט, מוהמעלע, ווי עלקינס האָט פערקויפט...“

דערווייל זיינען אַלע אין גאָלדענבארג'ס הויז ארומגעגאנגען ווי שטומע, איטליכער האָט זיך געהאַט זיינע וועגען און זיינע מחשבות.

און עס איז געוועזען אין אַ רעגענדיגען טאָג אין חודש אלול, ביי הערר גאָלדענבארג'ען האָט מען אין אַ רעגענדיגען טאָג ניט געארבייט אין פעלד.

רחל און דבורה האָבען געטאָן זייערע ארבייטען אין קיך.

דער פערד־יונג און הערר גאָלדענבארג זיינען שוין פארטיג געוואָרען מיט די לייכטע ארבייטען ארום הויז, שטאַל און הויף, און זיינען געזעסען אין גרויסען צימער און געלעזען, געדרויבערט און געטראַכט.

הערר גאָלדענבארג'ס פּנים איז געוועזען פערצויגען מיט טרויער און זאָרג. דאָס איז איהם פערבליבען פון נאָך אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט מיט אַ צייט צוריק געהאַט מיט אייזיק'ען. ער האָט מיט אייזיק'ען געשמועסט, איהם פאָרגעשלאָגען צו פערבלייבען דאָ אויף אַ פעסט־גע־בויטער היים און אויף אַ פעטער ערד און דער פערד־יונג האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט...

גאָלדענבארג האָט אָבער מיט אַלע כחות געפּרובט פערבאָרגען דעם וואָלקען פון צער אויף זיין פּנים, וועןן ער פלעגט זיין אויג אויף אויג מיט'ן יונג.

און איצט, זיצענדיג מיט איהם אין גרויסליכען צימער, האָט גאָלדענ־בארג פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם פערד־יונג'ס פּנים. איהם האָט זיך פלוצים אָנגעהויבען דאכטען, אַז דעם פערד־יונג'ס פּנים לויכט מיט עפּעס אַ מין פערבאָרגענעם געפיהל... „עפּעס גאָר אַן אנדער מענש!“...

גאָלדענבארג׳ן איז אויפגעקומען אין געדאנקען יענע צייט פון זיין לעבען, ווען ער איז פון דער גרויסער שטאָדט אין „דער ווייטער וועסט“ אוועק. וואָס האָט איהם דען געפעהלט אין ניו יאָרק? ער האָט דאָך געהאט קרובים... און פון דעסטוועגען האָט ער מיט רחל׳ען געוואָלט חתונה האָבען נאָר אויף דעם תנאי, אז זי זאָל מיט איהם מיטגעהן אין דער ווייטער וועסט... און קיינער האָט איהם דאַן ניט געקענט שטערען אין זיינע פּלענער...

ער איז געגאַנגען צו זיין צוועק מיט זיכערע טריט, און אזוי געהט ער נאָך ביז צום היינטיגען טאָג...

— אייזיק, — רופט זיך פלוצים אָן הערר גאָלדענבארג, — אייזיק, איך פערשטעה אייך. איך בין אויך אזו געוועזען ווי איהר. אָבער איין זאַך וויל איך אייך בעטען. איך בין איצט אייך מודיע, אז אויב איהר בלייבט ביי מיר, איז דאָס אַלעס וואָס הייסט גאָלדענבארג׳ס ראנדזש, אייערס! בלייבט מיט אונז. איך וועל ווייטער טאָן מיינע פליכטען ביז עס וועט שלאָגען די בלוט אין מיינע אָדערען... אייזיק, פערבלייבט מיט מיר, מיט אונז!

— איך וועל דאָ פערבלייבען, ביז איך וועל אייך אויסהעלפען אריינ־צוברענגען די ברויטען, די „פּיליעס“ אין שטאַל אריינצונעהמען און אייך אויך העלפען אָנצוגראָבען קויהלען, און דאַן — „גוד ביי!“.

די פרויען אין קיך האָבען דערהערט גאָלדענבארג׳ס געשריי, וויל די לעצטע ווערטער: „געהט אייך שוין!“ זיינען ארויס מיט אַ זעהר אויפגערעגטער הויכער שטימע. זיינען זיי געקומען אריינצולויפען אין שטוב אריין.

— וואָס איז געשעהן?

— וואָס איז געשעהן, אָנקעל?

— מ י ר העלפען! מוחל אייך, אייזיק, מוחל, — האָט הערר גאָלדענבארג פלוצים געהעכערט זיין טאָן. — אויב איהר ווילט פון דאנען געהן, דאַן געהט אייך שוין!

— ענטשולדיגט, — האָט זיך הערר גאָלדענבארג אויפגעהויבען פון זיין אָרט און גענומען שפּאנען איבער׳ן צימער. — ענטשולדיגט. די פרעירי האָט אין מיר ווילדקייט איינגעפלאַנצט. איך האָב צו אייך שטרענג גערעדט. איך וויל ניט, אז איהר זאָלט רחמנות האָבען אויף

מיר. ווייל אזוי ווי איהר, אייזיק, האָט אייער צוועק אין אייער פּאַלעס־טינא, אזוי האָב איך מיין צוועק אָט אַ דאָ אויף דער פּרעירי... אויב איהר ווילט נאָך פערברענגגען איינינע טעג מיט אונז, וועט איהר זיין נאָר אַ גוטער גאַסט — די ארבייט אין פעלד און אין שטאַל וועל איך אליין טאָן...

— אַ גאַסט?! ווער האָט עס צייט צו זיין אַ גאַסט? איך פאָהר נאָך היינט אין רעגען, אוועק!...

— איך פאָהר אויכעט! — האָט דבורה גענומען שפּרינגען איבער׳ן צימער, — איך פאָהר אויכעט!

הערר גאָלדענבארג איז געבליבען שטעהן אַ פערגליווערטער מיט ביידע הענד אין דער לופטען, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אָנהויבען צו טאָן און מען האָט איהם אַ שטארקען זעץ געטאָן אין מח אריין.

רחל האָט זיך צואווינט.



## א. ראַבאָי

# קליינע דערצעהלונגען

# I.

ברענגען אין עס־צימער אַלע דריי גאַז רעהרען. דער פיערעקעכדיגער טיש איז צוגערוקט צום סיראַטענעם דיוואַן. אויף איין ברעג פון טיש שטעהען צוויי לייכטער מעשענע, אין וועלכע עס ברענען ליכט.

אויף אַ צווייטען ברעג פון טיש שטעהט אַ גרויסע שיסעל, איבער־געדעקט מיט אַ ראָזעווער זיידענער „קערה“, וועלכע איז אויסגעשטיקט מיט אידישע אותיות און מיט אַ גרויסען מגן־דוד.

אין מיטען פון טיש שטעהט אַ פלאַש בלאַנק רויטער וויין, ארומגע־רינגעלט מיט גלעזער.

ר׳ אברהם שלעפט אויף זיך דעם ווייסען קיטעל מיט גרוים איילע־ניש, וואָס עס איז ביי איהם פערבליבען פון דור דורות, אזש פון יענער נאַכט אין מצרים, און נעמט אַרום זיינע לענדען מיט אַ גאַרטעל.

ער וואַשט זיך די הענד.

די טונקעל גרינע גאַרדינען זיינען טיעף ארונטערגעלאָזען.

זיין פרוי דבורה לויפט פון קיך יעדען מאָל אריין אין עס־צימער און פערשווינדט צוריק.

איהר פנים איז פערצויגען מיט צער.

ר׳ אברהם גיסט אָן אַ גלעזעל וויין און זאָגט צו דבורה׳ן:

— סט׳הערען קידוש?

— פאַר וואָס, ס׳דיר איינגעפאַלען אז כ׳וויל ניט הערען? — ענט־פערט דבורה מיט אַ באַנגזאַמען שמייכעל אויף איהרע איינגעשרומפענע קליינע ליפען, און זי זעצט זיך אַוועק אויפ׳ן דיוואַן ביים טהיר, וואָס פיהרט אין קיך אריין.

איהרע אויגען פאַלען ארונטער מיט זייער בליק אויף איהר שויס, און זי נעהמט גאָר פלוצים טראַכטען פון איהר עלצטען זוהן, וואָס איז ערגעץ אין דער „ווילדער וועסטער וועסט“ אַוועק, ווער ווייסט וואָס פון איהם איז געוואָרען; מוז איצט זיצען ביי אַ טיש אַ גוי׳אישען און עסען מאכלים, פון וועלכע עס שוידערט איהר גאַנצער לייב אַ טראַכט צו טהאָן...

ר׳ אברהם האט קידוש געענדיגט, אבגעזאגט מיט אויפמערקזאמ־קייט, ווי ער וואלט צעהלען פערלען די ברכה:

— איך בין אנגעברייט און פערטיג צו טהאן דעם געבאט פון ער־שטען גלאז וויין...

ער טהוט א לייכטען זופ פון גלאז, בע׳טעמ׳ט דעם וויין צווישען זיינע ליפען און לעגט זיך קעניגליך אוועק אין א ספינקס פאזע אויפ׳ן דיוואן, טהוט א טיעפערען זופ פון גלאז...

— א טהייערען גלאז וויין האט גאט באשערט, דבורה...

— גאט באשערט וויין, גאט באשערט קינדער... — האט דבורה גענומען מורמלען אין א שטילען פארוואורפליכען טאן, — וואו זיינען איצט אונזערע קינדער?

— נאר וואס דו ביזט, אוואו? גאט ווייסט וואס ער טהוט.

— אויב עס זאל זיין אז ער ווייסט, מוז עמיץ פון אונז עפעס איהם שולדיג זיין, פאר איהם איז דאך קיין בעהעלטעניש ניט פאראנען, טא פאר וואס קומט עס אונז, דאכט מיר, אז מיר זיינען ניט אזוי זינדיג קעגען איהם....

— גענוג שוין, גענוג; ווידערשפעניג ניט קעגען זיין הייליגען נאמען, דבורה. ער האט פון אונז צוגענומען די קינדער לעבעדיגע, מן הסתם בעדארף אזוי צו זיין....

— איינער אין דער וועסט... איז כאטש ניט אזא וועהטאג, ווייט פון די אויגען אוועק... און דער צווייטער איז טאקע דא אין שטאדט... איך האב תמיד עפעס א פחד אין זיך, אז ווען איך גענוג ערגעץ אין גאס זאל איך איהם ניט אנטרעפען זיך ארומפיהרענדיג מיט א שווארצער נעגערטע...

— גענוג, זיי ניט קיין אידענע! — האט זיך ר׳ אברהם א הויב געטהאן פון דיוואן און גענומען א פולען גלעזעל מיט וויין, עס צוגע־טראגען מיט איין האנד צו דבורה׳ס מויל, און מיט דער צווייטער האנד האט ער פערוואָרפען ארום איהר האלז און נאקען:

— טרינק, דבורה, טרינק, און זאלסט פערגעסען אן אלעס.... היינט איז די ערשטע סדר נאכט... מען דארף זיין פרעהליך, הערסט.... היינטיגע נאכט קען ניט געוועלטיגען קיין משחית אין דער וועלט...

דבורה האט בעקומען א געפיהל פון פורכט פאר ר׳ אברהם׳ס דיניג־קער, ברוינער האנד, וועלכע האט זיך אפירגעמאלען פון דעם ווייסען,

ברייטען ארבעל פון קיטעל און האָט געטהאָן א לייכטען ריהר מיט איהרע פערטריקענטע ליפּען אין דעם זוים פון גלעזעל, נאָכדעם ווי זי האָט אין א שטילען געמורמעל א ברכה געמאַכט...

איהרע בלאַסליכע ליפּען זיינען אויף א רגע רויט געוואָרען פון דעם בלאַנק רויטען וויין...

— נו, די נאַכט שטעהט ניט — — — האָט זיך ר׳ אברהם א כאַפּ געטהאָן, — ביזט שוין אין קיך פארטיג מיט אַלעם? איך וויל זיך נעמען צום סדר...

— דאַנקען גאָט פאַרטיג!...

און האָט ר׳ אברהם איהר דערלאַנגט א גראָבען אַלטען סדור און איבערגעלאָזט פאַר זיך דעם קלענערען. און נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעפילט זיין גלאָז און דבורה׳ס אויך, האָט ער זיך אוועקגעזעצט צום טיש, ביים ברעג, אוואו די רונדע ווייסע מצות האָבען זיך געהילט אין ראָזעווער „קערה״.

און ער האָט אָנגעפאַנגען צו ציהען טריאומפירענד און עס האָט זיך נעגאָסען זיין קול איבער דעם ברייטליכען עס־צימער און זיך אָנגעקלאַפּט אין די צוויי גרינע גארדינען וואָס ביי די פענסטער. און פון יענער זייט פון פענסטער שטעהען די משחיתים, די פערדארבער פון אידישען הויז־געזינד, קאָפּ איבער קאָפּ און שטופּען זיך און זוכען א שפּעלטעלע, דורך וואנען ארום אריינצובליקען און עס שטויסט זיי אוועק ווידער אמאָל דאָס טריאומפירענדע ליעד, וואָס ר׳ אברהם זינגט...

„האָט מען אונז געפּייניגט אין ציעגעל און ליים. האָט מען אונז געהייסען שטרוי קלייבען און עס אריינקנעטען אין דעם ליים. האָט מען אונז געהייסען בריינגען אונזערע ווייבער און אונזערע זיהן און טעכטער, אז זיי זאָלען אונז העלפען אונזער פּיין. האָט מען געזעהן אז עס העלפט ניט, דאָס אידישע הויזגעזינד מעהרט זיך און פרוכפּערט זיך. האָט מען אונז פערבאָטען צו זיין מיט אונזערע ווייבער. און אז עס איז א זוהן געבוירען האָט מען איהם פון דער מוטער׳ס בראָבשטוהל אוועקגעכאַפּט און אין ים דערטרונקען אָדער אין ליים אריינגעקנאָטען. צומאָל האָט א פאָטער זיין אייגענעם זוהן מיט די פיס אין ליים אריינגעקוועטשט, און צומאָל האָט א אידישע טאָכטער געקנאָטען די ליים מיט איהרע אויסגע־מאַטערטע, בלאַסע פיס און דערפיהלט אז זי ווערט באַלד מוטער צו א

נייעס וועזען, האָט זי געוואָלט פאַר בושה אַוועקגעהן אין אַ זייט, פלעג דער פיינינגער זי אַ שמיץ טהאָן מיט'ן בייטש און פון וועה פלעג די אידישע טאָכטער איהר קינד אין ליים אַריינצופערלירען און מיט פערביסענע ליפען פון צאָרען און אונמאַכט עס שנעל אין דעם באַרג נאַסע ליים פערוויישען...

„האָט דער אַלמעכטיגער דערזעהן אונזער פיין און געהערט אונזער יאָמער, און אַז זיין הארץ איז פול געוואָרען מיט צאָרען האָט ער אַרונ־טערגענידערט, רייטענדיג אויף אַ שוואַרצען פערד מיט אַ לאַנגער בלאַנ־קענדער שווערד און אַוואו עס איז געווען אַ אידישע הויז און אַ שפּיאָן האָט דערביי געוואַכט, האָט זיך געגאָסען בלוט. אין אַלע אידישע הייזער איז פּלוצים ליכטיג געוואָרען. אין אַלע אידישע הערצער האָט עמיץ מיט אַ פערבאָרגענער האַנד אַ פונק אָנגעצונדען.

האָבען זיך די איבערגעבליבענע פון פיין יאָמער דערפיהלט שטאַרק און מונטער. עס האָט אין זיי אויפגעקלונגען דער רוף פון שין דלת און יוד און זיי האָבען אין איילעניש זיך געזאַמעלט אין די גאַסען.

עמיץ האָט מיט אַ טראָמפּייט געבלאָזען.

אַן אַנדערער האָט אין אַ פּויק געקלאַפּט.

אַ דריטער האָט מיט טאַצען איבער גאַס און גאַס געוועקט.

און גאָר אַן אַנדערער האָט זיך ווי אַ ווינט אויף אַ פערד געטראָגען און אין יעדען אידישען הויז מיט זיין גראָבען בייטש אין טהיר אָנגעקנאַלט.

און אין יענער נאַכט האָט זיך דער אידישער צאָרען אויף זייערע פּיינגיער אויסגעגאָסען, ווי אַ געוויטער, אומגעריכט און בייז...

און מיט די ציעגעל, וואָס מען האָט נעכטען ערשט קעגען דער זון טריקענען געלעגט אין פיין און יאָמער, די פענסטער פון פּייניגער'ס הויז נעבראָכען. עס האָט איבער דעם גאַנצען לאַנד דאָס בראַך פון גלאָז זיך געהערט.

„האָט זיך געוויזען וואו פון אַ בעהעלטעניש אַ נעכטיגער פּייניגער, האָט מען איהם אויף זיין שפּיז אָנגעשטעקט און אין אויל געטונקען און אונטערגעצונדען. די שוואַרצע נאַכט האָט מיט זיין פלאַם אויפגעפראַלט.

האָט מען די טורעמס פון ציעגעל און פיין אומגעוואָרפען און צו־שטערט און וואָס עס האָט נור געקאָנט ברענען אין פלאַמען געצונדען...

ביז עס איז געקומען מיט־נאַכט, און אַ רייטער האָט זיך געטראָגען

איבער גאס און שטאדט און פעלד, פון איין עק לאנד צום צווייטען און געבלאזען אין א טרומפייט:

„געוואלד!"....

אנגעזעטיגט האט זיך איעדער פערביטערט הארץ, די דורשט פון לאנגער פיין האט זיך אנגעטרונקען אין פולען מויל.

און דער טראמפייט בלאזט און רופט.

און די פויק שלאגט אין וועג אריין.

און די טאצען קלאפען איינס אין דאס אנדערע און מען שליסט זיך איינס אין דאס אנדערע.

האט מען אוועקגעצויגען פון דעם דאזיגען לאנד... — — — — — — —

איז מען געגאנגען און געגאנגען און געגאנגען ביז מען איז צום ים געקומען. האט מען זיך א לאז געטהאן אין וואסער אריין. פון יענער זייט ים האט א שמאלער זייל פון מארגענליכט זיך צו זיי ענטפלעקט. האבען אלע זייערע אויגען אהין געווענדט. און עס האבען זיך אנגעקלאמערט הענד אן אקסעל, הענד אן אקסעל, אלט און יונג — די הערצער שטורמען און די נשמה ברענט מיט פלאמען... איז מען אין וואסער אריינגעצויגען, מען געהט און מען זינקט טיעפער און טיעפער, אט איז שוין די וואסער ביז צום מויל געקומען... מען קען שוין ווייטער ניט געהן...

האט עס איינעם פון אידישען הויזגעזינד א קלעם געטהאן ביים הארץ, און ער האט מיט זיין שטעקען א פאטש געטהאן אין ים!...

האט זיך דער ים צושפאלטען אין צווייען.

זיינען זיך די וואסערען צולאפען אין צוויי זייטען. פון רעכטס א פערגליווערטע וואנד און פון לינקס א פערגליווערטע וואנד.

און אין פאראויס פון געהענדען פאלק האט זיך געקייקעלט דער פייערדיגער זייל און האט געטריקענט און איינגעפרעסט דעם נאסען, זאמדיגען אבגרונד פון ים.

און נאט דער אלמעכטיגער האט זיינע צוויי זוניגע אויגען אויפגע־עפענט און דערזעהן אז דאס פאלק ציהט פון דעם לאנד פון ציעגעל און פיין אוועק... האט ער זיינע דיענער בעפוילען, אז מען זאל פערד און רייט־וואגען שפאנען און באלד פאר זיין טהראן ברענגען.

און האט ער זיך אין רייטוואגען געזעצט און די לייצעס אליין אין

זיינע הענד גענומען און זיך אוועקגעלאָזט אויף אַקעגען דעם אידישען פאָלק.

האָבען זיך די דריי פערד געטראָגען ווי דריי ווינד וויכערען, מען האָט נור געזעהן דריי הויכע זיילען שטויב, און פון שטויב און דורך די שטויב האָבען דעם אלמעכטיגענ'ס זונען־אויגען זייער בליק געוואָר־פען, דער מחנה אידען אין פנים אריין...

און אז דער לעצטער איד איז פון יענעם לאַנד פון ציגעל און פיין ארויס, האָט ער געצונדען און געצונדען... האָבען די נעכטיגע הארען דערזעהן אז זייער לאַנד ברענט אין פייער און אז זייער גוטס וואָס זיי האָבען אָנגעלעבט פון יאָהרען פון הערשאַפט האָבען די קנעכט צושטערט.

האָט זיך אין זיי דער לעצטער פונק פון לעבען אויפגעכאַפּט. אין לאַנד איז געוואָרען ליכטיג, אין לאַנד איז געוואָרען פייער און פלאַם.

און מען האָט ניט געקוקט ווער עס האָט און ווער עס האָט ניט, נאָר מען האָט פערד אין רייטוואָגענס געשפּאַנט מיט האסט און אין די טריט פון די שאַלענדע מחנה אידען געפלויגען... מען האָט זיך געיאָגט. און אז זיי זיינען צום ים צוגעקומען, האָט זיי די ליכטיגע זייל די אויגען גע־בלענדט און זיי זיינען אין ים מיט פערד און רייטוועגענער פערזונקען געוואָרען...

דבורה האָט מיט גרויס פּחד די טהיר געעפענט און אַזוי ווי אַלע יאָהר, פון זינט זי איז צו איהר פערשטאַנד געקומען, האָט זי אויך איצט געזוכט אליהו הנביא, וועלכער קומט אריין אין דער מינוט אין אַלע אידישע טהירען.

דעם פּחד האָט זי געפיהלט פון תמיד אָן, ווייל איהר האָט ער זיך געמאָהלען פאר א מורא'דיגען ריעז, וועלכער שפּאַנט מיט לאַנגע פיס איבער דער וועלט'ס ימים און לענדער.

און היינטיגע נאַכט האָט זי נאָך מעהר פּחד געהאַט, ווייל פּלוצים איז איהר איינגעפאַלען, אז אַזוי ווי זי עפענט די טהיר וועט זי איהם דערזעהן שפּאַנען די לאַנגע און שמאָלע טרעפּען, איין פוס וועט זיין אונ־טען און דער צווייטער שוין אויבען ביים שוועל פון טהיר און אונטער זיינע אָרעמס וועט ער טראָגען איהרע צוויי זיהן, דעם פון ווייטען וועסט און דעם וואָס וואַלגערט זיך אין די ניו יאָרקער גאַסען... ווי די זיהן וועלען עס פאַלען צו איהר ברוסט און זיך בעטען, אז מעהר וועלען זיי זייער

מאַמען ניט פערלאָזען און דער ריעזיגער אליהו הנביא וועט אריין און טהון א זופּ פון זיין גלאָז וויין און פערשווינדען פון אונטער די הענד און זי וועט איהם קיין דאַנק ניט קענען זאָגען...

ר׳ אברהם איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער הויכער און מאָגערער לייגג, דאָס ווייסע העמד איז העכער פון זיין שוואַרצען גאַרטעל געוועזען צופּענט ברייטלעך און זיין בערדעל איז ווי איינגעפּאַסט געוואָרען אין דעם ווייסען קיטעל. ער איז געשטאַנען מיט די אויגען אַרונטערגעלאָזט, מיט ביידע הענד אָן טיש אָנגעשפּאַרט:

האָט ער דערזעהן ווי א ברוין ברוינער יונגער מאַן איז אריין. זיין קערפּער איז ניט געוועזען בעקליידט. נאָר אין אייניגע ערטער בעוואַקסען מיט בלויז שוואַרצע האָאַר. און די הענד איבערגעפלאָכטען מיט רונד־ליכע בלוט אָדערען, און גריביגע מוסקולען.

ר׳ אברהם׳ס אויגען זיינען פערגליווערט געוואָרען און זיין גאַנצער וועזען האָט געפלאַטערט מיט דעם ציטער פון א ניי געבוירען שעפּעלע אין די ווייטע פּרימאָראָזנע פריהלינג פעלדער.

און האָט ער דערפיהלט ווי עס האָט דאָס לעפּעל פון זיין רעכטען אויער אָנגעהויבען צו פלאַמען, עס האָט אין זיין אויער אָבגעקלונגען און פון דאָרט זיך צוגאָסען איבער זיינע אַלע אברים און זיינע אויערען האָ־בען פערנומען:

„איבער א יאָהר אין דער צייט וועט צו דיר געבוירען ווערען א זוהן"...

און דאָס פולע גלעזעל וויין, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און געוואַרט אויף דעם גאַסט, איז נאָך אַלץ געשטאַנען א פולע איבער׳ן זוים און איידער ר׳ אברהם האָט נאָך געזאָגט: „געבענשט זאָל זיין דער גאַסט", איז שוין קיין הויך פון איהם ניט געוועזען...

דבורה האָט פערמאַכט די טהיר. און פיהלענדיג א שווערע מיעדקייט אין איהר גאַנצען וועזען, איז זי אַוועק אין שלאָפצימער.

אויף גיך האָט זי איהרע קליידער פון זיך אויסגעטהאָן. און אַז זי האָט זיך אין בעט אריינגעלעגט האָט זי באַלד פערמאַכט איהרע אויגען און דאָס געזאַנג פון אברהם׳ען האָט זיך געפלאָכטען איבער איהר קאָפּ, געפלאָכטען און אויפגעהערט אויף א ווייל..

און אַט האָט זיך איהר געדאַכט אז ער שטעהט ביי איהר בעט אין זיין גאַנצער הויכער דינער לייגג, און זי עפענט מיט שווערקייט א האלב פון איהר רעכטער אויג און ווערט צוריק אריינגעצויגען אין דעם נעבעל פון פערגעסענהייט...

## II.

און זעקס טאָג פון דער וואָך איז ר' אברהם רוהיג. זיין פּנים, אויגען און א יעדע בעוועגונג הארט, ווי פון קופּער אויסגעשמידט. און ווי דער ים אין א נעבעלדיגען שווערען טאָג רוהט זיין נשמה.

קומט ער אהיים פון שוהלכעל צום מיטאָג. זעצט זיך אוועק ביים טיש אויבענאָן, מיט איין אָלטען, פערגעלטען און צואוואָרפענעם משניות און צוזינגט זיך מיט א לענגליכען, ווייכען נגון. ער הויבט אָן שטיל און טרויעריג און פּלוצלינג טהוט ער זיך א הויב ווי אויף פליגלען און פליהט און פליהט, און אז ער קומט אין ווייטע הויכען, בלייבט ער שטעהן אויף א רגע א פערציטערטער, ווי א פויגעל געטראָפען פון א פייל, און נעהמט מיט א שווערען האסט פאלען און נידערען מיט א וועהטאָגליכען שטילען גערויש.

האָט זיין אידענע דבורה שוין אָנגעברייט דעם מיטאָג און מיט לייכטע טריט בריינגט זי אריין צום טיש א ווייסען טוך, ברויט, זאלץ און א מעסער, וואָס בלאַנקט.

—סט'דעך איינוואַשען, אברהם — בעט זי זיך ביים מאַן.

און ער ענטפערט איהר מיט דעם אייגענעם נגון, ווי ער וואָלט ניט וועלען איבעררייסען די זיידענע געוועב פון דעם פּאַטריארכאַלישען נגון.

האָט ער איין מאכל אָבגעגעסען און געכאַפּט און געבלעטערט דעם משניות און ווייטער האָט דבורה דערלאַנגט א מאכל.

האָט ער נאָכמיטאָג אייניגע הייזער, וואו ער לערענט מיט קינדער פון אידישען הויזגעזינד, וועגען וועלכע ער פערטיעפט זיך אָפט. טהוט ער אויף זיי פעסטע בויאונגען שטעלען. זיי זיינען ביי איהם די ציגעל פאר דעם פונדאַמענט...

געהט ער, און דער וועג אונטער זיינע שוואַכע פיס שפּרינגט, די גאַסען לויפען פאר איהם פאָראויס.

ווערט ער פערטיג מיט זיינע בעשטימטע נאכמיטאג קינדער, קומט ער צוגעהן אין דעם שוהלכעל דאס לעדיגע. פיער ווענד און מאדנע לאנגע בענק. דאס הייליגע ארון זעהט איהם אויס צו זיין ניט אין דער מזרח וואנד. אין דער דאזיגער שטאדט וועלכע ציהט זיך אויף מיילען און מיילען, קען ער ניט זעלטען טרעפען וואו די מזרח וואנד איז.

און העט פארנאכט, ווען עס איז שוין דא ניין הונדערט און ניין און נייינציג שאטענס, נור איין צאנקענדער שטראהל ליכט פון טאג איז געבליבען, הויבט זיך דער מנין אן צונויפצוקומען. אזוי פאמעלעך. און מען האט איעדען מאל מורא טאמער קומט איינער ניט...

און קומט שוין דער צעהנטער איז פאלט אן אן איילעניש אויף אלע־מען. עס איז קיין צייט נישטא זיך צו פערטיעפען אין דעם גבעט. און עס איז אזוי:

איעדער האט שוין מנחה אין יחידות אבגעמורמעלט. נור א קדושה טהוט מען טהאן אבשפרינגען און באלד, נאך שנעלער פון א בליץ נעמט מען זיך צו מעריב.

מען ווייסט ניט איינער דעם אנדערענס נאמען. עס שטעלט זיך אוועק איינער פאר׳ן עמוד און קיינער ווייסט ניט ווי ער הייסט און פאר וואס מען האט „איהם" געשיקט און ניט קיין אנדערען צו זיין דער פאר־בעטער.

ווילט זיך ר׳ אברהמ׳ען פערזאמען מעהרער אין דער שמונה־עשרה... און ווען ער ווערט פערטיג און קוקט זיך ארום איז שוין פון קיינעם קיין הויך ניט געבליבען.

בלייבט ער איינער אליין אין די דאזיגע פיער ווענד, דער ספר תורה שטעהט דארט אין ארון פערלאזען פון גאט׳ס קינדער, ווי ער.

פערטיעפט ער זיך אין דעם ענין, קומט עס איהם פאר, ווי ער וואלט זיך פלוצים אב׳טובל׳ען אין א טייך פון אומעט. און עס פאלט איהם אן א פחד און א גרויל.

שפארט ער זיך אן אין איינעם פון די לאנגע בענק און שטעהט אזוי מיט זיין קאפ ארונטערגעלאזען און זיינע אויגען פעסט צוזאמענגעדריקט.

דערפיהלט ער ווי א דינינקעס ווינטעלע בעריהרט זיין נשמה. און עס וויזט זיך איהם:

***

„... אידען פון דער גאַנצער, גרויסער שטאָדט האָבען אויף זיך א קאָפּ־שטייער אַרויפגעלעגט און האָבען געזאַמעלט טויזענדער און מיליאנען זילבערנע דאָלארס. אין דער מיט פון שטאָדט א שטיק פּלאַץ געקויפט, וואָס האָט געהאַט א תחום שבת די ברייט און אויך אַזא לייגג. אַזוי האָבען אידען געוואָלט און אויסגעפיהרט.

„האָבען זיך די אידישע טעכטער מתקנא געווען, האָבען זיי אַרונ־טערגענומען זייערע דימאַנטען און גאָלד און עס אוועקגעשאָנקען.

„האָט מען אָנגעקויפט ציעגעל און שטיינער, קופּערנע זיילען און אייזען און שטאָהל אָהן א שיעור. האָט מען געבראַכט קריסטאָל פון ערגעץ א קריסטאָלענעם לאַנד און פון זילבערנע דאָלארס שטיקער זילבער געגאָסען...

„האָט זיך צוטראָגען א שם איבער דער שטאָדט, ברייט און לאַנג, אַז אידען בויען א הייליגען הויז...

„דאַרף זיך געפינען א איד אין שטאָדט, וואָס איז דער גרעסטער קענער אין ארכיטעקטור. און אַז ער האָט דערהערט, וואָס אידען ווילען טהאָן, וואַרפט ער אוועק אַלע זיינע עסקים און פערשפּאַרט זיך אין זיין פּאַלאַץ אויף דער פינפטער עוועניו. קיינער ווייסט ניט פאַר וואָס און פאַר ווען. זיינע דיענער האָט ער פערזאָגט קיינעם ניט צולאָזען צו איהם.

„איז ער געזעסען בייטאָג און ביינאַכט און האָט אויף גרויסע פּאַ־פּירען געמאַכט פּאַסען און רעדלעך און דרייעקען און אַכטעקען און פינ־טעלעך אָהן א שיעור, און מיט אידישע אותיות יעדעס אונטערגעשריבען. איז ער אַרומגעגאַנגען שעה'ן איבער'ן צימער דעם גרויסען און זיך א יעדער מאָל געכאַפּט מיט א ברען און געטהאָן זיין אַרבייט ביז ער איז געקומען צו א סוף.

„האָט ער זיך אויפגעשלאָסען און איז אוועק איבער דער ברייט און לייגג פון דער גרויסער שטאָדט און געוואַנדערט און געקוקט אויף אַלע העכסטע טורעמס און געבויעריייען. איז נאָכדעם אַהיים געקומען און זיך ווייטער פערשלאָסען. האָט גענומען א גרויסען פּאַרמעט, ווייס ווי מילך, גלאַט ווי סאַמעט און הארט ווי מירמעלשטיין און האָט זיך אוועקגעזעצט און פון די פּאַפּירען איבערגעקריצט אַלעס אויף דעם פּאַרמעט.

„האָט ער געשיקט רופען די גרעסטע טהוער פון די אידען פון דער שטאָדט. א גרויסען שם האָט ער געהאַט און מען האָט געוואוסט אַז ער

רופט מן הסתם האָט ער עפּעס צו זאָגען. איז מען זיך צוזאַמענגעקומען.

„— איך וויל בויען אונזער הייליגע הויז“....

„האָט מען־זיך־אָנגעכאַפּטמיט העגד און פיס. איהם אָנגעבאָטען א גרויסען לוין פאר זיין ארבייט. האָט ער געזאָגט, אז ער וויל ניט קיין געצאָהלט. ער וויל בויען די הויז, ווייל דער אַלמעכטיגער האָט איהם דעם געדאנק אריינגעגעבען. ער מוז עס מהאָן...

„האָבען עס דערוואוסט זיך אידישע קינדער ניט נור פון דער דאָזי־גער שטאָדט, נור אויך פון שטעדט און דערפער אויף טויזענדער מיילען ארום.

„זיינען געקומען צו לויפען שניצער און מאָקער, מאָהלער און שטיינ־האקער. זיינען געקומען צולויפען ציגעלניקעס און גיבסענגיסער און אנדערע פאכמענער און האָבען געשוואָרען, אז אין דער היים האָבען זיי ווייב און קינד, קרובים און פריינד געלאָזען. זיי ווילען העלפען בויען דעם בנין.

„האָט מען זיך גענומען בויען...

„האָט גאָט געגעבען שעהנע טעג און ליכטיגע טעג און די ארבייט האָט געוואקסען.

„און אז די הויז איז פארטיג געוואָרען, איז מען פון דער גאנצער וועלט געקומען קוקען אויף גאָט'ס וואונדער. איז מען געפאָהרען מיט'ן אטלאנטישען ים, איז מען געפאָהרען אין די וואסערען, וואָס רינגלען ארום די גרויסע שטאָדט ניו יאָרק, איז מען געגאנגען איבער די גאסען פון דער שטאָדט און פון א יעדען ווינקעל, האָט מען נור געזעהן דעם רונדען דאך פון דער „אידישער הויז“.

„האָט מען אויף דעם רונדען דאך ארויפגעזעצט א פיער־עקעכיג ראָהם און אין דעם ראָהם איז געווען איינגעפּאַסט א שין און א דלת און א יוד פון אזא מין טהייערען גלאָז און אין אבענד און אין גאנצענע נעכט האָט פון יענע דריי אותיות געשטראָמט איבער דער שטאָדט איין אבשיין פון ליכט־זיילען געמישט מיט רעגענבויגען פארבען.

„זיינען געגאנגען אויסדערוועהלטע פון אידען איבער'ן שטאָדט און וואו זיי האָבען געזעהן א „מקום להתפלל“ און א קלייזעל און א שוהלכעל זיינען זיי אריין. אַלעס איז פאר זיי אָפען געוועזען. האָבען זיי צוזאַ־

מענגענומען אלע תורות פון דער שטאָדט און זיי געבראַכט אין דעם נייעם אידישען הויז.

„איז דאָס הויז געוועזען געבויט רונד און עס האָט זיך געפונען א רינג מיט ארונות, וועלכע האָבען פערנומען דעם ערשטען ראַנד. פינף מאָן די הויך איז א יעדער ארון געוועזען און די טהירען זיינען געמאַכט געוואָרען פון קופּער און האָבען געשפּיעגעלט אין זיך טויזענד און איין זון. אויף די טאָוולען פון די טהירען האָט מען אויסגעקריצט די לוחות און די צעהן געבאָטען. און איבער די טהירען און איבער די זיילען אין וועלכע טהירען האָבען זיך אַנגעשלאָסען איז געוועזען א זילבערנער אָדלער מיט צושפּרייטע פליגלען. האָט מען א טהיר געעפענט, א ספר תורה אריינצו־שטעלען, האָט דער אָדלער געטהאָן א פּאָך מיט זיינע פליגלען און דאָס ווייסקייט פון זילבער האָט זיך אריינגעפּאַטשט אין דעם שיינענדען קופּער פון טהיר, ווי אַן אָבשיין פון דער שכינה.

„און עס איז געוועזען ווי דורך איין אַלמעכטיגען רוף האָט א קלאַנג זיך צושפּרייט, מען האָט ניט געוואוסט, ווער עס האָט עס געטהאָן און פון וועמענס מויל עס איז געזאָגט געוואָרען:

„א יעדער האָט אָנגעהויבען צו וויסען...

„א קלאַנג האָט זיך געטראָגען:

„אַז עס איז פון ערגעץ געקומען אַ גרייז אַלטער איד...

„א קלאַנג האָט זיך געטראָגען:

„אַז עס איז אויפגעשטאַנען א יונג פון פאָלק...

„און אין א שבת אין דער פריה. עס האָט די זון זיך צוברענט מיט טויזענד און איין ליכט. איבער די גאַסען האָבען געצויגען די אידען פון דער שטאָדט אין זייער הויז אריין. האָט מען אָנגעפילט דעם ערשטען באַלקאָן און דעם צווייטען און אַזוי ביז עס איז שוין געוועזען פול דער הונדערט און אכצעהנטער. א קינד אין דער וויעג איז ניט געבליבען אין ערגעץ פון די אידישע היימען.

„און עס איז געוועזען אַז די זון האָט אריינגעקוקט דורך דעם רונדען דאַך, דורך א קריסטאַלענעם טאָוועל אין דער אידישער הויז אריין, האָט זי זיך ווי דערשראָקען. און דער זייליגער שטראַהל איז פערציטערט געוואָרען און זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

„האָט עס אין דעם שענדעליער פון גינגאָלד, וועלכער האָט געהאַנגען

אין מיט פון דאך, ארייננעפלאסען א גרינליך פליסיגע ליכט, וועלכע האט אנגעפילט אלע רעהרען פון ווייסען קריסטאל.

„און האט די ליכט זיך בעהעפט מיט אלע אידען פון דעם הויז. און האט די ליכט געשיינט אויף דער ביהמע, וועלכע איז געמאכט געווען אין דער מיט פון הויז.

„איז זי, די ביהמע, ארומגעצוימט מיט איבערגעפלאכטענע טרויבען צווייגען און בלעטער פון אזא מין מעטאל און זיילען האט זי אכט, וועלכע ציהען זיך אין דער הויך אין דער פארמע פון קאשטאניען בוימער. די זיילען זיינען געוועזען פון קופער און אזוינע צווייגען געדרעהט איז געווע־זען אין זיי פון קריסטאלענע רעהרען, אין וועלכע עס האט געפלאסען א ראזעווע פליסיגע ליכט טאג אזוי נאכט ווי א נר תמיד. און עס האט אבגעשלאגען אין די טרויבען בלעטער, וועלכע זיינען געוועזען גרין און דונקעל. און עס האט אויסגעזעהן ווי א ווייננארטען, וועלכער ווערט געוואשען אין פריהיגען טהוי — געוואשען און נאכדעם קומט די זון ארויס און שפיגעלט זיך אן אין די דונקעל גרינע זויבערע בלעטער.

„האבען זיך אידען אנגעזאמעלט אין דעם פארקעט, ארום דער בימה. מען האט נור געזעהן א שווארצען ים, און אויגען — א דונקעל טיעפנעכטיגער הימעל און פינקעלנדע שטערען...

„האט מען ניט געזעהן פון וועלכען ווינקעל און פון וואס פאר אן ארט. עס האט אויסגעוואקסען אויף דער בימה איין גרייז אלטער איד. זיין בארד ווייס ווי די זילבערנע אדלערס איבער די הייליגע ארונות, און זיין שטערען און קינבאקען הארט ווי די קופער פון די אכט זיילען און זיינע אויגען האבען געפלאמט מיט א בלויליך פליסיגען ליכט...

„האט ער אויפגעהויבען זיין רעכטע האנד, איז געווארען שטיל. די אידען פון גאנצען הויז האבען פחד בעקומען און איינגעהאלטען זייערע אטהעמער.

„— דער אלמעכטיגער האט מיר דורך א דין געוועבטען טרוים אנגע־זאגט איך זאל געהן דאס ערשטע און דאס לעצטע מאל צו אייך אין נייעם הויז אריין און רופען — האט זיין שטים זיך געווירבעלט אין דעם רוים פון רונדען הויז —

„— איך רוף אין נאמען פון שין, דלת און יוד:

„ווער פון אייך פון די יונגע, צי פון דער גרויסער שטאדט, צי פון

איין אנדערען עק פון דעם דאָזיגען פרייען און פעטען לאַנד, ווער פון די יונגע, וואָס פיהלט אין דער דאָזיגער רגע אַ דינינקען פלאַטער אין זיין נשמה, זאָל שטייגען צו מיר אויף דער בימה!...

„עס איז געוועזען שטיל אין הויז ווי אין געדיכטען וואלד פאַר אַ שטורעם. מען האָט ניט געוואוסט פין וואָס פאַר אַ ווינקעל און פון וועל־כען אָרט.

„איז ער אַ יונגער און אַ ציטעריגער, בלייך, ווי דער זוניגער זייל איבער דעם קריסטאַלענעם טאָוועל פון דאַך, זיינע אויגען אין זיך אריינ־געטיעפט, געבליבען שטעהן אויף דער בימה.

„דער גרייז האָט איהם ארומגעוויקעלט מיט זיינע אויגען און האָט נאָכאמאָל זיין רעכטע האַנד געהויבען און:

... דאָס איז מיין לעצטער וואונש, זאָג איך אייך, קינדער פון מיין ראַסע. איהר זאָלט וויסען זיין אַז מיר האָבען איין גאָט אין הימעל, ווי „איין הויז" אין דער דאָזיגער שטאָדט... מיינע הענד זיינען שוין שוואַך און מיינע לעפצען פערטריקענט און איך וועל אייך זאָגען די רייד פון שין־דלת־יוד אין מיין מויל:

... אַז אין דעם טאָג ווען אידען וועלען זיך איינזאַמלען פון דער גאַנצער שטאָדט דער גרויסער און וועלען קומען אין זייער הויז, וועלכע איז די שעהנסטע אין דער וועלט פון פעלקער. און איך וועל אויסדערוועה־לען אַ יונג פון פאָלק און וועל מיט מיין הויך בעריהרען זיין זעעל. און ער וועט ווערען געזאַלבט און ברייננגען צו זיין פאָלק די פליכט, וואָס איך האָב פון אייביג און אויף ווייטע ווייטען געשאָנקען צו די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב....

„... און דאָס איז דער יונג!"...

III.

האָט קיינער ניט געוואוסט פון וואַנען ער איז געקומען און ווי אַלט ער איז — נור אַז זיין נאָמען איז „דזשאָו". ער האָט זיך בעזעצט אין דער נייַנטער גאַס און געעפענט אַ דאַמען־שניידעריי. פלעג ער אַליין ארבייטען ביים מאַשין און מיט דער נאָדעל. און דורך זיינע דינע, לאַנגע פינגער, פלעג ער אין דאָס שטיקעל ארבייט, פליים און קענטניס אריינצור־

לעגען. נאכדעם עס ארויסשטעלען אין דעם איינציגען פענסטער פון זיין געשעפט.

האבען אנגעהויבען צו ציהען דאמען און מיידלעך צו איהם; האט איינע זיך א קלייד געמאכט, פלעג זי עס אלע איהרע פריינדינען דערצעהלען. און עס האט איהם אנגעהויבען צו געהן דורך טהיר און דורך טויער.

איז ער געווארען פערווארפען מיט ארבייט און ניט געגלוסט צו צונעמען איין ארויסהעלפער — געמוזט האט ער ארייננצונעמען נאך א מאשין און א מיידעל צום מאשין. שפעטער נאך א דריטען און נאך שפעטער א פיערטען — ביז ער האט געמוזט זיך אריבערציהען אין איין אנדער ארט מיט צוויי פענסטער צום גאס.

און וואס מעהרער זיינע ארויסהעלפער האבען זיך פערמעהרט אלץ ווייטער האט ער ווינציגער אליין געארבייט ביים שטיקעל ארבייט. פלעג ער זיך ארומדרעהען מיט א לייווענטענעם מאס אויף זיין נאקען. און אז עס פלעג אריינקומען א דאמע האט ער זיך, — אליין ניט וויסענדיג פון וועמען און וואנען געלערענט, — מיט איידעלקייט צו איהר פערנייגט. און צארט צו איהר געשמועסט. און אבגעמאהלען פאר דער דאמע א קלייד:

— לאנג וועט עס זיין, מאדאם, אז נור די שפיצען פון די שיכלעך וועלען זיך ארויסזעהן. פון הינטען און אין בייטע זייטען קליינצינקע פאלדעלעך. און ביי יעדער בינטעל פאלדען צו דריי קנעפעלעך. און פון פארענט ביי דער רעכטער קניע א געקנייטשטער פאלד עהנליך צו א רויז און אין מיט א קנאפ. און אין פארענט, אונטען ביים לינקען פוס, וועט קומען א קליינער שפאלט...

פלעג ער אזוי אבמאהלען, אז ביי דער דאמע פלעג געבוירען ווערען א בעגעהר דאס קלייד באלד צו האבען פערטיג, — פון פרייז איז שוין קיין רייד נישטא.

און אזוי איז איהם געגאנגען פון טהיר און פון טויער. און ער האט בעדארפט האבען אן ארויסהעלפער צו נעמען די מאס און אנצומעסטען די פראבען קליידער.

האט זיך געפונען א מיידעל צווישען זיינע ארויסהעלפערס, מיט א רויטען קאפ האאר. און זי האט געהאט אן איידעלע, בויגיגע פיגור. און א גאנצען טאג האט גערוהט דער שמייכעל אויף איהר בלאסליכען פנים. און

א שטיקעל ארבייט האט זי געמאכט מיט געפיהל. און געהייסען האט זי מיט דעם ווייכען און צארטען נאמען אסתר.

און איינמאל אין א פארנאכט איז דזשאו צוגעקומען און געזאגט פאר אלע מיידלעך:

— אסתר, איהר וועט מעהרער ביי דער מאשין ניט דארפען ארבייטען. איך נויטיג זיך אין אייך, מיר ארויסצוהעלפען. אט, נעמט ביי מיר די מאס צו און טהוט עס מיט געפיהל...

ביי אסתר׳ן האט זיך דאס פנים געביטען אין פארבען, ווען זי האט זיך מיט האסט א הויב געטהאן פון מאשין. די אנדערע מיידלעך האבען זיך שנעל געביטען מיט זייערע בליקען. און עס פלעג אזוי זיין. איז א דאמע ארײנגעקומען האט דזשאו מיט איהר גערעדט, און איז ער פארטיג געוואָרען מיט איהר, האט שוין אסתר געטהאן דאס איבעריגע.

און אין אבענד, ווען אלע מיידלעך פלעגען זיך אנטהאן און אהיים געהן, פלעג אסתר נאך פערבלייבען מיט דזשאו׳ן אין געשעפט. און אין מארגען, ווען אלע מיידלעך פלעגען זיך צונויפקומען צו דער ארבייט, פלעג אסתר נאך ניט זיין. זי האט געמעגט ארײנקומען שפעטער ווי אלע. און ווען די מאשינען פלעגען רוישען אלע צוזאמען, און ווען קיינער פון די קונדען פלעג ניט ארײנקומען, איז אסתר תמיד געשטאנען מיט דזשאו׳ן און פון עפעס גערעדט.

און פון יענער זייט ים אין קאלאמעא האט דזשאו א ווייבעל מיט צוויי קינדער. זיצט די ווייבעל ביי איהר פאטער, שמעון־דער־בעדער, און האפט, און שרייבט בריעף. און קוקט זיך ארום די אויגען אויף דעם בריעף פון „יודלען“ פון אמעריקא. און אז זי לויפט זיך אב די פיס אין פאסט אריין און אז זי ווײנט זיך גוט אן, ערהאלט זי א בריעף. און דאן לויפט זי מיט דעם בריעף אהיים און טאנצט אריין צו איהר טאטען אין הויז אריין, און פאר פרייד כאפט זי איהרע קינדער קושען. און דעם שאל פון איהרע איידעלע פלייצעס ווארפט זי אוועק, אזוי ווי זי וואלט איהם שוין מעהר ניט בעדארפט, און זי הויבט זיך אן ארומצוקוקען און צו זוכען אן ארט, וואו עס זאל איהר זיין בעקוועמער צו לייענען. און זי זעצט אוועק די קינדערלעך אויפ׳ן טיש און איהר פאטער שמעון־דער־בעדער טהוט אן זיינע ברילען און זעצט זיך אוועק ביים טיש אויף דער לאנגער

באַנק. און זי זעצט זיך אַוועק נעבען איהם און צופּענט דעם בריעף און לעזט אויף אַ קול.

און נאָך יעדער בריעף בלייבט איהר ליידיג אין האַרץ, ווייל זי האָט כמעט גאָרנישט וואָס צו לעזען. ער שרייבט צו איהר אַלעס אין קורצען. און צומאָל פערגעסט ער זיך די קינדער לאָזען גריסען. און וואָלט איהר מוטער יעצט געלעבט... וואָס קען זי זאָגען איהר פאָטער. אַ מאַנסביל, טהוט אָן זיינע ברילען, און לייענען קען ער ניט, נור אַז זי טהוט אַ לעז איבער אין קורצען און בלייבט אַזוי זיצען אָנמעכטיג, זאָגט ער נאָך, ווי ער וואָלט זאַלץ שיטען אין איהר צוואוועהטאָגט האַרץ, אַז עס איז אַ גוטינקער בריוועל.

שפּעטער ווענדעט זיך שמעון דער בעדער צו זיין טאָכטער חנה:

— וואָס געהסטו עפּעס אַרום ווי אַ שאָטען?

— איך?! — טהוט חנה אַ מאַך און עפּעס ווי אומבעוואוסט פאַר איהר אַליין, ווי זי וואָלט עפּעס זוכען, נעמט זי אַרומלויפען איבער דעם גרויסען שטוב.

— עפּעס זעה איך אין דיר אַז דו קענסט דיר קיין אָרט ניט געפינען.

און האָט חנה געפיהלט אַז איהר פאָטער וואָלט זי יעצט גוט אָנגעשלאָגען, ווי ער פלעג עס טהאָן אין איהר יוגענד, וואָלט איהר בעסער געוואָרען, ווי פון זיינע רייד. און זי פּרובט זיך ניט אונטערגעבען.

— אַ גאַנצען אין דער פריה זוך איך דאָס טינטערל מיט דער פען.

— איך האָב עס בעהאַלטען, טאָכטער לעבען, קליינוואַרג קענען נאָך, חלילה, אויסטרינקען די טינט, אָדער זיך צושטעכען מיט דער פען.

— אוי, דו ווייסט, טאַטע, וואו די טינט און פען איז? גיב עס מיר, איך בעט דיך. איך וויל שוין שרייבען יודל'ען ענטפער.

— ווּעסט ניט בעדאַרפען שיקען מיט דער פּאָסט. חינקע מאָטעלשניידער'ס געהט היינט אין קיין אַמעריקאַ אַוועק. קענסט מיטגעבען איהר דעם בריעף.

— איכ'ל בעסער שיקען מיט דער פּאָסט. זי קען עס נאָך פערלירען אין ים אריין.

— נאַרעלע, מען פאָהרט היינט ניט מעהר מיט'ן ים אין קיין אַמעריקאַ. איך האָב געהערט אָנומלעגסט ווי אידען האָבען געשמועסט אין באָד, אַז די בלעטער האָבען בעשריבען ווי די אַמעריקאַנער האָבען אַזאַ

בריק אין דער לופטען אויפגעהאנגען, און באהנען געהען איבער'ן בריק. כ'לעבען גיב מיט חינקע'ן דעם בריעף.

— ניין, איך וויל ניט... חינקע'ס מאן איז שפעטער אוועק ווי יודעל. און זי געהט שוין קיין אמעריקא. און איך — ניין! איך וויל שיקען מיט דער פאסט.

— מן הסתם איז נאך ניט די צייט. נארעלע, אי וועט ער דיך מירצא־שעם נאך ארויסנעמען...

---

אין ר' יצחק מאיר פון קאלאמעא, א איד מיט א קורץ, שפיציג בערדעל, א לאנגער און מיט גרויע לאנגליכע אויגען, אמאל דורכגעגאנגען די ניינטע גאס. און, ווי זיין טבע איז געווען, זינט ער איז אין אמעריקא, געקוקט אין די פענסטער פון די קליימען. טהוט ער אזוי א קוק און דער־קענט אין דושאו דעם דאמענשניידער, יודל'ען פון קאלאמעא, דעם בעדער'ס איידעם.

שטעלט ער זיך אוועק און קוקט זיך נאכאמאל איין צי ער נארט זיך ניט אב. עס איז פארט יודעל, טראכט ער.

איז ער אריין אין דעם דאמענשניידעריי.

— וואס וויל עפעס א איד? — פרעגט איהם דושאו און „ערקענט" איהם ניט, כאטש ער האט גוט געוואוסט ווער דער איד איז, ווייל אזוינע אידען ווי ר' יצחק מאיר טהוען זיך ניט פערענדערען אין אמעריקא.

— דערקענסט מיך ניט? גיב נור א קוק, איך וועל שוין רייך ווערען, יודעל.

שטעקט איהם יודעל אב שלום און אין זיינע אויגען ווערט איהם גרין און געל, און ער בעט נאט אין דער שטיל, אז דער איד זאל וואס גיכער פון דאנען זיך אבטראגען.

איז דער איד אוועק און זיינע קלוגע אויגען האבען ניט פערפעהלט צו בעמערקען, אז עפעס א „ליידי" מיט רויטע האאר דרעהט זיך ארום יודל'ען צופיעל. עפעס האט זי א גרויסע דעה איבער די ארבייטערינעס. נאר, האט ער זיך געטראכט, עט, א דאמענשניידעריי מוז האבען א „ליידי" פאר איין אויפזועהערין.

איז ער אהיים געקומען און מיט פרייד דערצעהלט:

— טרעף, וועמען איך האב היינט דא געזעהן?

— וועמען, זאָל איך טרעפען.

— יודל׳ען, מ׳בעדער׳ס איידעם פון קאָלאָמעא.

— געה שוין, געה, יודעל אין אמעריקאַ! וואָסי, ער האָט דען שלעכט געמאַכט אין דער היים?

— מעגסט שוין זעהן וואָס׳ר אַ געשעפט ער האָט אין דער נײַנטער סטריט.

און אין אבענד זאָגט חוה צו ר׳ יצחק מאיר׳ן:

— הערסט איצע, איך בין אַ בעלאַסקען אַנצוקוקען יודל׳ען.

און זיי האָבען זיך ביידע אוועקגעטראָגען אין דער נײַנטער גאַס. און אַז זיי זיינען אריין אין דעם דאַמענשניידעריי, איז אסתר צו זיי צוגעקו־מען און זיי אָנגעוויזען ביינקלעך צום זיצען, און איז אַליין אוועק מעלדען דזשאָו׳ן, זיי צואוואַרפענדיג פריינדליך:

— איין קליינע מינוטעלע.

קוקען זיך איבער ר׳ יצחק מאיר מיט זיין פרוי חיה.

זאָגט די אידענע:

— עס מוז זיין אַ שוועסטער׳ל זיינס.

— קלאָטה, אַ שוועסטער האָט יודעל אויף זיין לעבענס ניט געהאַט.

קומט דערוויל יודעל אונטער און דערזעהט ווייטער דעם לאַנדסמאַן פון קאָלאָמעא. טהוט עס איהם אַ שטאָך אין ברוסט. און ער קען קיין אָרט ניט געפינען.

הויבט זיך דער איד אויף פון ביינקעל און זאָגט:

— איך האָב אביסעל געבראַכט מיין אידענע. זי וויל זעהן אַ לאַנדס־מאַן. מען איז דאָ פרעמד און פערוואָרפען.

— וואָס מאַכט עפּעס יודעל? — טהוט די אידענע אַ פרעג און וואַרפט אַ בליק צו דער „ליידי" מיט די רויטע האָאר. איהר פרויען אינ־סטינקט האָט איהר עפּעס אונבעשטימטעס פאָרגעזאָגט.

און דזשאָו שטעהט, די פיס ביי איהם זיינען ווי אונטערגעהאַקטע. און ביי זיך אינוועניג שילט ער דעם טייפעל, וואָס ער האָט צו איהם פערשלעפּט די דאָזיגע געסט.

זאָגט די אידענע ווייטער:

— זעה נאָר, איצי, וואָס׳ר אַ געשעפט יודעל פיהרט! מיר וועלען

אַהיים שרייבען אַז מיר זיינען ביי דיר, יודעל, געווען. דיין חנה וועט זיך דאָרטען מחיה זיין. איך געדענק זי נאָך פאַר א קליינציקער...

און אַז זיי זיינען אַוועק איז דער לײדי גאַר ניט איינגעפאַלען צו פרעגען וועגען זיי. און ער, דזשאָו, האָט עפּעס אָנגעהויבען צו פורכטען פאַר א זאַך. און געטראַכט, אַז ווען ער זאָל נור קענען, וואָלט ער זיין געשעפט אַריבערגעפיהרט אין איין אַנדער אָרט.

עס איז אָבער ניט געווען גוט צום געשעפט עס אַריבערצופיהרען. און ער האָט געמוזט סיי־ווי־סיי האָבען א גוטע אורזאַכע דער „לײדי" צו געבען.

---

האָט יודעל איינמאָל ערהאַלטען א בריעף פון קאַלאַמעא. און גראַדע דאַן ווען די „לײדי" מיט'ן רויטען קאָפּ האָאר איז פערבליבען מיט איהם, שפּעטער אין אבענד, אין זיין געשעפט. דזשאָו האָט מיט א לײכטען ציטער, אין זיך פערבאָרגען זיינע געפיהלען, וועלכע האָבען זיך געשטויסען אויף דער פריי פון זיין האַרץ. און ווען זיין „לײדי" האָט איהם א פרעג געטהאָן, פון וואַנען דער בריעף איז, האָט ער געענטפערט:

— פון די „אַלטע" אין יוראָפּ.

— לאָז א קוק טהאָן.

דזשאָו האָט איהר צערטליך דערלאַנגט דעם בריעף, ווייל ער האָט געוואוסט בעשטימט, אַז זי קען סיי־ווי־סיי ניט לעזען קיין אידיש..

אסתר האָט בעקוקט דעם בריעף פון אַלע זייטען. עס איז אין איהם געווען צוויי ערליי שריפטען, און זי האָט עס בעמערקט און אַליין אויס־געטייטשט, ווייזענדיג פריהער אויף איינעם און נאָכדעם אויף דעם צוויי־טען, צאַרטערען כתב:

— דאָס מוז זיין פון פּאַפּא און די פון מאַמא.

— זעה נור ווי זי האָט דערקענט! — האָט זיך דזשאָו דערפרעהט און מיט ביידע הענד זי אַרומגעכאַפּט קרעפטיג, און איהר אָבגעפּרעסט א קוש אין קאָפּ.

— ביזט א פּרעכער, דזשאָו — האָט אסתר אָבגעשפּרונגען אויף א זייט און מיט א נאַזטיכעל זיך אָבגעווישט דעם שטערען, — לעז מיר נור וואָס מאַמא שרייבט?

ער האָט גענומען דעם בריעף און אויף איין מינוט האָט עס איהם

אויסגעזעהן אז ער פאַלט אריין, ווייל ער האָט פערגעסען אויף וועלכען שריפט זיין „ליידי" האָט געזאָגט אז עס איז מאַמאַ׳ס, צי אויף חנה׳ס צי אויף זיין טאָכטער׳ס? ער האָט מאָמענטאַן א כאַפּ געטהאָן דער ליידי׳ס בליק און זיך גענומען קוקען אין זיין טאָכטער׳ס שריפט און געלעזען, ווי זיין מוטער וואָלט איהם שרייבען.

— מיין ליעבער זוהן, יודעל לעבען!

כאָטש ער האָט שוין לאַנג קיין מוטער ניט געהאַט, — אפילו קיין פאָטער אויך ניט, — פונדעסטוועגען האָט ער ערקלעהרט זיין „ליידי" מיט׳ן רויטען קאָפּ האָאר, אז אין קאַלאָמעא פלעגט מען איהם רופען „יודעל" און דאָ אין אמעריקאָ הייסט ער דזשאָו.

— לעז ווייטער, דזשודעל... — האָט אסתר געטהאָן א זאָג, נאָכ־קרימענדיג דעם אידישען וואָרט „יודעל", און האָט זיך מיטביידע הענד אָנגעהאַנגען אָן זיין רעכטען אקסעל.

דזשאָו האָט דערפיהלט וואָרעם פון אסתר׳ס נאָהענטקייט. ער האָט געקוקט אין דעם כתב פון זיין טאָכטער׳ס קליינעם הענדטעלע און עס האָט איהם בענומען א געפיהל. און ער האָט א טראַכט געטהאָן פון דעם פליים, וואָס זיין וויב חנה האָט אוועקגעגעבען אויסצולערנען דער מיידעלע, אז זי זאָל קענען צו שרייבען א שטיקעל, צום טאַטע׳ן אין אמעריקאָ....

און ער האָט מיט בעגייסטערונג געלעזען:

— ליעבער און טהייערער זוהן, איך שיק דיר פון ווייטען א מזל טוב... און ווינש דיר גליק מיט דיין כלה צוזאמען. איהר זאָלט אי"ה אין גיכען חתונה האָבען און אָבלעבען אייערע יאָהרען צוזאַמען אין פרייד און גוטעס... שיקט אונז אייערע בילדער פון פאַר דער חופה...

דאָס לעצטע האָט ער ווי צוגעשטעלט נאָך א מינוט פון איבערדענקען.

— די אַלטע ליידי איז אויך פרעך, — טהוט אסתר דזשאָו׳ן א שטופּ און אליין דרעהט זי זיך אוועק אָן א זייט. נעמט זיך עפּעס צורעכט מאַכען די ניט פערענדיגטע קלייד, וועלכע איז געוועזען אָנגעטהאָן אויף דער פיגור.

— וואָס־זשע, אייביג וועלען מיר זיין חתן־כלה? נאַרעלע, צו ליעב־סטו מיך גאָר אין גאַנצען ניט?

— רייד ניט אזעלכע זאַבענישען...

האָט ר׳ יצחק מאיר אַזוי לאַנג נאָכגעזוכט און נאָכגעשפּירט, ביז ער איז דערגאַנגען אַז יודעל דער דאַמענשניידער פון דער ניינטער גאַס וועט טאַקע חתונה האָבען מיט דער רויטער „לײדי״.

האָט איהם ביים האַרצען פּערקלעמט און ער איז אַוועק צו די אַנדערע לאַנדסלייט, וועלכע זיינען געוועזען צושפּרייט איבער דער שטאָדט ניויאָרק, און האָט אַ פּייער אַ גרויסען אונטערגעצונדען.

קלוג זיינען זיינע גרויע לאַנגליכע אויגען סיי־ווי געוועזען. האָט ער געזאָגט אַז עס וועט זיך ניט בעצאָהלען אָנצומאַכען אַ שטאַרקען רעש. „זאָל דער פּייער ברענען שטילערהייט״....

— וואָס וועט איהר אויפטהאָן אין דער שטיל?

— געהן אין געריכט!

— בעסער צו דער מיידעל׳ס עלטערען.

— נאַראָנים, מיר מוזען דאָס ווייבעל ברענגען אַהער פון קאַלאָמעאַ, און פאַר דאָס אין דער שטיל, — האָט ר׳ יצחק מאיר געזאָגט זיין וואָרט, דערביי האָט ער געטהאָן אַ מאַך מיט׳ן גראָבען פינגער צו זיין האַרץ.

האָט מען זיך צוזאַמענגעלעגט. ווער עס האָט געגעבען אַ דאָלאַר און ווער צעהן. און מען האָט ר׳ יצחק מאיר׳ן אויסגעקליבען אַז ער זאָל טאַקע פאָהרען פון יענער זייט ים און „זי״ טאַקע ברײנגען.

קיין צעטעל בעדאַרף מען איהם ניט מיטגעבען. ווייל אין קאַלאָמעאַ ווייסט מען ר׳ יצחק מאיר׳ן בעסער, ווי דזשייקאָב שיף דאָ אין אַמעריקאַ.

איז ער אַוועקגעפאָהרען מיט דער ערשטער שיף, און אַז ער איז בשלום אָנגעקומען קיין קאַלאָמעאַ, און אַז ער האָט זיך נור איינגעוואַשען דעם פּנים און די הענד, האָט ער באַלד געשיקט רופען חנה׳ן דעם בעדער׳ס טאָכטער.

— געה, זאָג איהר — האָט ר׳ יצחק מאיר בעפוילען דעם אינגעל־שליח — אַז איך בין געקומען פון קיין אַמעריקאַ און בעדאַרף זי נויטיג זעהן.

באַלד איז געקומען צולויפען שמעון דער בעדער און אָבגעשמעקט ר׳ יצחק מאיר׳ן אַ ברייטען שלום עליכם.

— וואָס מאַכט עפּעס מיין יודעל?

זאָגט ר׳ יצחק מאיר:

— איך האב געשיקט נאך איער טאכטער. לויפט און שיקט זי צו מיר.

האט זיך דער בעדער שטארק דערשראקען. און ווי אלט ער איז, האט איהם גענומען אפשר א ניין רגע'ס צו לויפען אהיים, פון יענעם עק קאלאמעא.

און נאך ווינציגער האט גענומען חנה'ן צו קומען צולויפען. און נאך האסטיגער האט איהר ברוסט זיך געהויבען ארויף און אראב און פאר שרעק האט זי אזש פערגעסען צו זאגען גוטען מארגען. ווער שמועסט שוין פון סקאצעל קומט.

---

אסתר, די רויט־האאריגע מיידעל, איז געווען ביי איהר פאטער יוליוס קארענוואלד די מוזינקע. און אזוי ווי קארענוואלד האט חתונה געמאכט זיינע אנדערע טעכטער אין כבוד און פרייד, אזוי אדער נאך שעהנער, וועט ער פראווען זיין מוזינקע'ס חתונה.

געוועזען איז יוליוס א קליינער סוחר און געדרעהט אין לודלאו גאס זיין קאפ און די קעפ פון לייטען, און עס האט לייטען געוואונדערט וואו און ווי ער טהוט זאכען, וועלכע אנדערע, רייכערע פון זיין שטאנד, קאנען ניט פערשאפען.

האט עס געקלונגען אין לודלאו, און יוליוס האט דערפון נחת געהאט.

איז מען אוועק אויף ארטשארד און אבגעדונגען די אייגענע גרויסע זאל, אין וועלכע יוליוס האט זיינע אלע קינדער חתונה געמאכט.

און גענומען האט מען דעם קורצינקען פעטען אידעל מיט דעם סקווערען, ברוינעם בערדעל און מיט די ברוינע אונרוהיגע אויגעלעך, אלס רעוורענד, דער אייגענער מסדר קדושין ביי אלע קינדער;

די אייגענע פערשמאלצענע דיקע פרוי מיט די גראבע מאסיווע ליפען און מיט דעם גרויסען, ברייטען און גלאנציגען שטערען, פאר א קעכין;

די אייגענע מוזיקער — מיט איינעם ווארט, יוליוס קארענוואלד איז ניט געשטאנען אין געלד און געזאגט צו זיין פרוי „ענני", אנצוגרייטען פון אלעם ברייטלעך.

איז מען אוועק צום קצב און פערזאגט צוויי הונדערט היהנדלעך

און פופציג קעלבערנע לעבערס, צוויי הונדערט פונט ריפען־פלייש און דערצו נאָך אַ פּאָאַר הונדערט קוהענע מילצען.

איז מען געגאַנגען צום אייגענעם בעקער אין עסעקס גאַס און מען האָט פּערזאָגט ווייצענע ווייסע בולקעלעך און קוכענס אָהן אַ שיעור. און זיך געהייסען אָנצובאַקען צוקער־ און האָניג־לעקעכער, און פלאָדען און טאָרטען מיט אָנגעזעצטע האַלבע גים.

איז מען אַוועק אין סאַלון, דעם אייגענעם, אויף סאַפאָלק גאַס, און פּערזאָגט צוואַנציג פעסלעך ביער, אַזוי פיעל אין ערך גאַלאָנען וויין און פלעשער שליוואָוויטש אָהן אַ שיעור.

און אין לודלאָו גאַס, וואו אסתר איז געבוירען און אויפגעוואַקסען, האָט זיך געטראָגען אַ רעש, כמעט איבער צוויי סקווערען וועגען דעם, ווי די רויט־האָאָריגע אסתר האָט אַ גליק געטראָפען און זי בעקומט אַ מאַן מיט אַ ביזנעס אַ גרויסע אין דער ניינטע גאַס, אויף דעם סאַמע ראָג פון דער בעריהמטער סעקאָנד עוועניו...

און אסתר אַליין פלעג די לעצטע קורצע צייט פאַר דער חתונה שוין ניט געהןאין איהר געליעבטענ׳ס דאַמען־שניידעריי אַזוי אָפט.

איהר מוטער ענני, אַ מאָגערע, הויכע אידענע, האָט זי איינמאָל אָוועקגערופען אָן אַ זייט און זי געוואָרענט, אַז זי זאָל זיך היטען פאַר פרעמדע — זי איז אַ כלה־מויד פאַר דער חתונה; דערהויפּט זאָל זי זיך היטען ניט צו פערבלייבען מיט דעם חתן איינע אַליין, אויף אַ לאַנגע צייט.

האָט עס ביי אסתר׳ן אויסגעוויזען קאָמיש און זי האָט עפּעס, ווי אַליין געוואָלט אויסגעפינען, צי עס איז דאָ אַ גרונד אין איהר מוטער׳ס וואָרנונג.

האָט זי איינמאָל, טאַקע בלייבענדיג אַליין מיט איהר געליעבטען „דזשאָו" זיך עפּעס דערשראָקען פאַר זיין בליק.

זי האָט אַ תירוץ אויסגעזוכט און איז אַוועק אַהיים און לאַנג גע־טראַכט פון איהר מוטער׳ס וואָרנונג — זי האָט זיך שוין געהיט...

---

און געהיט האָט זיך „דזשאָו" דער דאַמענשניידער נאָך מעהר.

פון אויבענאויף איז ער געוועזען אויפגעלעגט און מונטער. האָט יעדען פון זיינע קונדען העפליך און דיפּלאָמאַטיש דערצעהלט, אַז ער פּראָוועט אין גיכען זיין חתונה מיט דער מיידעל אסתר קאָרענוואַלד.

פלעג זיך אסתר פון אנפאנג פערשעהמען און איז באלד צוגעוועהנט געווארען, ווייל קונדען האט דזשאו נעהאט אהן א שיעור און אזוי פיעל בעמערקונגען ווערען איינעם איינגעבאקען אין הארצען.

אסתר האט זיך שוין ניט געשעהמט פאר זיך אליין, און זי זאל ווידער קוקען אין דזשאו׳ס פנים, איז איהר ניט איינגעפאלען.

און ערגעץ ארום זיינע אויגען פלעג זיך דאך שפרייטען א ווארעמע רויטקייט, ווען ער פלעג רעדען פון זיין חתונה.

און נור דורך זיין איבערגעוועהנליכע מענליכקייט, פלעג זיין בלא־סער גלאט ראזירטער פנים ניט בעווייזען קיין שום ענדערונג.

און האט ער זיך אנגעברייט צו זיין חתונה מיט א פרייער האנד, און מיט א פערדריקטען הארץ.

אסתר האט שטארק געוואלט א וואוינונג אין דעם אויבער־טהייל פון שטאדט ניו יארק, וואס הייסט בראנקס; ווען זי וויל עס אין הימעל, בעקומט זי דען ניט?

און צעהן טעג האט זיי גענומען אויסצוקלויבען די מעבעל. מען האט געקליבען א קאליר צום קאליר, פון די דונקעל ברוינע, הארטע, מא־האגאנע האלץ.

און דערצו נאך טעפיכער צו יעדען פון די זיעבען צימערען אין זייער וואוינונג.

נור אז דזשאו פלעג בלייבען אליין שפעט אין אבענד און זיך אוועק־ווארפען אין זיין בעט א מיעדער, פלעג ער ניט קענען איינשלאפען. עס האט זיך איהם נור געוואלט אויסרעכענען אז ער איז ניט שולדיג. „ער האט געמוזט אזוי האנדלען, און עס וועט אזוי מוזען זיין"....

„צוליעב וואס האט גאט געגעבען דער מיידעל אסתר אזוי פיעל איידעלקייט אין איהרע ביינער אריין?"...

„ווען אסתר האט דאס ערשטע מאל איהר פוס אויף זיין שוועל געשטעלט, האט זי אין זיין הארץ א טראט געטהאן און דארט א טיעפען צייכען געלאזען."

„האט ער ניט געקענט פערגעסען אין זיין חנה׳ן פון יענער זייט ים מיט זיינע קינדערלעך און ניט געקאנט אוועק פון אסתר׳ן מיט די רויטע האאר"....

„אסתר האט צוערשט אין זיין שניידעריי געוועלטיגט, איהר חן און

איידעלקייט אין יעדער שטיקעל ארבייט אריינגעלעגט. און נאכדעם האט זי איהם אליין אויך געגעבען צו פערזוכען דעם טעם פון איהר רייץ"...

נאך א זאך האט איהם פערשמעקט:

„קיינער ווייסט ניט „וואס" און „ווער" ער איז, דאס לעבען איז אזוי קורץ און אויב ניט איצט, טא ווען דען?"....

האט ער פערליינגערט די צייט פון שרייבען א בריעף צו זיין חנה'ן אויף יענער זייט ים, און די בריעף אליין פערקירצט וואס מעהרער און מעהרער. געטראכט האט ער גאר אין גיכען אויפצוהערען שרייבען.

געהיימניספול און דונקעל איז די גרויסקייט פון שטאדט ניו יארק, און נאך מעהר געהיים און דונקעל איז די פערגאנגענהייט פון איהרע איינוואוינער.

און ווייסען שוין איניגע לאנדסלייט פון „דזשאו" דעם דאמענ־שניידער, בעדארפען זיי עם האלטען אין א פערשלאסענעם סוד.

און ער אליין ווייסט ניט וואס לייט שפרייטען ארום זיינע פיס...

---

און נאך איידער קאלאמעא אויף יענער זייט ים האט זיך פון עפעס וואס דערוואוסט, האט זיך ר' יצחק מאיר פערמאכט מיט חנה, דעם בעדער'ס טאכטער, אין א בעזונדערען צימער.

דאס ערשטע האט ער זי א פרעג געטהאן:

— האסטו עפעס בריעף פון יודל'ען?

— ניט לאנג פון איהם א בריעף בעקומען, — האט זי געענטפערט מיט א ציטעריגער שטימע.

— וואס שרייבט ער דיר?

— ....

חנה האט זיך געביטען אין פארבען, ווייל זי האט ליעב געהאט יודל'ען און געגלויבט, אז דאס וואס ער שרייבט צו איהר ווייסען זיי און גאט, ווייטער בעדארף קיינער ניט וויסען.

— הער, חנה לעבען, גאנץ קאלאמעא קען מיך זעהר גוט, דו אויך,— האט זיך ר' יצחק מאיר געווענדעט צו איהר מיט א פאטערליכער שטימע, — און אין אמעריקא האב איך אויך א נאמען. זאל מיין נאמען אויסגע־מעקט ווערען פון גערעכעניש, אויב איך מיין דא עפעס שלעכט צו טהאן דיר.

ער איז געבליבען שטיל אויף א סעקונדע און דאן זיך פערקוקט חנה'ן גלייך אין די אויגען אריין און געפרעגט:

— איך וויל וויסען צי האסטו יודל'ען ליעב?

— איך?...

חנה האט מעהרער ניט געקענט ריידען. זי האט זיך אויסגעדרעהט מיט איהר פנים צו דער וואנד און מיט איהרע בלייכע דינינקע הענד פערשטעלט דעם פנים.

דער איד האט פערשטאנען און געזאגט:

— זאלסטו וויסען זיין, אז דיין יודעל איז אוועק צו אן אנדערע!....

— אן אנדערע... — חנה האט זיך שנעל אויסגעדרעהט פנים צו פנים צו ר' יצחק מאיר'ן. זי האט ניט געוויינט, נור בלאס איז זי געוועזען, א נאדעל צו שטעכען אין איהר לייב וואלט קיין בלוט ניט געשפריצט!

— יע.... די געפאהר איז א נאהענטע — האט דער איד אנגעהויבען מיט א שטילען, ווארימען קול, — אבער מען קען זי פערהיטען. דו מוזט אהיים געהן און זיך פארטיג מאכען צו פאהרען מיט מיר אין קיין אמעריקא. געלד איז פאראנען גענוג! נו, געה. —

און אויף מארגען איז שוין ר' יצחק מאיר געפלויגען מיט חנה'ן אין קיין אמעריקא.

די קינדער האט זי געלאזען ביי איהר פאטער, — ביז גאט וועט העלפען....

---

דאס פאסיקעל, וואס איך האב אויבען אויפגעקריצט, איז דאס לעצטע פון דער דאזיגער מעשה.

איך האב א סיגארעט אנגעצונדען, א ברייטען וואלקען רויך איבער מיין צימער צולאזען, איינצעלהייטען שווימען ארויף אין מיין זכרון. און אט ווי דאס פאלק פערענדיגט די מעשה:

.... א פאיעטאן מיט צוויי פערפוצטע פערד זיינען מיט דער גאנצער לייבג פון לודלאוו גאס דורכגעפלויגען, דער חתן אינוועניג אין פאיעטאן, און זיינען ביי דער כלה'ס הויז שטעהן געבליבען.

פוןביידע זייטען גאס זיינען שוין געשטאנען אנגעגרייט נאך פאיעטאנען מיט פערפוצטע פערד.

אויף צו פריהער איז דער חתן אריין אין הויז פון דער כלה. פון

ביידע זייטען טרעפּ זיינען געשטאַנען מענשען פון דער גאַס קאָפּ אויף קאָפּ. באַלד איז דער חתן אַרויס מיט דער כלה פון הויז. דעם שלעפּ פון דער כלה׳ס ווייסען קלייד האָבען צוויי קליינע קינדער, אַ אינגעלע און אַ מיידעלע, נאָכגעטראָגען. עס האָט אַ רעגען געטהאָן מיט רייז און רויזען־בלעטלעך איבער חתן־כלה. דעם חתן האָט מען אין אַ בעזונדערען פּאַיע־טאָן, מיט צוויי מיידלעך חבר׳טעם געזעצט. און די כלה אין אַ בעזונדע־רען פּאַיעטאָן, מיט צוויי יונגע לייט, דער כלה׳ס חבר׳טעם חתנים. און אַ דריטער פּאַיעטאָן איז צוגעפאָהרען און טאַטע־מאַמע זיינען אַריינגעזעצט געוואָרען אין איהם, ביז עס האָבען זיך אָנגעפילט אַלע פּאַיעטאָנען און מען איז אַוועק אויף אָרטשארד גאַס.

און אַז חתן־כלה זיינען אַריין אין דעם האַלב דונקעלען זאַל, איז באַלד די עלעקטריע בעלייכטונג אָנגעצונדען געוואָרען.

חתן־כלה האָבען זיך בעזעצט אויבענאָן. און די ברכות פון די געסט און מחותנים מיט גרוים פרייד און אַ סך קושעריי צוגענומען.

און קעגענאיבער אין אַנדערען עק פון זאַל, אין אַ באַלקאָן מיט אַ גאַניקעל, זיינען די מוזיקער געזעסען מיט קלאַרנעטען און טראָמפּייטען און פיעדלען צוויי. און איינער אַ נידעריג אידעל מיט אַ לאַנגען, גרויסען באַס. און אַ פויק מיט טאַצען האָט אויך ניט געפעהלט.

און ווען עס זיינען געקומען אַריינצוגעהן כלה׳ס פאָטער און מוטער, די שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער, די מוהמעס מיט די פעט־טערס און קוזינעס און אַלע ווייטע גוטע פריינד, האָבען די מוזיקער אויפ־געשפּיעלט אַ פרעהליכס.

אָנגעהויבען האָט דאָס אידעל מיט׳ן בלייכען פּנים, פריהער אַ קלאָפּ טהוענדיג מיט׳ן סמיציק איבער דעם לינקען זייט פון פיעדעל, און ער האָט אויך אויסגעלאָזט יעדער פרעהליכס מיט אַ פּאָר ווערטער. דערביי האָט ער פערגלאָצט מיט זיינע קליינע אויגעלעך און אַ שאָקעל געטהאָן מיט זיין קאָפּ אַהין און אַהער.

עס איז דער זאַל פול געוואָרען.

יונגע האָבען זיך געדרעהט אין וואַלסען און קאַדרילען.

און דער לאַנגער טיש, וואָס איז געוועזען אָנגעשטעלט מיט פלעשער און געבעקס, האָט אויך קיין בושה ניט איינגענומען.

האָט זיך א מוהמע פון כלה'ס צד געוואונדערט, פערקרימט דאָס מיילכעל:

— זעהט נור, מאמעלעך, גאָלע כלה'ס צד...

האָט איין קוזינע פון כלה'ס צד געענטפערט אביסעל מיט גדלות:

— טאקע א רייכער חתן, אָבער עלענד, ווי א שיף אויפ'ן ים...

איז די נאכט ניט געשטאנען.

דער רעוורענד איז שוין לאנג געקומען, פארטיג מיט זיינע פאפירען.

מען האָט די חופה צואוויקעלט און אויפגעשטעלט.

די מוזיקער האָבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען דעם גרילצענדען, הארצ־הויבענדען חתן־כלה...

עס איז פּלוצים געוואָרען א רעש.

אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט.

א ווינט האָט די טהיר פון זאַל צועפענט.

דער שומר פון טהיר האָט ניט געלאָזען.

האָט מען זיך מיט געוואלד ארייגעריסען:

דריי אידען עדות און ר' יצחק מאיר פון קאָלאָמעא האָט געפיהרט די בלאַסע חנה'ן איינגעוויקעלט אין א שאַל.

עמיץ האָט אויסגערופען:

— פון חתן'ס צד...

און די מוזיק איז פערשטומט געוואָרען.

מיט פערקלעמטע ליפען און פערגליווערטע אויגען האָבען אַלע גע־קוקט צו דעם קליין־בערדיגען אידען ר' יצחק מאיר, וועלכער איז שוין געשטאנען אויף א ביינקעל איבער אַלעמענ'ס קעפּ און האָט ציטעריג גערעדט:

— פון חתן'ס צד!... איך האָב דריי עדות, אידען, אז דער חתן איז א בעווייבטער... און דאָס איז זי.... —

ער האָט אָנגעוויזען אויף חנה'ן, וועלכע איז געוועזען כמעט אין גאנצען איינגעוויקעלט אין א שאַל. נור א טהייל פון איהר שארפען, בלייכען פּנים און איהרע גלאנציגע, שווארצע אויגען האָט מען געקענט זעהן.

חנה האָט נור א קוק געטהאָן צו יודל'ען...

און ניט געגאנגען איז מען צו דער חופּה!...

עס האָבען שדים באַלד אָנגעהויבען צו טאַנצען אין דעם לאַנגען און ברייטען זאַל...

און ניט געשפּיעלט האָבען די מוזיקער...

עס האָבען זיך געטראָגען קולות און שלוכצען און יאָמערען אָהן א שיעור....

און עס האָבען באַלד אָנגעהויבען צו קלינגען גלאָקען... שנעלע קלאַנגען, װעלכע זאָגען אָן פון אן אומגליק...

די אַמבולאַנסען זיינען געקומען צו לויפען, און די דאָקטוירים אין װייסען בעקליידט האָבען פון זיי אַרויסגעשפּרונגען און אין איילעניש אריין אין זאַל, און אין נאָך א גרעסערער איילעניש אַרויס אויף צוריק. און עס האָט וױיטער אָנגעהויבען צו קלינגען אין די גלעקער... זיך קוים דורכגעריסען צווישען דער שװאַרצער, צוזאַמענגעלאָפענער נייגירדע פון אַרמשארד גאַס...

טויט איז געפאַלען דער חתן, און אויף איהם די כלה מיט א צורי־סענעם הארץ...

נור חנה איז אין ערגעץ אַנטרונען פון זאַל, און מען װייסט ניט עד היום פון איהר געביין...

# איבערזעצונגען:

I אַלט־קלאַסישע. (גריכיש): האָמער — איליאַדע; סאַפאָ — ליעדער און פראַגמענטען; אַנאַקרעאָנטיקאַ — ליעדער צוגעשריעבען צו אַנאַקרעאָן. (לאַטייניש): קאַטולוס; האָראַץ. אידיש דורך מ. א. הערבערט.

II מאָדערנע. (דייטש): פרידריך ניטשע; ריכאַרד דעהמעל; הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַל; מאַקסימיליאַן דאַוטהענדעי; אלפרעד מאָמבערט; עמיל הערמאַן; ריכארד שאוקאל; פעטער הילע; הערמאַן העסע; אַרנאָ האָלץ; קאַרל בוסע; גוסטאַוו פאַלקע. (רוסיש): א. פעט; טיוטשעוו; פ. סאָלאָגוב; קוזמין. (ענגליש): ראָבערט ל. סטיווענסאָן. אידיש דורך זישאָ לאַנדוי, ר. אייזלאַנד, פ. ל. האלפערן און מאַני לייב.

# I אַלט־קלאַסישע:

## האָמער:

איליאַדע. בוך I

זינג פון דעם צאָרן אַ געטין, פון אַכילעס, זוהן פון פּעלעאוס,
דעם פערניכטענדען וואָס האָט געבראכט די אַכאַיער פיעל וועהטאָג,
פיעלע מעכטיגע זעעלען פון העלדען געשליידערט אין האדעס
און זיי׳רע לייבער געוואָרפען האָט צו די הינד פאַר אַ מאכל
און צו די פויגעל פאַר שפּייז. דערפילט איז געוואָרען זעאוס׳ ווילען,
זינט צוערשט אין געקריגע זיך זענען אַנטקעגען געשטאַנען
אַטרעאוס׳ זוהן דער הערשער פון מענער, און געטליכער אַכיל.
ווער פון די געטער האָט זיי געטריבען זיך קריעגען און קעמפּפען?
לעטאָ׳ס און זעאוס׳ זוהן; ווייל ער האָט, אין כעס אויף דעם קעניג,
אויף דער אַרמעע געוואָרפען אַ שווערע פּעסט און געשטאָרבען
זענען די פעלקער, ווייל אַנגעטהאָן האָט צו כריזעס, זיין פּריעסטער
אום־כבוד אַטרעאוס׳ זוהן. דען ער איז צו די שיפען געגאַנגען
פון די אַכאַיער אום אויסצולייזען זיין טאָכטער, מתנות
ברענגענדיג אָהן אַ שיעור און האַלטענדיג אין דער האַנד דאָס
באַנד פון ווייט־וואַרפענדען גאָט אַפּאָללאָ אויף גאָלדענעם שטעקען
און מיט די ווערטער האָט ער געבעטען אַלע אַכאַיער
און בפרט די צוויי זיהן פון אַטרעאוס, וואָס פיהרען די פעלקער:
קינדער פון אַטרעאוס און איהר גוט־בעשיענטע אַכאַיער,
מעגען די געטער אייך געבען, וואָס וואוינען הויך אויף אָלימפּאָס,
איהר זאָלט פערוויסטען די שטאָדט פון פּריאַם און גליקליך
אַהיימגעהן,
נור גיט אָב מיר מיין טאָכטער מיין ליעבע, נעהמט אָן די מתנות,
עהרענדיג זעאוס׳ זוהן דעם ווייט־וואַרפענדען גאָט אַפּאָללאָ.
דאָ האָבען אַלע אַכאַיער געגעבען זייער הסכמה,
מע זאָל עהרען דעם פּריעסטער און נעהמען די טיי׳רע מתנות.
אָבער דאָס איז ניט געפעלען אין הארצען דעם האַרר אַגאַמעמנאָן

און ער שיקט איהם מיט בייז אַוועק און בעפעהלט איהם מיט שטרענגקייט :
לאָמיך דיך, אַלטער, פון היינט ביי די הויהלע שיפען ניט טרעפען
סיי פערבלייבענדיג איצט, אָדער קומענדיג שפּעטער ווען ווידער,
אז עס זאָל דיר ניט העלפען דאָס באַנד און דער שטעקען אַפּאָללאָ'ס,
זי אָבער גיב איך ניט אָפּ, עס וועט גיכער זי עלטער דערגרייכען,
אין אונזער הויז אין אַרגאָס ווייט פון איהר לאַנד, דעם געליעבטען
וועבענדיג אויף איהר וועבשטוהל און דיענענדיג פאַר מיין געלעגער.
דו אָבער געה, ניט דערבייזער, זאָלסט קומען אַהיים ניט בעשעדיגט!
ער האָט געזאָגט, ס'האָט דער אַלטער געשראָקען זיך און האָט גע־הארכט איהם.
שווייגענדיג איז ער געגאַנגעןביים ברעג פון פיעל רוישענדען ים, ער
איז דאַן אַוועק אין אַ זייט און געבעטען האָט ער, דער אַלטער
קעניג אַפּאָללאָ, וואָס איז פון שעהן־לאָקיגער לעטאָ געבאָרען;
הער מיך גאָט מיט־דעם־זילבער־בויגען, וואָס געהסט אַרום כריזע,
און אום דער געטליכער קיללאַ און הערשסט מיט מאַכט אין טענעדאָס.
סמינטהעוס! אויב איך האָב ווען געבויט דיר אַ טעמפּעל, אַ שעהנעם,
אָדער געברענט צו דיין כבוד אַמאָל די שענקעל די פעטע
סיי פון אָקסען און ציעגען, דערפיל־זשע איצט מיין בקשה,
זאָל'ן די דאַנאַער בעצאָהלען דורך דייגע פיילען די טרערען!
ער האָט דאָס געזאָגט אין זיין תפלה, געהערט האָט איהם פאָיבאָס אַפּאָללאָ
און פון אָלימפּאָס' שפּיצען געגאַנגען איז ער, בייז אין הארצען,
אויף די פּלייצעס זיין בויגען און דאָפּעל־בעדעקטען פייל־זאַק.
ס'האָבען די פיילען געטווישטשעט אויף זיינע פּלייצעס ביים געהען,
און געגאַנגען איז ער אַזוי שווייגענד און שטיל ווי די נאַכט געהט.
האָט זיך אַוועקגעזעצט ווייט פון די שיפען, אַ פייל אויסגעשאָסען,
און אַ שרעקליכער קלאַנג האָט געקלונגען פון זילבערנעם בויגען.
ער האָט געטראָפען מוילעזלען צוערשט, און די הינד דאַן, די פלינקע,
דאַן שטעלט ער אָן אויף די מענשען אַליין זיין שפּיציגע פייל און
שיסט; און פון דאַן האָבען שטענדיג געברענט די פייערן פאַר מתים.
ניין טעג איז אין דער אַרמעע געפלויגען דער פייל פון אַפּאָללאָ,

און אין דעם צעהנטען האָט אַכיל גערופען דאָס פאָלק צו פערזאַמלונג,
ס'האָט אין געדאַנקען געלעגט איהם ווייס־עלענבויגענע הערא,
זי האָט געזאָרגט זיך פאַר די דאנאער, וואָס זענען געשטאָרבען.
ווען זיי זענען צונויפגעקומען זיך אין דער פערזאַמלונג,
האָט גערעדט צו זיי אויפשטעהענדיג שנעל־פיסיגער אַכיל:
—אַטרעאוס' זוהן, איצט וועלען מיר וואַנדערן אַהיים, אַזוי דענק איך,
און זיך אומקעהרען צוריק אויב מיר וועלען פון טויט נאָר אַנטלויפען,
אויב דער קריעג און די פּעסט וועלען קעמפּפען מיט די אַכאיער.
לאָמיר אַלזאָ פרעגען אַ נביא אָדער אַ פּריעסטער
אָדער אַ פּותר חלומות — דען ס'קומט אויך דער חלום פון זעאוס —
זאָל ער זאָגען פאַרוואָס עס איז בייז אַזוי פאָביאָס אַפּאָללאָן:
שטראָפט ער אונז וועגען אַ נדר אָדער אַ העקאַטאָמבע
אָדער וויל ער דעם זאַפט פון לעמער און פאָלקאָמע ציעגען
אָנגעהמען און וועט די פּעסט דערווייטערן פון אונז דאַן אויף אייביג.
זאָגענדיג דאָס האָט ער זיך געזעצט און ס'איז אויפגעשטאַנען
קאַלכאַס, דער זוהן פון טהעסטאָר, דער בעסטער פּותר חלומות,
וואָס האָט געוואוסט וואָס איז איצט, וואָס וועט זיין און איז שוין געוועזען
און האָט געפיהרט אריין די אַכאַאישע שיפען קיין איליאָן
דורך דער נביאות וואָס איהם האָט געשענקט גאָט פאָיבאָס אַפּאָללאָן.
ער האָט מיט גוטען ווילען גערעדט און געזאָגט אָט די ווערטער:
— אָ אַכיל, דו בעפעהלסט מיר, געליעבטער פון זעאוס, דיר צו זאָגען
פון דעם צאָרן פון אַפּאָללאָן, דעם גאָט און ווייט־וואַרפענדען קעניג.
דאָס וועל איך זאָגען דיר, אָבער אַ בונד זאָלסטו מאַכען און שווערען,
דאָס מיט דיין גאַנצען האַרץ וועסט מיך שיצען מיט ווערטער און טהוען,
דען איך דענק, כ'וועל דערצערגען אַ מאַן, וואָס הערשט גרויס איבער אַלע
זיינע אַרגעער און וועמען עס פאָלגען אַלע אַכאַיער,
דען עס איז מעכטיג אַ קעניג, ווען ער איז אין כעס אויף אַ פּראָסטען,
זאָל ער אַפילו דעם צאָרן דעם זעלביגען טאָג אויף פערבייסען,

וועט ער דאָך, ביז עס וועט דורכגעפיהרט ווערען, האַלטען זיין כעס
אין זיין ברוסט פערשלאָסען; איצט זאָג־זשע מיר, וועסטו מיך שיצען?
איהם האָט אָפּענטפערנדיג געזאָגט שנעל־פיסיגער אכיל:

— דו האָב מוטה און זאָג דאָס אָראַקעל אַזוי ווי דו ווייסט עס.
כ׳שווער ביי אַפּאָללאָ, דעם זעאוס געליעבטען, צו וועמען דו, קאַלכאַס,
בעטענדיג האָסט די דאנאער אָנגעזאָגט די אָראַקעל,

קיינער, ווי לאַנג איך לעב און האַלט אויף דער ערד מיינע אויגען,
וועט אויפהויבען אַ שווערע האַנד ביי די הויהלע שיפען
פון אַט די אַלע דאנאער, אפילו אויב ס׳איז אגאַמעמנאָן,
וואָס ווערט פון אַלע געהאַלטען דער בעסטער פון די אכאיער.

דאָ האָט נעהמענדיג מוטה געזאָגט דער לויטערער נביא:

ניט פאַר קיין נדר שטראָפט אונז דער גאָט און פאַר קיין העקאַטאָמבע
נור פאַר דעם פריעסטער, וואָס אגאַמעמנאָן האָט שענדליך בעליידיגט
און ניט זיין טאָכטער געגעבען און ניט די מתנות גענומען.

ס׳האָט דערפאַר דער ווייט־וואַרפענדער שמערצען געגעבען און וועט נאָך
געבען, און וועט ניט פריהער די פעסט די שווערע פערטרייבען,
ביז ער וועט ניט דעם פאָטער דאָס ליכטיג־אויגיגע מיידעל
געבען אָהן אויסלייז־געלד און אָפּשיקען אַ העקאַטאָמבע
אָפּ קיין כריזע און וועלען דורך תפלות איהם איבערבעטען.

זאָגענדיג דאָס, האָט ער זיך געזעצט, און ס׳איז אויפגעשטאַנען
אַטרעאוס׳ זוהן, דער גבור, וואָס האָט ווייט געהערשט, אגאַמעמנאָן,
גליהענד פון כעס, און זיין האַרץ דאָס שוואַרצע האָט אָנגעפילט שטאַרקער
צאָרן און די אויגען געווען זענען גלייך צו אַ העלישען פייער.

וואַרפענדיג צ׳ערשט זיין בליק אויף קאַלכאַס, האָט ער געזאָגט דאָס:
— נביא פון בייז, דו האָסט קיינמאָל געזאָגט נאָך אַ זאַך וואָס איז פרעהליך,

שטענדיג האָסטו עס ליעב צו זאָגען שלעכטע נביאות,
קיינמאָל האָסטו געזאָגט און דורכגעפיהרט עפּעס־וואָס גוטעס;
און איצט רעדסטו איין די דאנאער ביי דעם אָראַקעל.

דאָס דאָרום גרייט צו דער ווייט־וואַרפּענדער איצט זיי די שמערצן,
ווייל איך האָב פאַר דעם מיידעל בריזעאיס די טיי'רע מתנות
ניט געוואָלט אָננעהמען, דערפאַר ווייל איך וויל זי האָבען
זעהר אין מיין הויז, דען איך האַלט זי טייערער פאַר קליטעמנעסטראַ,
מיין געזעצליך ווייב, ווייל זי איז פון איהר גאָר ניט ערגער,
ניט אין פיגור, אין געשטאַלט, ניט אין מח, ניט אין איהר טהוען.
כ'גיב זי צוריק פון דעסטוועגען, אויב איהר האַלט דאָס פאַר בעסער,
דען איך וויל גיכער דאָס פאָלק זאָל זיכער זיין איידער ס'זאָל
שטאַרבען.
גרייט מיר דערפאַר אָן אַנאַנדער געשאַנק, כדי איך זאָל דער איינצ'גער
פון די אַרגעער ניט זיין אָהן געשאַנק, ווייל אַזוי איז נישט פאַסיג,
און איהר זעהט דאָך אַלע ווי מיין געווינס געהט פערלאָרען.
ענטפערנד איהם האָט געזאָגט שנעל־פיסיגער, געטליכער אכיל:
— אַטרעאוס' זוהן, דו נאָבעלסטער, זשעדנעדינסטער נאָך
שלאַכט־רויב,
ווי וועלען דיר די אכאַיער גרויסהאַרציג געבען אַ מיידעל?
נאָך, נאָך ווייסען מיר ניט פון גרויסע, בשותפות'ע אוצרות
און וואָס פון די שטעדט איז גענומען, דאָס איז שוין פערטיילט לאַנג,
און עס פאַסט ניט עס קלייבען צוריק פון אונזערע פעלקער.
דו, אָבער, גיב זי צוריק צום גאָט, און עס וועל'ן די אכאַיער
דריימאָל און פירמאָל דיר געבען צוריק, ווען עס וועט אַמאָל זעאוס
געבען אונז איינצונעהמען די גוט־בעמויערטע טראָיאַ.
ענטפערנדיג האָט געזאָגט דער מעכטיגער אַגאַמעמנאָן:
ניט אַזוי, כאָטש דו ביזט מוטהיג, דו געטער־עהנליכער אכיל,
ניץ אויס דיין כיטראָסט! דו וועסט מיך ניט נאַרען און ניט
איבעררעדען.
ווילסטו אפשר אַליין דיר האָבען דיין שלאַכט־רויב און איך זאָל
ליידיג זיצען מיט נאָרניט, און הייסטו מיר אָפּגעבען מיינע?
אָבער, אויב גרויסהאַרציג וועל'ן מיר געבען אַלע אכאַיער
איינע וואָס גלוסט איהר מיין האַרץ, ניט קלענער פון מיינער אין
ווערדע —
און ווען זיי גיבען מיר ניט דאַן וועל איך אַליין מיר צונעהמען

דיינע אָדער דאָס מיידעל פון איאַס אָדער אָדיסעאוס׳;
איך וועל מיר נעהמען און בייז וועט זיין דער צו וועמען כ׳וועל קומען.
וועגען דעם, אָבער, וועלען מיר זיך נאָך שפּעטער בעראַטען.
איצט קומט שלעפּען צום געטליכען ים אַ שיף־ אַ שווארצע,
און אריינזעצען שטייערמענער גענימע און שיקען
אַ העקאַטאָמבע און מיטשיקען מיט איהר שעהן־באַקיגע כריזעאיס.
און דער פיהרער זאָל זיין אַ מאַן פון אונזערע יועצים:
איאַס, צי אידאָמענעאוס, צי דער געטליכער אָדיסעאוס,
אָדער דו פּעלעאוס׳ זוהן, דו שרעקליכסטער פון אַלע מענער.
און ביי דעם וויט־וואַרפער בעטען רחמנות און געבען קרבנות.
איהם האָט אָנגעקוקט בייז און געזאָגט שנעל־פיסיגער אַכיל:
— אַ דו, מיט אונפערשעהמטקייט ארומגענומענער, כיטרער!
ווי קען גערן אַן אַכאיער געהאָרכען אויף דיינע בעפעהלען,
אָדער צו געהן ווי דו הייסט אָדער קעמפּפען מוטהיג מיט מענער?
ניט מיט די טראָיער שפּיעז־טרעגער בין איך געקומען אַהערצו
קעמפּפען דען זיי האָב׳ן מיר אַליין געטהאָן גאָר קיין בייז ניט;
ניט מיינע רינדער האָבען זיי, ניט מיינע פערד ווען געטריבען
זיי האָבען ניט אין מיין ברייטער מענשען־שפּייזענדער פטהיא
מיר מיין תבואה צושטערט, דען צווישען מיין לאַנד און זייער׳ן
ליעגען פיעל שאָטיגע בערג, ליעגט דאָס ים, וואָס האַלט אין איין דווישען;
מיר זענען מיט דיר, אונפערשעהמטער, געגאַנגען צוליעב דיר,
רעטען מענעלאָוס׳ כבוד, און דיר, הונד־אויגיגער, דיינעם
געגען טראָיא — און דאָס בעטראַכסט דו ניט און דיך אַרט ניט,
און דו סטראַשעסט מיר נאָך אָוועקצונעהמען מיין שלאַכט־רויב,
אויף וואָס איך האָב געמיהט מיך, וואָס די אַכאיער האָב׳ן מיר גע־געבען.
איך וועל ניט קיין געשאַנק ווי דו האָבען, ווען די אַכאיער
וועל׳ן די בעפעלקערטע שטאָדט פון די טראָיאַנער צושטערען;
אָבער דעם גרעסטען טהייל פון דער וואָיענדער ווילדער מלחמה
טהוען אויף מיינע הענד, ווען ס׳וועט אָבער קומען צו טהיילונג,
קריגסטו דאָס גרעסטע געשאַנק, איך אָבער אַ קליינס און אַ טייערס

און געה דאַמיט אויף מיין שיף, ווען איך ווער מיר שוין פון קעמפּפען.
איצטער געה איך אַהיים קיין פטהיאַ, דען ס'איז פיעל בעסער
אומקעהרען זיך אַהיים מיט די שנאָב'ליגע שיפען, דען כ'מיין ניט
דאַ פערבלייבען אין שאַנד און קריעגען דיר גיטער און רייכקייט.
איהם האָט געענטפערט דאַרויף דער מענער־האַרר אַגאַמעמנאָן:
— לויף דיר, לויף, אויב ס'טרייבט דיך דיין האַרץ דאַצו, גלויב ניט איך וועל דיך
בעטען צוליעב מיר צו בלייבען, דען איך האָב אַרום מיר אויך אַנדרע,
וועלכע געבען מיר כבוד, בעזאָנדערס גאָט זעאוס, דער יועץ!
מעהר האָס איך דיך פון אַלע די גאָט־געבוירענע מלכים,
שטענדיג איז דיר דאָס קריעגען זיך ליעב, די מלחמות, דאָס קעמפּפען.
אויב דו ביסט פיעל שטאַרקער, האָט דיר דאָך אַ גאָט עס געגעבען!
געה מיט דיינע שיפען אַהיים און מיט דיינע פריינדע,
הערש איבער די מירמידאָנער! איך דאַגה'ע פאַר דיר זיך גאַנץ וועניג,
און מיך אַרט גאָר ניט, אויב דו ביסט בייז, איך זאָג דיר נור אָן דאָס:
ווייל עס נעהמט מיר אַוועק מיין כריזעאיס פאָיבאָס אַפּאָללאָן,
וועל איך זי אַפּשיקען מיט מיין שיף און מיט מיינע פריינדע
אָבער איך וועל מיר נעהמען דאַפאַר שעהן־באַקיגע בריזעאיס,
געהענדיג אין דיין געצעלט, דיין אייגענער שלאַכטרויב, זאָלסט זעהען
מיט וויפיעל איך בין שטאַרקער פאַר דיר, זאָל'ן פיינד האָבען אַנדרע,
רופען זיך גלייך צו מיר און מיר זיך אַנטקעגען צו שטעלען.
ער האָט געזאָגט דאָס. בייז ווערט דער פעלעיער און עס צעטיילט זיך
אין זיין האָאַריגער ברוסט דאָס האַרץ אין צוויי, צו בעראַטען
אויב ער זאָל אַרויסציהען די שאַרפע קלינג פון די לענדען
און צוטרייבען די אַנדערע און אַטרעאוס' זוהן דאַן דערשטעכען,
אָדער זיין כעס איינהאַלטען, דאָס האַרץ, דאָס בייזע, איינשטילען.
און ווי ער לעגט דאָס איבער אין האַרץ און אין די געדאַנקען
ציהט ער פון שייד דאָס גרויסע שווערט זיינס. אָבער אַטהענע
קומט פון הימעל, געשיקט פון ווייס־עלענבויגענער הערא,
וועלכע האָט ביידע געליעבט און געזאָרגט זיך פאַר ביידע אין הארצען.

זי איז געשטאַנען פון הינטען, האַט די גאָלדענע האָאר אַנגעכאַפּט איהם,
האַט זיך א י ה ם נור געוויזען, קיין אַנדערער האַט זי געזעהען.
אַכיל האַט זיך פערוואונדערט, זיך אומגעדרעהט, און גלייך דער־קאַנט איהר,
פאַללאַס אטהענע, און ס'האָב'ן איהרע אויגען זיך שרעקליך געלויכטען.
רעדענדיג דאַן צו איהר, האַט געזאָגט ער געפליגעלטע ווערטער:
— זאָג, פאַרוואָס ביסטו, קינד פון שפּיעז־טראָגענדען זעאוס, געקומען?
איז עס די חוצפּה צו זעהן אַגאַמעמנאָן'ס, דעם זוהן פון אַטרעאוס?
אַבער דאָס זאָג איך דיר אויך און איך מיין, איך וועל עס אויספיהרען.
ער וועט באַלד דורך זיין אייגענער חוצפּה פערליערען זיין לעבען!
איהם האַט געענטפערט אַטהענע, די ליכטיג־אויגיגע געטין;
איך בין געקומען איינהאַלטען דיין צאָרן, אויב דו וועסט מיך פאָלגען,
פון דעם הימעל, געשיקט פון ווייס־עלענבויגענער הערא,
וועלכע האַט ליעב אייך ביידע און זאָרגט זיך פאַר ביידע אין הארצען.
אַבער קום, זאָלסט זיך ניט קריגען, דאָס שווערט מיט דיין האַנד ניט ארויסציהן,
אַבער מיט ווערטער מעגסט דו איהם זידלען, ווי דו וועסט עס טהוען.
דאָס אַבער זאָג איך דיר אוים און עס וועט אויך דורכגעפיהרט ווערען,
דו וועסט האָבען פון היינט אָן דריימאָל אזוי פיעל מתנות
איבער זיין חוצפּה; דארום האַלט זיך איין און פאָלג־זשע אונז ביידען.
איהר האַט אַפּענטפערנדיג געזאָגט שנעל־פיסיגער אַכיל:
— אַלזאָ מוז איך, אָ געטין, נאָכפאָלגען איי'רע בעפעהלען,
כאָטש איך בין שטאַרק אין כעס אין מיין הארץ, ווען דאָס איז דאָס בעסטע,
דען ווער עס פאָלגט די געטער, דעמס תפילות הערען זיי בעסער!
זאָגענדיג האַט ער פון שווערט'ס האַפט זיין שווערע האַנד אַפּגענומען
און אין זיין שייד געשטויסען דאָס גרויסע שווערט און געפאָלגט דער געטין א ט ה ע נ ע'ס וואָרט. זי איז צום אָלימפּוס געגאַנגען,
אין דעם פּאַלאַץ פון שפּיעז־טראָגענדעם זעאוס, צו די אַנדערע געטער.

פּעלעאוס׳ זוהן האָט ווייטער גערעדט מיט ביטערע ווערטער
צו דעם זוהן פון אַטרעאוס און האָט גאַרניט גערוהט פון זיין כעס:
— אָנגעלאָדענער מיט וויין, מיט דעם בליק פון אַ הונד און אַ הירש־הארץ,
דו האָסט נאָך קיינמאָל ווען געהן מיט דעם פאָלק אין מלחמה בעפּאַנצערט,
אָדער ווען טשאַטעווען געהן מיט די מוטהיגסטע פון די אַכאַיער
אין דיין הארצען געוואָגט. דאָס וואָלט דיר דיין סוף דאָך געוועזען,
יאָ, ס'איז פיעל גרינגער פאַר דיר אין דער ברייטער אַרמעע פון אַכאַיער
רויבען אוועק די מתנות ביי יענעם, וואָס רעדט דיר אַנטקעגען,
פעלקער־פערצעהרענדער קעניג! דען איבער נישט־ווירדיגע הערשסטו,
אַנדערש וואָלסטו אַטרעאוס׳ זוהן דאָס לעצטע מאָל איצט בעליידיגט!
איצט אָבער זאָג איך דיר עס און שווער דיר אַ הייליגע שבועה:
ביי דעם סצעפּטער, וואָס וועט שוין קיין בלעטער מעהר ניט און קיין צווייגען
געבען פון זיך, ווייל עס האָט זיין שטאַם אין די בערג לאַנג פערלאָזען,
און וועט מעהר נישט בליה'ן זינט די האַק האָט אָפּגעשיילט פון איהם
זיינע בלעטער און קאָרע און די זיהן איצט פון די אַכאַיער
טראָגען אין זייער האַנד אַלס שופטים און היטען די מצוות
וואָס עס האָט זעאוס געגעבען — דאָ האָסטו אַ הייליגע שבועה! —
ווען די זיהן פון די אַכאַיער וועט כאַפּען אַ בענקען נאָך אַכיל,
וועסטו ניט קענען זיי קיינעם כאָטש דו וועסט פיהלען פיעל צער,
העלפען, אפילו ווען פיעלע, דורך מענער־טויטענדען העקטאָר,
וועלען פאַלען און שטאַרבען, דאַן וועסטו אויס כעס צערייסען
דיר דיין הארץ, ווייל דו האָסט ניט געהערט דעם בעסטען אַכאַיער.
דאָס האָט געזאָגט פּעלעאוס׳ זוהן, האָט אויף ד'ר ערד געוואָרפען דאָס סצעפּטער,
— וואָס איז מיט גאָלדענע טשוועקעס בעשלאָגען געוועזען — און געזעצט זיך;
אַטרעאוס׳ זוהן אויף דער אַנדערער זייט האָט געבייזערט זיך און דאָ
איז אויפגעשטאַנען זיס־רעדענדער נעסטאָר, דער רעדנער פון פילאָס.

פון וועמעס צונג איז געפלאָסען די רעדע זיסער ווי האָניג,
און פאַר וועמען עס זענען צוויי דורות פון שטערבליכע מענשען
שוין געשטאָרבען, וואָס זענען פאַר זיינע אויגען געוואַקסען
אין דעם הייליגען פּילאָס—געהערשט האָט ער איבער דעם דריטען—
ער האָט אין גוטען מוטה גערעדט אַזוי און געזאָגט זיי:
וועה! אַ גרויסער וועהטאָג דערגרייכט דאָס לאַנד פון אַכאַיאַ,
עס וועט זיך פרעהען שוין פּ ר י אַ ם, עס וועלען זיך פרעה'ן
פּ ר י אַ מ ס קינדער,
און די אַנדערע טראָיער וועל'ן שטאַרק זיך פרעהען אין הארצען,
ווען זיי וועל'ן אויסגעפינען, אַז איהר האַלט זיך דאָ אין איין קריעגען,
איהר, וואָס שטעהט איבער אַלע ד אַ נ אַ ע ר אין ראַטה און מלחמה.
אָבער פאָלגט מיך ביידע דען איהר זייט פון מיר פיעל יינגער,
איך האָב שוין אָפט גערעדט צו בעסערע מענער ווי איהר זייט,
און זיי האָבען מיך, גלויבט עס מיר, קיינמאָל בעהאַנדעלט מיט
גראָבקייט,
איך האָב אַזעלכע מענער נישט מעהר געזעהן און וועל נישט זעהן,
ווי פּ ע ר י ט ה אָ אָ ס און ד ר י אַ ס, די פיהרער פון פעלקער,
און קאַינעאוס, עקסאַדיאָס און דער געטליכער פּאָליפעמאָס
(טהעזעאוס, זוהן פון איגעאוס, וואָס איז צו די אונשטערבליכע
עהנליך)
זיי זענען פון די ערדישע מענשען געוועזען די שטאַרקסטע.
זייענדיג די שטאַרקסטע, האָב'ן זיי געקעמפפט מיט די שטאַרקסטע,
מיט די ווילדע פון בערג, און שרעקליך האָב'ן זיי זיי דער'הרג'עט,
און מיט זיי האָב איך עס גערעדט, פון פּילאָס געקומען,
ווייט — פון אַ ווייטען לאַנד, זיי האָבען אַליין מיך גערופען,
איך האָב אַליין פאַר מיר געקעמפפט, מיט זיי אָבער וואָלט ניט
איינער פון די, וואָס לעבען אַצינד אויף דער וועלט, געקענט קעמפפען,
זיי האָבען מיינע עצות געהערט און געפאָלגט מיינע ווערטער.
פאָלגט־זשע מיך איצטער, איהר ביידע, דען פאָלגען — דאָס איז
דאָס בעסטע.
נעהם נישט ביי איהם, כאָטש ביסט מעכטיג, אוועק זיין מיידעל,
נור לאָז זי

איהם, ווייל עס האָב׳ן די אכאיער געגעבען זי איהם אלס מתנה,
און דו, פּעלעאוס׳ זוהן, צוקריעג זיך ניט מיט דעם קעניג
מיט געוואלט, דען ס׳האָט ניט קיין עהנליכען כבוד קיין סצעפּטער־
האַלטענדער קעניג, וואָס רוהם האָט איהם גאָט זעאוס געגעבען,
אויב דו ביסט שטאַרקער, האָט דיך א געטליכע מוטער געבאָרען,
ער שטעהט אָבער פיעל העכער, ווייל ע ר הערשט איבער מעהר מענשען.
אטרעאוס׳ זוהן, דו לאָז שוין אָפּ פון דיין כעס, איך בעט דיך,
און וואַרף אוועק דיין צאָרן קעגען אכיל, וועלכער איז אלע
אונז אכאיער א שטאַרקער שוץ אין דער בייזער מלחמה.
איהם האָט אין ענטפער געזאָגט דער מעכטיגער אגאַמעמנאָן:
אמת, דו האָסט דאָס אַלעס, אַ אלטער, ריכטיג געשפּראָכען,
אָבער עס וויל אָט דער מאַן זיין איבער אלע דערהויבען,
מעכטיג זיין איבער אלע און קעניגען איבער אונז אלע,
אלעמען געבען בעפעהלען, וואָס איך מיין, ס׳וועט קיינער ניט פאָלגען.
אויב עס האָבען צום שפּיעזמאַן געמאַכט איהם די אייביגע געטער,
האָבען זיי איהם דען געגעבען, זו זאָגען אויך ווערטער פון זידלען?
איהם האָט אונטערברעכענד געענטפערט געטליכער אכיל:
— איך וואלט אין אמת׳ען: פּחדן, נישט־ווערדיגער ווערען גערופען,
ווען איך זאָל נאָכגעבען דיר אין אַלעם, אזוי ווי דו זאָגסט עס.
אנדערע מעגסטו בעפעהלען, מיר אָבער זאָלסט ניט בעפעהלען!
דען איך מיין, דאָס איך וועל דיר אין גאָר ניט קיינמאָל ניט פאָלגען.
דאָס אָבער זאָג איך דיר איצט, און דו לייג עס אין דיינע געדאַנקען:
איך וועל ניט מיט די הענד מיינע קעמפּפען ווענען דעם מיידעל,
ניט מיט דיר, ניט מיט זיי, וואָס איהר נעהמט מיר אוועק מיין מתנה.
פון דעם איבריגען, וואָס אויף מיין שיף, מיין שנעלען און שוואַרצען,
וועסטו דיר, אויב איך וויל ניט, גאָר ניט ריהרען און נעהמען.
אויב דו וועסט אָבער פּרוואווען, דאַן זאָלען די מענער עס וויסען,
שנעל וועט ארויסשפּריצען ארום מיין שפּיעז דאָס בלוט דיר, דאָס שוואַרצע.
זיי זענען זיך מיט פיינדליכע ווערטער געשטאַנען אנטקעגען,
און די פערזאַמלונג האָב׳ן אָפּגעבראָכען דאַן די אכאיער.

פּעלעאוס׳ זוהן איז צו די געצעלטען און די שנעלע שיפען
מיט מענאַיטיאַס זוהן און זיינע פריינדע געגאַנגען
אַטרעאוס׳ זוהן האָט אַ שיף, אַ שנעלס, געשלעפּט אין דעם וואַסער,
האָט צוואַנציג רודער־מענער געקליבען און אַ העקאַטאָמבע
פאַר דעם גאָט אַריינגעשטעלט און שעהן־באַקיגע כריזעאיס
איינגעזעצט; פיהרער געווען איז פיעל־עצה׳דיגער אָדיסעאוס.
זיי זענען מיט דעם שיף אויף די נאַסע וועגען געשוואומען,
און די פעלקער האָט אַטרעאוס׳ זוהן געפיהרט צו דעם וואַשען,
זיי האָבען זיך גערייניגט, אין ים די אונריינקייט געוואָרפען,
מקריב געווען צו אַפּאָללאָ די פאָלקאָמע העקאַטאָמבען,
אָקסען און ציעגען ביים ברעג פון גרויסען ים דער עקרה,
ס׳איז דער ריח ארום רויך זיך דרעהענד צום הימעל געגאַנגען.
זיי האָבען אין דער ארמעע געטהאָן דאָס און אַגאַמעמנאָן
האָט ניט גערוהט פון געקריעג, וואָס ער האָט געסטראַשעט אַכילעס.
און געזאָגט האָט ער צו טאַלטהיביאָס און עוריבאַטהעס —
זיי זענען אויסרופער ביי איהם געווען און דיענער זעהר פלינקע —
— געהט איצט צו דעם געצעלט פון אַכילעס, זוהן פון פעלעאוס,
נעהמט ביי דער האנד אָן און פיהרט אַוועק שעהן־באַקיגע בריזעאיס;
אויב ער וועט זי ניט געבען, דאַן וועל איך אליין זי מיר נעהמען,
געהענדיג מיט מעהר מענשען אַהין; דאָס וועט איהם מעהר וועה טון.
זאָגענדיג דאָס שיקט ער זיי אַוועק און בעפעהלט זיי מיט
שטרענגקייט.
און זיי געהען אונוויליג ביים ברעג פון ים, דער עקרה,
קומען צו די געצעלטען און שיפען פון די מירמידאָנער,
און געפינען איהם ביי זיין געצעלט און זיין שיף, זיין שוואַרצער,
זיצענדיג. זעהענדיג זיי, האָט אַכילעס גאָר ניט געפרעהט זיך;
זיי אויס מורא און כבוד פאַר׳ן קעניג זענען געשטאַנען,
האָבען דאָס קול ניט אויפגעהויבען און גאָר ניט געזאָגט איהם.
ער האָט עס אָבער געוואוסט אין זיין הארצען און האָט געזאָגט זיי:
— זייט מיר געגריסט, אויסרופער, שליחים פון גאָט און פון מענשען,
נעהנטער קומט, ניט איהר זייט שולדיג, די שולד איז נור
אַגאַמעמנאָן׳ס

וועלכער שיקט אייך אַהער צו ברענגען בריזעאיס, מיין מיידעל.
קום, גאָט־געבויר'נער פּאַטראָקלעס און פיהר ארויס זיי דאָס מיידעל
און גיב זי איבער צו זיי. איהר אַלע אָבער זייט עדות,
ביי די גליקליכע געטער און ביי די שטערבליכע מענשען,
און ביים אונפריינדליכען קעניג, אויב עס זאָל ווידער ווען קומען,
אַז מע זאָל מיך בעדאַרפען, דעם שענדליכען טויט אָפּצוהאַלטען
פון די אַנדערע — דען ער שטורעמט אין טויטענדען הארצען
און ער ווייס ניט צו קלערען ניט נאָך פאָרויס און נאָך הינטען,
ווי ביי די שיפען זאָל'ן קעמפּפען מיט זיכערן קאַמפּף די אַכאַיער.
ער האָט געזאָגט, און געפאָלגט האָט זיין פריינד זיין טייער'ען, פּאַטראָקלעס ;
ער האָט געפיהרט פון געצעלט ארויס די שעהן־באַקיגע בריזעאיס,
און זיי געגעבען. זיי זענען געגאַנגען צוריק צו די שיפען
פון די אַכאַיער, אונוויליג דאָס ווייב, אָבער. — דאַן האָט אַכילעס
וויינענדיג זיך געזעצט אַוועק ווייט פון זיינע פריינדע,
ביי דעם ברעג פון דעם ים, און געקוקט אויף דעם טונקעלעם וואַסער,
האָט אויפגעהויבען די הענד און געבעטען פיעל צו זיין מאַמען :
— מוטער, אַזוי ווי דו האָסט מיך געבוירען צום ווינציגען לעבען,
האָט מיר דער אָלימפּיער געדאַרפט כאָטש צוטהיילען כבוד,
זעאוס, וואָס דונערט פון הויך, איצט עהרט ער מיך אויך ניט מיט װעניג,
דען ס'האָט מיך אַטרעאוס' זוהן, דער וויית־הערשענדער אַגאַמעמנאָן,
שווער בעליידיגט, אַוועקגעריסען מיין שלאַכטרויב און האַלט זי.
ער האָט געזאָגט און פערגאָסען פיעל טרעהרען, געהערט האָט זיין מוטער,
זיצענדיג אין די טיעפען פון ים ביי דעם גרייז־גרויען פאָטער
שנעל האָט זי אויפגעטויכט אין דעם גרויען ים ווי א נעפּעל.
האָט זיך געזעצט לעבען איהם, וואָס האָט פיעל טרעהרען פערגאָסען
און מיט דער האַנד איהם געגלעט און איינגערעדט און צוגערופען :
— קינד וואָס וויינסטו, זאָג, וואָס פאַר א צער איז אין האַרץ דיר געקומען ?
זאָג מיר, בעהאַלט מיר גאָר ניט און לאָמיר ביידע עס וויסען.

איהר האָט זיפצענדיג שווער געענטפערט שנעל־פיסיגער אַכיל:
מאַמע, דו ווייסט עס; פאַר וואָס זאָל איך דיר, וואָס דו ווייסט עס
אַלץ זאָגען?
אַנגעקומען סיין טהעבע, דער הייליגער שטאָדט פון עעטיאָן,
האָבען מיר זי צושטערט און אוועקגעפיהרט אַלעס פון דאָרטען,
גוט צוטהיילט האָבען אַלעס די קינדער פון די אַכאַיער
און פאַר אַטרעאוס' זוהן געקליבען שעהן־באַקיגע כריזעאיס.
כריזעס, אָבער, דער פריעסטער פון ווייט־וואַרפענדען גאָט אַפּאָללאָ,
איז צו די שיפען געקומען פון די בראָנז־געקלייד'טע אַכאַיער
אויסצולייזען זיין טאָכטער, געבראַכט האָט ער פיעלע מתנות
און האָט אין האַנד געהאַלטען דאָס באַנד פון ווייט־וואַרפער אַפּאָללאָ
אויף דעם גאָלדענעם סצעפּטער, און האָט די אַכאַיער געבעטען,
און בפרט די צוויי זיהן פון אַטרעאוס, די הערשער פון פעלקער.
דאָ האָבען אַלע אַכאַיער געגעבען זייער הסכמה,
מען זאָל עהרען דעם פריעסטער און נעהמען די טייערע מתנות,
אָבער דאָס איז ניט געפעלען אין הארצען דעם האַרר אַגאַמעמנאָן,
און ער שיקט איהם מיט בייז אוועק און בעפעהלט איהם מיט
שטרענגקייט.
בייז איז דער אַלטער אוועק און געבעטען. איהם האָט אַפּאָללאָן
אויסגעהערט זיין תפלה, דען ער איז איהם שטאַרק ליעב געוועזען,
האָט זיין פייל געוואָרפען אויף די אַרגעיער. די פעלקער
זענען געשטאָרבען אין מאַסען, די פיילען זענען געפלויגען
דורך די אַכאַיער'ס אַרמעע, גוט־ווינשענדיג האָט דער נביא
אונז דאַן געזאָגט דאָס אָראַקעל פון ווייט־וואַרפענדען גאָט אַפּאָללאָ.
איך האָב דער ערשטער געהייסען מע זאָל דעם גאָט איבערבעטען,
אַטרעאוס' זוהן האָט דער כעס אָנגעכאַפּט. ער איז שנעל
אויפגעשטאַנען
און געסטראַשעט מיט רייד וואָס זענען מקוים געוואָרען.
ס'שיקען זי איצט די אַכאַיער, וואָס האָבען שטראַהלענדע אויגען,
אָפּ מיט אַ שיף, אַ שנעלער, און פיהרען מתנות צום קעניג.
איצט זענען אויסרופער אין מיין געצעלט געקומען און נעהמען
בריזעס' טאָכטער, וואָס ס'האָבען געגעבען מיר די אַכאַיער.

דו אָבער, מוטער, בעשיץ דיין אייגען קינד, אויב דו קענסט עס !
געה ארויף צום אָלימפּאָס און בעט זעאוס, אויב דו האָסט ווען ס׳איז
איהם זיין הארץ דערפרעהט מיט ווערטער אָדער מיט טוען.
דען איך האָב דיך געהערט אָפט אין דעם פּאַלאַץ פון מיין פאָטער
ריהמען, אז דו האָסט גערעטעט דעם שווארצען־וואָלקינען קראָניאָן
פון די אונשטערבליכע נור דו אליין — פון א שענדליך פערדארבען,
ווען ס׳האָב׳ן אמאָל די אָלימפּער די אנדערע, בינדען געוואָלט איהם,
הערא און פּאָזעידאָן און זיין טאָכטער פּאללאס אטהענע.
דו אָבער ביסט געקומען, האָסט אָפּגעבונדען די בענדער
און האָסט גערופען דעם הונדערט־אָרמיגען אויף דעם אָלימפּוס,
וועמען בריארעאָן רופען די געטער און ס׳רופען די מענשען
איגאַיאָן — וואָס איז שטארקער אין קראַפט פון זיין אייגענעם פאָטער.
ער האָט זיך צו קראָניאָן געזעצט און געגלאנצט מיט זיין שטארקייט;
ס׳האָבען די געטער געקראָגען מורא און זעאוס ניט געבונדען.
איצט זעץ זיך צו און דערמאָן איהם אָן דעם און כאַפּ אָן זיינע קניען,
ער זאָל וועלען פון היינט אָן שטיצען אין שלאכט די טראָיאנער,
און די אכאיער זאָל איינשליסען ער אין ים אויף די שיפען
און זיי טויטען, זיי זאָלען ערפאהרען ווער ס׳איז זייער קעניג;
וויסען זאָל אטרעאוס׳ זוהן, ווייט־הערשענדער אגאמעמנאָן,
פון זיין שולד, וואָס ער האָט דעם בעסטען אכאיער בעליידיגט.
איהם האָט טהעטיס געענטפערט דארויף און פערגאָסען פיעל טרעהרען:
— אָ מיין קינד, פאר וואָס האָב איך דיך ערצויגען, פערשאָלטענע מוטער!
בעסער וואָלסט ביי די שיפען געבליבען אָהן טרעהרען און ליידען
איצט, אזוי ווי דיין לעבען איז קורץ און וועט לאַנג ניט געדויערן;
איצט אָבער ביזטו קורץ־לעביג און מעהר צו בעוויינען פון אלע!
איך האָב דיך אין א בייזער שעה אין מיין פּאַלאַץ געבאָרען.
דאָס דערצעהלען צו זעאוס, וואָס פרעהט זיך אין דונערן, געה איך
אויף דעם אָלימפּאָס ארויף, אויף דעם שנייאיגען, ער זאָל מיך הערען.
דו אָבער זעץ זיך ביי די שנעל־לויפענדע שיפען, זיך בייזער

אויף די אַכאַיער און האַלט זיך אין גאַנצען אָפּ פון מלחמה.
זעאוס איז צום אָקעאַנאָס צו די שולד־ריינע איטהיאָפּיער,
געסטערן געגאַנגען צו מאָלצייט. מיט איהם זענען אויך אַלע געטער;
אין צוועלף טעג אַרום קומט ער ווידער צוריק צום אָלימפּאָס.
דעמאָלט נעה איך צו זעאוס אין זיין בראָנזען־שוועליגען פּאַלאַץ
און וועל קניען פאַר איהם, און איך האָף כ'וועל איהם איבעררעדען.
זי האָט געזאָגט און איז דאַן אַוועק און האָט איהם דאָרט געלאָזען,
בייז אין זיין האַרצען וועגען דעם גוט־געגאַרטעלטען מיידעל,
וואָס מען האָט מיט געוואַלט איהם אַוועקגעריסען. — אָדיסעאוס
איז מיט אַ הייליגער העקאַטאָמבע קיין כריזע געקומען.
ווען זיי זענען אַריין און אין טיעפען האַפען געקומען
האָב'ן זיי די זעגעל צוזאַמענגעקנייטשט, זי געלעגט אויף דעם שיפעל,
צום מאַסט־האַלטער דערנידערט דעם מאַסט, מיט די פאָרנט־שטריק געבראַכט איהם
שנעל אַראָפּ און גערודערט צום אַנקער־פּלאַץ מיט די רודערס.
און די אַנקער־שטיינער געוואָרפען אין ים און געבונדען
זיי צו שטריק, און זענען צום ברעג פון ים צוגעגאַנגען.
זיי האָבען די העקאַטאָמבע אַרויסגעפיהרט דאַן פאַר אַפּאָלאָ.
און פון ים־געהענדען שיף איז אַרויסגעגאַנגען כריזעאיס.
פיהרענדיג זי צום מזבח האָט פיעל־ערפאַהר'נער אָדיסעאוס
זי געגעבען דעם פאָטער, דעם ליעבען, אין האַנד און געזאָגט איהם:
— כריזעס, מיך האָט געשיקט דער מענער־האַרר אַגאַמעמנאָן,
ברענגען צוריק דיין קינד און פאַר פאָיבאָס אַ העקאַטאָמבע
מקריב זיין פאַר די דאַנאַער און איבערבעטען דעם הערשער,
וואָס האָט געשיקט די אַרגעיער די זיפצען־בעלאַדענע ליידען.
ער האָט געזאָגט און אין האַנד איהם געגעבען זי. דער האָט מיט פרייד זיין
טאָכטער גענומען און שנעל די הייליגע העקאַטאָמבע
איינגעשטעלט אין דער רייהה אויף דעם גוט־געבויטען מזבח.
זיי האָבען זייערע הענד געוואַשען און גערשטען גענומען.
כריזעס האָט הויך די תפלה געזאָגט און די הענד אויפגעהויבען:
הער מיך, דו מיט דעם זילבערנעם בויגען, וואָס געהסט אַרום כריזע

און אום געטליכע קילאַ און הערשסט מיט מאַכט און טענעדאָס!
דו האָסט מיך פריהער געהערט, ווען איך האָב צו דיר דאָן געבעטען
און מיר כבוד געטהאָן און שווער בעשטראָפט די אַכאַיער,
איצטער בעט איך דיך אויך, זאָלסט קרוינען מיין וואונש מיט הצלחה:
האַלט אָפּ פון היינט די מגפה, די שרעקליכע, פון די דאַנאַער.
ער האָט געזאָגט דאָס אין תפלה, געהערט האָט איהם פּאָיבאָס אַפּאָללאָ,
און ווי זיי האָבען די תפלה געזאָגט און געוואָרפען די גערשטען,
האָב'ן זיי אוועקגעדרעהט די קרבנות' קעפּ, זיי גע'שחט'ען,
אָפּגעשונדען די הויט, די שענקעל צושניטען, און פעטס דאָן
איינגעוויקעלט זיי דאָפּעלט, מיט רויהען פלייש זיי בעלאָדען.
ס'האָט זיי דער אַלטער געברענט אויף שפּיזען און פלאַמענדען וויין אויף
זיי געגאָסען, און יונגלינגע האָבען פינף־שפּיציגע גאָפּלען
ביי איהם געהאַלטען און נאָך די פערברענטע שענקלען די קישקעס
דאָן פערזוכט, זיי צושניטען און דורכגעשטאָכען מיט שפּיזען
און געבראָטען זיי אויפּפּאַסענדיג, דאָן אַלעס פערנומען.
דאָן האָבען זיי, נאָך געענדיגטער ארבייט, געגרייט צו די מאָלצייט
און געגעסען, און גאָר ניט געפעהלט האָט ביים פרעכטיגען עסען.
דאָן ווי זיי האָבען דעם חשק נאָך עסען און טרינקען פערטריבען,
האָבען די בחורים בעקראַנצט די קרוגען מיט עדלער משקה
און זיי צו אַלע פערטיילט, פון די בעכער ערשט גיסענדיג נסך,
האָבען דעם גאָט יענעם טאָג מיט זינגען איבערגעבעטען,
זינגענדיג אַ פּאַיאַן, אַ שעהנעם, די יונגע אַכאַיער
זינגענדיג פון ווייט־וואַרפער. ער האָט זיי געהערט און געפרעהט זיך.
ווען ס'איז אונטערגעגאַנגען די זון און די נאַכט איז געקומען,
האָב'ן זיי זיך שלאָפען געלעגט ביי די שטריק פון זייערע שיפען.
ווען ס'האָט בעוויזען זיך מאָרגען־געבויר'נע, רויז־פינג'ריגע עאָס,
זענען געפאָהרען זיי צ'ריק צו דעם לאַגער פון די אַכאַיער.
און אַ פריינדליכען ווינד האָט געשיקט זיי ווייט־וואַרפער אַפּאָללאָן,
זיי האָבען דעם מאַסט אויפגעשטעלט. הויך האָבען געפלאַטערט די זעגלען

וויים, און דער ווינד האט געבלאזען אין זייער בוזים. די כוואליע
האט, די פורפורנע, הויך אום זיין שנאבעל געזונגען ביים פאהרען.
איבער דער כוואליע דאס שיף איז געלאפען, זיין וועג האט בעענדיגט.
ווען זיי זענען געקומען צום ברייטען, אכעאישען לאגער,
האב'ן זיי דאס שווארצע שיף ארויפגעשלעפט אויף דער יבשה,
אויף דעם זאמד דעם הויכען, און אונטערגעשטעלט גרויסע שטיינער
און זיך דאן געגאנגען צו זיי'רע געצעלטען און שיפען.
צארענדיג אבער געזעסען איז ביי די שנעל־פאהרענדע שיפען
גאט־געבוירענער פעלעאוס' זוהן ,שנעל־פיסיגער אכיל
איז ניט געגאנגען ניט צו די אסיפות, וואס עהרען די מענער,
ניט אין דער שלאכט. אבער האט זיך געפייניגט דאס ליעבע הארץ
דארט
בלייבענדיג, דען ס'האט גענארט נאך שלאכט־געשריי און נאך
מלחמה.
ווען עס איז אבער נאך דעם דער צוועלפטער מארגען געקומען,
זענען געגאנגען ארויף צום אלימפאס די אייביגע געטער,
אלע צוזאמען און זעאוס פאראויס. ס'האט ניט טהעטיס פערגעסען
אן דעם וואונש פון איהר זוהן. זי האט אויפגעטויכט פון דעם
ים'ס כוואליע,
איז אין דער פריה געגאנגען צום הימעל און גרויסען אלימפאס,
האט ווייט־זעהענדען קראניאן געפונען זיצען בעזונדער
אויף דעם העכסטען שפיץ פון פיעל־דורכגעשניט'נעם אלימפאס,
האט זיך געזעצט ביי זיין זייט און האט אנגעכאפט זיינע קניען
מיט דער לינקער האנד, און די רעכטע געלעגט אויף זיין בארד איהם.
בעטענדיג האט זי געזאגט צו קראנאס' זוהן, קעניג זעאוס :
— פאטער זעאוס, אויב צווישען די אונשטערבליכע כ'האב דיר
געהאלפען
ווען ס'איז דורך ווארט און טהוען, דאן זאלסטו מיין וואונש מיר
קרוינען,
כבוד ברענג פאר מיין זוהן, פריה־שטארבענדיגסטען פון אלע
אנדערע, דען עס האט איהם דער מענער־הארר אגאמעמנאן
שווער בעליידיגט און האלט זיין שלאכט־רויב וואס ער האט גענומען.

דו אָבער נעהם נקמה, אָלימפּישער פּלאַנענדער זעאוס.
אַזוי לאַנג גיב די טראָיער די מאַכט, ביז ס'וועלן די אכאיער
געבען כבוד מיין זוהן, און רייך מאַכען איהם מיט בעלוינונג.
זי האָט געזאָגט און געענטפערט האָט ניט, וואָלקען־זאַמלענדער זעאוס.

ער איז שטיל נור געזעסען. אַרומגעהמענדיג זיינע קניען,
האָט זיי טהעטיס געהאַלטען פעסט און געזאָגט איהם אַ צווייט מאָל:
— זאָג מיר אין אמת'ען צו און בייג צו דיין קאָפּ אין הסכמה,
אָדער זאָג אָפּ, דען דו האָסט ניט קיין מורא, כדי איך זאָל וויסען
וויפיעל איך בין צווישען אַלע די אונ־געעהרטעסטע געטין.

איהר אין גרויס דאגה געענטפערט האָט וואָלקען־זאַמלענדער זעאוס:
— ס'איז אַ געפעהרליכע זאַך, וואָס דו טרייבסט מיך מיט הערא זיך קריגען,
ווען זי רייצט מיך אויף מיט פאָרוואורף און שענדליכע ווערטער.
און איצטער אויך צווישען די אונשטערבליכע געטער בעשטענדיג
קריעגט זי זיך, זאָגענדיג דאָס איך שטיץ אין קאַמפּף די טראָיאַנער.
דו אָבער געה איצט אַוועק, עס זאָל דיך הערא ניט זעהען,

איך וועל זיך זאָרגען דערפאַר, אַז אַלעס זאָל דורכגעפיהרט ווערען.
זעה, איך בייג דיר מיין קאָפּ, כדי דו זאָלסט מיר געטרויען,
דען צווישען די אונשטערבליכע איז עס די גרעסטע פערזיכ'רונג,
וואָס קען ניט ווערען צוריקגענומען, קען אָפּנאַרען קיינעם,
און צו וואָס כ'בייג מיין קאָפּ צו, קען אונדורכפיהרבאַר ניט בלייבען.
דאָ האָט זיין קאָפּ מיט די טונקעלע ברעמען געבויגען קראָניאָן,
פון דעם אונשטערבליכען קאָפּ פון דעם קעניג דאַן זענען געפלאָסען
די אַמבראָזישע לאָקען; דער גרויסער אָלימפּ האָט געציטערט.
זיי האָבען זיך צושיידט נאָך דעם עצה־נעהמען, און טהעטיס
איז פון דעם שיינענדען אָלימפּ אין ים דעם טיעפען, געשפּרונגען.
זעאוס איז צוריק אין זיין פּאַלאַץ. און אויפגעשטאַנען די געטער
זענען פון זייערע זיצען פאַר'ן פאָטער און קיינער געוואַגט האָט
זיצען ווען ער איז געקומען און אַלע זענען געשטאַנען.

ער האָט זיך דאַן געזעצט אויף זיין טהראָן, אָבער הערא

האט גוט געוואוסט און געזעהען, דאס עצות מיט איהם האט גענומען
זילבער־פוסיגע טהעטיס, טאכטער פון גרייז־גראען ים־נאט.
זי האט מיט שטעכיגע ווערטער געזאגט באלד צו זעאוס קראניאן:
— ווער פון די געטער האט, כיטרער, מיט דיר איצטער עצות גענומען?
שטענדיג האסטו עס ליעב, ווען איך בין פון דיר פון דער ווייטען
קלעהרען בעהאלטענערהייט און בעשליסען. מיר אבער ואגסטו
גאר ניט צו זאגען מיט גוטען ווילען דאס וואס דו קלעהרסט איבער.
איהר האט געענטפערט דארויף דער פאטער פון מענשען און געטער:
— הערא, ניט האף, אז דו וועסט מיינע אלע ווערטער ווען וויסען;
שווער וועט דאס זיין פאר דיר, כאטש דו ביסט א פרוי מיר, אן אייג'נע.
אבער דאס, וואס עס פאסט זיך זאלסט הערען, וועט קיינמאל ניט קיינער
וויסען פארויס פאר דיר פון די געטער און פון די מענשען.
דאס וואס איך וויל איבערקלעהרען, זייענדיג ווייט פון די געטער,
דאס זאלסטו מיך ניט פרעגען און זאלסט ניט זוכען געפינען.
איהם האט געענטפערט דארויף אקס־אויגיגע געטליכע הערא:
— שרעקליכסטער זוהן פון קראנאס, וואס האסטו געזאגט דא פאר ווערטער?!
איך האב ביז איצט ניט געפרעגט דיך און גאר ניט געזוכט צו געפינען
און דו קלערסט דיר גאנץ רוהיג איבער דאס וואס דו פערלאנגסט נור.
איך האב איצט זעהר שטארק מורא, עס זאל דיך ניט איבעררעדען
זילבער־פוסיגע טהעטיס, טאכטער פון גרייז־גראען ים־נאט.
פריה איז זי ביי דיר געזעסען, האט ארומגעכאפט דיר די קניען,
און כ'מיין דו האסט מיט דעם קאפ איהר געשאקעלט א צוזאג, אז אכיל
וועסטו עהרען און טויטען אכאיער א סך ביי די שיפען.
איהר האט אפענטפערנדיג געזאגט וואלקען־זאמלענדער זעאוס:

— וואונדערבאַרע, רעדסט תמיד דיר איין און כ׳קען זיך ניט בעהאַלטען,
וועסט אָבער גאָרניט אויפטהוען קענען, דו וועסט נור ווייטער
זיין דורך דעם פון מיין האַרץ, און דאָס וועט פאַר דיר זיין פיעל ערגער.
אויב עס איז אַלעס אַזוי, דאַן מוז עס מיר, זעהסט דאָך, געפעלען,
דו אָבער זעץ זיך אַנידער און שווייג און פאָלג מיינע ווערטער;
אז ניט, וועלען דיך ניט אַלע געטער וואָס אויף אָלימפּאָס
רעטען פון שטראָף, וואָס איך וועל מיט מעכטיגע הענד אויף דיר לעגען.
ער האָט געזאָגט און עס האָט זיך דערשראָקען אָקס־אויגיגע הערא.
און זי איז שטיל געזעסען און זי האָט איהר האַרץ איינגעבויגען,
און געזאָרגט האָבען זיך אין זעאוס׳ הויז די הימלישע געטער.
ס׳האָט פון זיי אָנגעהויבען דער קינסטלער העפאיסטאָס צו רעדען,
טהון אַ טובה זיין מוטער, ווייס־עלענבויגענער הערא:
ס׳איז אַ געפעהרליכע זאַך, וואָס מע וועט ניט קענען דערטראָגען,
אויב איהר וועט וועגען שטערבליכע מענשעןביידע זיך קריעגען,
צווישען די געטער ברענגען געקריעג, און וועט ניט געניסען
פון דער פּרעכטיגער מאָלצייט, דען שטענדיג זיעגט דאָך דאָס שלעכטע.
מוטער, לאָמיך דיר זאָגען, כאָטש דו ביסט אַליין זעהר אַ קלוגע:
זאָלסט זיין גוט צו זעאוס, דעם ליעבען פאָטער, ער זאָל ניט
ווידער זיך קריעגען און אונז די שעהנע מאָלצייט פּערדאַרבען.
דען אויב ער וויל, דאַן קען דער אָלימפּישער בליצענדער זעאוס
וואַרפען אונז פון די זיצען, דען ער איז דער שטאַרקסטער פון אַלע.
דו אָבער, מוטער דו ווענד זיך צו איהם מיט ווערטער, מיט ווייכע,
און דער אָלימפּישער וועט זיין פריינדליך און גנעדיג באַלד אַלעם.
ער האָט געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען און האָט אַ דאָפּעלט־דעקיגע שאָל געגעבען זיין מוטער אין האַנד און געזאָגט איהר:
— האָב גוטען מוט, ליעבע מוטער, דערטראָג דאָס, אפילו מיט זאָרגען,
איך זאָל דיך ניט, ליעבע מוטער, פאַר מיינע אייגענע אויגען
זעהען געשלאָגען, דען כ׳וועל צו מיין צער ניט קענען דיר העלפען,

דען עס איז שווער, זעהר שווער, דעם אַלימפּיער אקעגען זיך שטעלען.
ער האָט מיך איינמאָל געשלײַדערט, ווען איך האָב געוואָלט דיך בעשיצען,
נעהמענדיג מיך פאַר די פיס, פון דעם שוועל פון זיין געטליכער וואוינונג,
איך בין אַ גאַנצען טאָג געפאַלען, און ערשט נעגען אָבענד
אַנגעקומען קיין לעמנאָס; ס'איז מיר ווייניג לעבען געבליבען;
מיך האָבען דאָן געהיילט די סינטיער באַלד נאָך מיין פאַלען,
ער האָט געזאָגט. ס'האָט געשמייכעלט ווייס־עלענבויגענע העראַ.
שמייכלענדיג האָט זי די שאָל פון דער האַנד פון איהר זוהן צוגענומען
ער האָט אַלע געטער פון לינקס ביז רעכטס אין די בעכער
פון אַ קרוג, אַ גאָלד'נעם, דעם זיסען נעקטאַר געגאָסען.
אין אונגעשטילטען געלעכטער האָב'ן אויסגעבראָכען די געטער,
זעהענדיג העפאַיסטאָס דורך דעם פּאַלאַץ געהען און סאָפּען.
זיי האָב'ן דעם גאַנצען טאָג אַזוי געשפּייזט ביז צום זונען־
אונטערגאַנג און זיי האָט ניט געפעהלט קיין הערליכע שפּייזען.
און קיין מוזיק פון דער פאָרמינקס, וועלכע געשפּיעלט האָט אַפּאָללאָ,
און ניט די מוזען וואָס האָבען מיט אַ שעהנעם קול פאַרגעזוננען,
ווען עס איז אָבער דאָס ליכט פון דער זון, דאָס העלע, פערגאַנגען,
דאַן איז איעדער געגאַנגען צו זיך, זיך אַנידערצולעגען,
וואו ס'האָט איעדען גאָט זיין פּאַלאַץ דער בעריהמטער בוי־מייסטער
העפאַיסטאָס געבויט מיט זיין פיעל־קלוגען, ווייסענדען הארצען.
זעאוס, דער אָלימפּיער, דער בליצענדער, איז צו זיין בעט דאַן געגאַנגען,
וואו ער איז שטענדיג געשלאָפען, ווען דער זיסער שלאָף האָט דער־גרייכט איהם.
דאָ איז ער איינגעשלאָפען — לעב'ן איהם גאָלדען־טהראָניגע העראַ.

בעמערקטע גרייזען:

שורה 44 דאַרף זיין: ער האָט געזאָגט דאָס אין תפלה א. ז. וו.
שורה 61: „צ'ריק" אַנשטאָט „צוריק".
שורה 245: „געעהרט" אַנשטאָט „געהערט".
שורה 292: „צו" אַנשטאָט „זו".
שורה 405: „אַיגאַיאָן" אַנשטאָט „אַיאַגאיאָן".
שורה 481: „זיי האָב'ן" אַנשטאָט „זיי האָבען".

## סאפא:

I.

ליעבע ליעד

גלייך צו די אלמעכטיגע געטער — דוכט מיר —
איז דער גליקליכער, וואס זיצט ד י ר אנטקעגען,
הארכט זיך איין אינ׳ם לאשצענדען, וויכען כשוף־
קלאנג פון דיין שטימע,

הערט דיין לאך וואס רייצט מיך און לאקט און מאכט מיר
ציטערן אויף דאס ארימע הארץ אין בוזים!
ווייל קוק איך א שווינדענדע ווילע אויף דיר
פעהלט מיר מיין שטימע!

און עס ברעכט מיין צונג זיך. און ס׳לויפט א פייער׳ל
דורך און בריהט מיך אונטער דער הויט און ברענט מיך;
פון די אויגען שווינדעט דאס זעהן און ס׳קלינגען
דומפ מיינע אויערן

און מיין לייב בעגיסט דאן א שוויס, א ציטער׳ן
נעהמט דורך מיינע גליעדער און איך ווער בלייכער
נאך פון גראז, און וועניג נור פעהלט און באלד, באלד
בין איך געשטארבען.

II.

צו אפראדיטא

קינד פון זעאוס, אונשטערבליכע אפראדיטע,
וואס אויף רייכגעשניצטען טהראן וועבסט פערפיהרונג,
כ׳בעט דיך, ניט מיט צער און וועהטאג מוטשע
קעניגין ס׳הארץ מיר.

קום, נור קום אהער. דו האסט שוין וואו אנדערש
הערענדיג פון וויטען מיין שטימע רופען
צוגעהערט זיך און האסט דיין פאטער׳ס
פאלאץ פערלאזען,

האָסט געשפּאַנט אין דיין וואָגען שעהנע פויגלען ;
זיי האָב'ן דיך דאַן איבער דער ערד, דער שוואַרצער,
שנעל געפיהרט, די פליגעלעך פּאַטשענדיג, פון
הימעל דורך'ן עטהער.

שנעל געקומען זיינען זיי. דו, געבענשטע,
האָסט געשמייכעלט מיט דיין אונשטערבליך פּנים
און געפרעגט מיך, זאָגען וואָס לייד איך און וואָס
כ'האָב דיך גערופען.

און וואָס זאָל געשעהן דיר, נאָך וואָס גאַרסטו,
אין דיין ווילדער ברוסט, וועמען ווילסטו זאָל מיין
איבעררעדונג ברענגען דיין ליעבע, ווער טהוט,
סאַפאָ, דיר אומרעכט ?

לויפט זי פון דיר איצטער, באַלד לויפט זי נאָך דיר.
נעמט זי קיינע מתנות, וועט זי מתנות
געבען. ליעבט זי ניט, וועט זי באַלד דיך ליעבען,
כאָטש זי וויל איצט ניט !"

קום צו מיר אויך איצט און בעפריי מיך, געטין,
פון די שווערע ליידען ! נאָך וואָס מיין הארץ בענקט,
טהו עס מיר ווי דעמאָלט דו האָסט געטהאָן מיר,
העלף מיר, אַ געטין !

III.

צו עספּעראָס

העספּעראָס, ברענגסט צוריק אַלץ, וואָס דער שיינענדער מאָרגען צושפּרייט
האָט ;
קעהרסט אום די ציעג און די שאָף און קעהרסט אום דאָס קינד צו דער
מוטער !
(קעהר זשע מיר אום אויך, אַ טהייערער, קעהר זשע מיר אום מיין
געליעבטען !)

IV.

חתונה ליעדער:

ווי דער עפּעל, דער זיסער, אויפ'ן שפּיץ פון צווייגעל זיך רויטעלט,
אויף דעם העכסטען שפּיץ, און די וואָס רייסען די עפּעל
האָבען איהם גאַנץ פערזעהן—ניט פערזעהן! ניט געקענט נאָר דערגרייכען.
(אַזוי אויך ביזטו, כלה, אין שטאָלצער בושה געשטאַנען...)

ווי אויף די בערג צוטרעטען די פּאַסטיכער די היאַצינטען
מיט די פיס, און די בלומען, די העלע, אויף דער ערד פערטונקלען —
(אַזוי וועט אויך די עלטער דיין פרישע שעהנקייט צוטרעטען...)

חנ'עוודיג איז דיין פאָרם, די אויגעלעך דיין ווי האָניג
זיס און די ליעבע צעגיעסט זיך
אויף דיין פּנים, טייערע,
אך, אפראָדיטא האָט דיך געעהרט פון אַלע!

כלה, דו רינגעל אַרום מיט קראַנצען די ליעבליכע האָאָר דיר
און פלעכט קווייטען פון דילע אַריין מיט די הענטלעך, די צאַרטע.
די מיט בלומען בעקראַנצטע געניעסען צוערשט די געטינען'ס חסד,
און זיי ווענדען אוועק זיך פון די וואָס טראָגען קיין קראַנצען.

עס בעהערשט מיך איצט עראָס. — ס'לייזט אויף די גליעדער
דער זיס־זויערער גאָט, וואָס מאַכט שוואַך ווי אַ קינד.

עס האָט עראָס געמאַכט מיר אויפציטערען ס'האַרץ,
ווי דער ווינט אויפ'ן באַרג, וואָס פאַלט אָן אויפ'ן דעמב.

דאָס איז דער שטויב פון טימאַס, וואָס איז פאַר דער חתונה געשטאָרבען
און וואָס דער פינסטערער פּאַלאַץ פון פערסעפאָנע בעהאַלט.
צו איהר טויט האָבען איהרע פריינדינען אָפּגעשניטען
מיט דעם געשאַרפטען שטאָהל זיך זייערע לאָקען פון קאָפּ.

V.

נאכט ליעדער

רונד ארום דאס ווינטעלע מורמעלט קיהל דורך
עפּעל צווייגען און פון דעם בלאט וואס ציטערט
שלאף שטראמט ארונטער.

---

אוועק איז שוין די לבנה,
אוועק די שטערען און האלבע
נאכט און די שעה׳ן פערלויפען,
איך ליעג אליין און שלאף שטיל.

---

נאכט. ארום דער שעהנער לבנה שוועבען
שטערען. שנעל בעהאלטען זיי ס׳ליכטיג פּנים,
ווען אין פולסטען גלאנץ זי בעשיינט די גאנצע
ערד מיט איהר זילבער.

---

## אנאקרעאן:

ליעבע און ווייןליעדער

I.

דעם רוהם פון די אטרידען
פון קאדמאס כ׳וויל בעזינגען.
מיין לירע מיט די כארדען
קלינגט אבער נור פון עראס.
צוערשט די סטרונעס האב איך
געביטען, דאן די לירע
און אנגעהויבען זינגען
פון מוטהיגען הערקלעס,
זי אבער זינגט פון ליעבע.

דאַרום געזונד בלייבט אַלע,
איהר העלדען, ווייל מיין לירע
זינגט אימער נור פון ליעבע.

II.

נאַטור דעם אָקס האָט הערנער,
דעם פערד די קלוי'ן געגעבען,
די שנעלע פיס די האָזען,
דעם לייב די צייהן די שטאַרקע,
דעם פיש דאָס גלאַטע שווימען,
די פויגעלעך דאָס פליהען
און דעם פערשטאַנד די מענער.
דער פרוי — געבליבען איז גאָר ניט —
האָט זי געגעבען שעהנקייט.
איצט זעהט! אפילו אייזען
און פייער בעזיעגט א שעהנע!

III.

אין א מיטערנאַכט'גער שטונדע
ווען דער העלער צפון שטערען
דרעהט ארום זיך אום באָאָטעס
און די מענשליכע געשלעכטער
ליגען טיעף בעזיעגט פון מיעדקייט,
דאַן איז עראָס אָנגעקומען,
האָט געריהרט פון טהיר דעם רינגעל.
ווער — זאָג איך — קלאַפּט ביי מיין טהיר דאָרט
וועקט מיך אויף פון די חלומות?
עראָס אָבער זאָגט מיר: עפען,
כ'בין א קינד, האָב ניט קיין מורא,
איך בי'ן נאַס פון טוי און וואַנדער

אין דער אַהן־לבנה־נאַכט אום.
כ׳האָב געקראָגען גרויס רחמנות,
כ׳האָב מיין לעמפּעל אָנגעצונדען
און געעפענט. כ׳זעה אַ קינד שטעהט,
האָט אויף זיך אַ גרויסען בויגען,
פליגלעך און אַ בינטעל פיילען.
זעץ איך איהם צו נאָהנט צום פייער,
וואַרים אָן איהם זיינע הענטלעך
מיט מיין האַנד און פון זיין העמדעל
דריק איך אויס דאָס נאַסע וואַסער.
ער, ווי ער האָט זיך דערוואַרימט,
זאָגט: קום, לאָמיר אויספּרובירען,
אויף ווי וויים דורך נעץ דער בויגען
איז פערדאָרבען מיר געוואָרען!
און ער שפּאַנט איהם אָן און שיסט מיר
גלייך אריין אין האַרץ און שפּרינגט דאַן
ווי אַ גריל אוועק און לאַכט הויך:
ווירט — זאָגט ער מיר — בלייבט געזונד מיר!
ס׳האָט מיין בויגען גאָר קיין שאָדען,
אָבער דיר דאָס האַרץ וועט וועה טהון!

IV.

קום, דו בעסטער פון די מאָלער,
מאָל, דו בעסטער פון די מאָלער,
מייסטער פון דער קונסט פון רהאָדאָס,
מאָל זי — זי איז ניטאָ — ווי כ׳זאָג דיר,
מאָל, — דו ווייסט דאָך! — מיין געליעבטע!
מאָל צום ערשטען איהרע לאָקען,
ווייך ווי זייד און שוואַרץ ווי ראָבען;
אויב דיין וואַקס קען איבערגעבען,
מאָל זיי אָטהעמדיג פון באַלזאַם!

מאָל דאַן אויף איהר פולען פּנים
אונטער איהרע טונק׳לע לאָקען
גלאַט ווי עלפענביין — איהר שטערן.
און די אויגען־ברעמען זאָלסטו
ניט פערקירצען, ניט צומישען!
זאָל׳ן זיי ווי די אויגענלידער
וואו זיי ריהרען אָן די ברעמען
אין אַ טונק׳לען ראַנד פערגעהען!
און איהר בליק, דעם זאָלסטו ריכטיג
איבערגעבען: ווי פון פייער,
אַזוי ליכטיג ווי אַטהענע׳ס,
אַזוי פייכט ווי ביי קיטהערא!
מאָל איהר נאָז און איהרע באַקען,
מילך פערמישענדיג מיט רויזען,
מאָל די ליפּען ווי פערפיהרונג׳ס
ברענענדע, ענטלאָקטע קושען
אויף איהר מאָרדעטשקע פול תאוה,
און איהר האַלז, דעם מארמעל־ווייסען,
זאָלען אַלע חנ׳ען שוועבען!
דאַן, דאַן היל זי איין אין קליידער,
טונקעלע, פון טיעפען פּורפּור,
זאָל אַרויסשיינען אַביסעל
פון איהר לייב — איהר שעהנהייט׳ס עדות!
וואַרט, האַלט איין! אַט איז זי! כ׳זעה זי!
אַט, באַלד הויבט דאָס בילד אָן רעדען.

V.

אויף די צאַרטע מיררהום בלעטער,
אויף די לאָטאָס־ווייכע גראָזען
שטרעק איך אויס זיך און וויל טרינקען.
עראָס, בינדענדיג זיין העמדעל

צו זיין האלז מיט א פאפירוס,
זאל מיר ריינעם וויין איינגיסען!
ווייל אזוי ווי ס'ראד פון וואגען
דרעהט זיך און ס'לויפט אפ דאס לעבען:
באלד, באלד רוהען מיר: — אביסעל
שטויב און פוילענדיגע ביינער.
וואס, וואס טויג דעם שטיין צו זאלבען,
אויף דער ערד אומזיסט וויין גיעסען?
גיבער מיך, מיין פריינד, וואס לעבט נאך,
זאלב און מיט די רויזען רינגעל
אום מיין שטערען, רוף מיין פריינדין!
איידער, עראס, כ'וועל אהין געהן
צו דעם כאר פון אונטער־ערדישע
טרייב איך דא פון מיר די זארגען!

VI.

רויזען פון די ליעבעס אלע
לאמיר מישען מיט דעם וויין!
רויזען מיט די שעהנע בלעטער
צו די שלעפען לאמיר בינדען,
לאמיר טרינקען, פרעהליך לאכען!
רויז, דו טהייערסטע פון בלומען!
רויז, דו פריהע זארג פון פריהלינג!
רויז, וואס ליעב ביזט אויך די געטער.
רויזען פלעכט דער זוהן קיטהערא'ס,
רויזען אין די שעהנע לאקען,
ווען ער טאנצט דארט מיט די גראציעס!
קרוין מיך אויך מיט זיי, א באקכוס!
כ'שפיעל מיט פלייט דאן ביי דיין טעמפעל
און בעקראנצט מיט רויזען־קראנצען
טאנץ איך צו דיין עהרע מיט איהר —
מיין טיעפ־בוזים'דיגען מיידעל!

VII.

עס טרינקט די ערד די שוואַרצע,
עס טרינקט דער בוים די ערד,
דעם הימעל טרינקען ימים,
די ימים טרינקט די זון אויס,
טאָ וואָס־זשע קריגט איהר פריינד זיך,
ווען איך וויל אויך מיר טרינקען?

## פון האָראַץ

I.

אָ, באַנדוזיאַ׳ס קוואַל, לויטערער ביסט פון גלאָז,
ווערט ביסטו זיסען ווייַן, ווערט ביסט אויך בלומען פיעל.
מקריב בין איך אַ ציג דיר
מאָרגען, פון וועמעס שטערן אַ האָרן

שפּראָצט, צוגרייטענדיג זי צו ליעבע־שפּיעל און שלאַכט.
נאָר אומזיסט, ווייל עס וועט פאַרבען איהר רויטע בלוט
דיינע קיהלענדע ברעגען. —
מאָרגען בין איך זי מקריב דיר.

דיך קאָן די בייזע צייט פון קאַניקול, וואָס ברענט,
גאָר קיין שאָדען ניט טהאָן. דו גיסט דיין טייערע קעלט
אָפּ צו אָקסען, וואָס מיעד פון
פּלוג, צו רינדער, וואָס זוכען דיך.

אייביג, אייביג וועסטו זיין דער בעריהמטסטער קוואַל.
ווען כ׳וועל זינגען פון בוים, וואָס אויף דעם הויכען פעלז,
וואָס פון איהם דיינע כוואַליעס
שפּרינגען רעדעווודיג קלאָר אַרויס.

II.

וועלכער אינגעלע שעהן דריקט דיך צום הארצען צו,
צווישען רויזעלעך פיעל און צווישען נאַסען דופט
אין דיין הייהל, שעהנע פירהאַ?
זאָג, פאַר וועמען דו בינדסט די האָאָר,

גאָלדען-בלאָנד און פערקאַמט מיט וויפיעל פּראָסטען חן?
קלאָגען וועט ער, אַך, פיעל, וואָס ער האָט דיר געגלויבט
און וועט זעהן און זיך וואונדערן,
ווי דער שטורם-ווינד קאָכט אויף דעם ים.

ער, וואָס לייכט-גלויביג פרעהט, גאָלדענע, זיך מיט דיר,
חלום'ט, פּוסטע, פון דיר, וואָס ביזט אַלץ פוסט און שעהן,
ווייסט ניט וואָסער געפאהרען
ברענגען קען איהם דער קלענסטער ווינד.

וועה איז דעם וואָס דו ווינקסט צו און ער קאָן דיך ניט.
אָבער ס'ווייזט אַן אויף מיר הייליג די נאַסע וואַנד:*)
פאַר מיין רעטונג פון שטורם, כ'האָב
אויפגעהאָנגען אוים דאַנק מיין קלייד.

---

## פון קאַטולוס

I.

לאָמיר, לעסביא, לעבען און זיך ליעבען
און פאַר'ן מורמלען פון שטרעננע, אַלטע זקנים
געבען וועניגער נאָך אין ווערט ווי נארנישט!
מעגען זונען פערגעהן און קומען ווידער,

---

*) פון שטורם געראַטעוועטע רוימער פלעגען אויפהענגען זייערע נאַסע קליידער אויף אַ וואַנד אַלס אָפּפער צום שטורם-גאָט.

מיר, ווען איינמאָל דאָס קורצע ליכט גּעהט אונטער,
האָבען פאַר זיך איין לאַנגע נאַכט צו שלאָפען.
גיב מיר, גיב טויזענד קושען, דאַן גיב הונדערט,
דאַן גיב אַנדערע טויזענד, דאַן נאָך הונדערט,
און אַלץ ווייטערע טויזענד, ווייטער הונדערט!
ווען מיר זיך פיעל טויזענד קושען געבען
מישען מיר זיי אויס ניט אַליין צו וויסען,
זאָל קיין שלעכטער נישט געבען קיין עין־הרע,
ווען ער'ט וויסען די גרויסע צאָהל פון קושען.

## II.

טרויערט געטער און געטינען פון ליעבע
און איהר אַלע, איהר עדלע מענשען, טרויערט! —
ס'איז געשטאָרבען מיין מיידעל'ס וואָראָבייטשיק,
ער — מיין מיידעלע'ס פּראַכט, ער איז געשטאָרבען
ווענען ז' האָט מעהר געליעבט פון איהרע אויגען
און געוועזן איז ער האָניג־זיס, האָט געקענט זי
אַזוי גוט ווי זי קען איהר אייגנע מוטער
און האָט קיינמאָל ניט פון איהר שוים געריהרט זיך
און איז שטענדיג געשפּרונגען אויף איהר בוזעם
און האָט שטענדיג צו איהר, צו א י ה ר געפּישטשעט.
איצט, איצט געהט ער אַוועק אויפ'ן טונקעלען וועג פון
וואַנען קיינער — דאָס זאָגט מען — קעהרט ניט ווידער!
מעג אייך שלעכטס נור געשעהן איהר שלעכטע אָרקוס' —
שאָטענס, איהר וואָס פערשלינגט דאָס שעהנע אימער!
אַזאַ פויגעלע האָט איהר צוגענומען!
אָ, וואָס האָט איהר געטהאָן, אָ, אָר'מער פויגעל,
צוליעב דיר זיינען איצט מיין מיידעל'ס אויגלעך
אָנגעשוואָלען און רויט פון וויינען, וויינען....

## III.

שוין ברייננט פריהלינג צוריק די מילדע ווארעם
און די בעהזקייט פונ'ם ווינטער־הימעל שטיל ווערט
דורך די ליעבליכע ווינטען פון דעם זעפיר.
קום קאטולוס, פערלאָז שוין פריגיענ'ס פעלדער
און דעם אקער דעם גוטען פון ניקעא!
לאָמיר פליה'ן צו די ליכטיגע שטעדט פון אזיען.
שוין, שוין ציטערט מיין גייסט און רייסט זיך שוועבען!
און עס שטארקען די פיס זיך פון פרייד און בענקשאפט...
זייט געזונט מיר, איהר ליעבע פריינדע מחנות!
איהר, וואס האָט אייער היים שוין לאנג פערלאָזען,
אין פערשיעדענע וועגען פיהרען אהיים איצט!

## IV.

כ'האס דיך און ליעב דיך, פארוואס? — אומזיסט וועסטו פרעגען!
כ'וויים עס נישט אָבער איך פיהל: ס'איז! און איך געה אוים פאר פיין!

## V.

עלעגיע

כ'בין דורך פיעלע פעלקער און פיעלע ימים נעפאָהרען
ברעננען א קרבן דיר איצט אויף דיין פריהצייטיגען טויט!
כ'קום בעשענקען דיך איצט מיט א לעצטער טויטען־מתנה
און אָנרופען אומזיסט, ברודער, דיין שווייגענדע אש!
ס'האָט דאס גרויזאמע שיקזאל שוין אָפגעשיידט אונז אויף אייביג,
ברודער אומגליקליכער מיין, ביזט אזוי פריה מיר גערויבט!
איצט קען איך נור, ווי עס לערנען די זיטען פון אונזערע אבות,
ברענגען א טויטען־געשאנק — כ'האָב דיך שוין זעהן ניט געקענט! —
נעהם אָן, נעהם מיין מתנה, בעגאָסען מיט זודיגע טרעהרען
און אויף אייביג שוין, וועה! — שלאָף אין דיין אייביגער רוה.

# II מאָדערנע

## פ ר י ע ד ר י ך נ י ע ט ש ע:
### ו ו ע נ ע ד י ג.

ביי דער בריק בין איך אַמאָל געשטאַנען
אין אַ ברוינער נאַכט.
פון דער ווייטענס הערט זיך אַ געזאַנג:
ס׳רינט ווי טראָפּענס גאָלדענע
איבער ציטערדיגע פלאַכען.
ליכט, מוזיק, גאָנדאָלען —
אַלעס שווימט ווי שכור אין דער דעמערונג.

מיין נשמה, ווי אַ שפּיעל פון סטרונעס,
זינגט זיך, ניט געזעהן פון קיינעם,
שטיל אַ גאָנדעל ליעד,
ציטערנדיג פון לויטער זעליגקייט.
— האָט דאָס עמיצער געהערט?...

---

### ד ע ר ה ע ר ב ס ט.

אָט איז דער הערבסט: ער — ברעכט דיר נאָך דאָס האַרץ!
אַנטלויף! אַנטלויף!
די זון זיך רוקט אַלץ נאָהנט צום באַרג
און קריכט און קריכט
און רוהט ביי יעדען שריט.

וואָס וועלקט אַזוי די וועלט?
אויף מיעד געשפּאַנטע פעדים שפּיעלט
דער ווינט זיין ליעד.
די האָפנונג איז אַוועק —
דער ווינט ער קלאָגט איהר נאָך.

אַט איז דער הערבסט: ער — ברענגט דיר נאָך דאָס האַרץ!
אַנטלויף! אַנטלויף!
אָ, שעהנע פרוכט פון בוים,
וואָס ציטערסטו און פאַלסט?
וואָס האָט דיר דאָס די נאַכט אַנטפּלעקט,
אַז קאַלטער שוידער איצט באַדעקט
דיין פּורפּור רויטע באַק? —

דו שווייגסט און ענטפערסט ניט?
ווער רעדט דאָס נאָך? — —
אַט איז דער הערבסט: ער — ברענגט דיר נאָך דאָס האַרץ!
אַנטלויף! אַנטלויף!
„איך בין ניט שעהן",
— דערצעהלט די שטערנבלום.
„דאָך מענשען ליעב איך.
און מענשען טרויסט איך.
זיי זאָלען איצט נאָך בלומען זעהן.
זיי בויגען זיך צו מיר אַראָפּ,
און אַך, זיי פּליקען מיך אויס —
אין זיי׳רע אויגען גלאַנצען דאַן
ערא־ינערונגען אויף.
זכרונות פון שעהנערע פאַר מיר: —
איך זעה׳ס, איך זעה׳ס, — און שטאַרב!"

אַט איז דער הערבסט: ער — ברענגט דיר נאָך דאָס האַרץ!
אַנטלויף! אַנטלויף!

## ריכאַרד דעהמעל:
די שטילע שטאָדט.

עס ליגט אין טיעפען טאָל א שטאָדט,
דער בלאַסער טאָג פערגעהט;
א ווײלע נאָר, און באַלד וועט זיין
א נאַכט אָהן ליכט, אָהן שטערען־שיין
אריבער אלץ צושפּרייט.

פון אלע בערגער דריקען
די נעבעל אויף דער שטאָדט:
קיין אײנציג דאַך, קיין הויף, קיין הויז
דרינגט פון דעם נעבעל נישט ארויס,
מען זעהט קוים טורעמס, בריקען.

דאָך ווען דעם מידען וואנד׳רער
דערשרעקט די טיעפע נאַכט,
דערהערט זיך לײכט א קינדער־קול,
און אין דעם נעבעל, מיט א מאָל,
א העלער שיין ערוואַכט.

---

א שטים אין דער פינסטער.

עס קלאָגט וואס אין דער פינסטער ערגעץ וואו,
כ׳וואָלט וועלען וויסען וואס דאס איז.
דאס קלאָגט דער ווינט מסתמא אין דער נאַכט.

דער ווינט קלאָגט אָבער קײנמאָל אזוי נאָהענט נים.
דער ווינט קלאָגט תמיד אין דער נאַכט.
אין מײנע אוי׳רען קלאָגט מײן בלוט.
געוויס מײן בלוט.

מײן בלוט קלאָגט אָבער מיר ניט קײנמאָל אזוי פרעמד.
מײן בלוט איז רוהיג ווי די נאַכט.
איך גלויב דאס קלאָגט א הארץ מסתמא ערגעץ וואו.

## הוגאָ פאָן האָפמאַנסטהאַל:

I.

באַלאַדע פון אויסערען לעבען.

און קינדער וואַקסען אויף מיט טיעפע אויגען
גאָרנישט וויסענדיג, זיי וואַקסען אויף און שטאַרבען
און אַלע מענשען געהען זיי'רע וועגען.

און רויהע פירות וועלכע ווערען צייטיג
פאַלען אין דער נאַכט אַראָפּ ווי טויטע פויגלען,
און ליגען אַ מעת-לעת און ווערען קאַליע.

און תמיד וועהט דער ווינד און תמיד ווידער
פערנעמען מיר און ריידען פיעל און איבריג,
און פיהלען לוסט און מיעדקייט אין די גליעדער.

און וועגען ציהען זיך דורך גראָז און שטעטלאַך
מיט לאָמפּען פיעל און בוימער אויך און טייכען
און וועגען פול מיט שרעק ווי אַלטע קברים-פעלדער...

צו וואָס האָט מען געבויט די אַלע וועגען,
און וואָרום זיינען זיי אַזוי פערשיעדען?
וואָס לאַכען מיר און וויינען מיר און שטאַרבען?

וואָס טויגען אונז די אַלע קליינע שפּיעלכלעך,
אַז גרויסע זיינען מיר און אייביג-איינזאַם,
און זוכען וואַנדערנדיג קיין ציעל אין ערגעץ?

וואָס טויג דאָס אַלעסדינג געזעהן צו האָבען? — — — —
און דאָך זאָגט איינער פיעל ווען ער זאָגט „אָוונד“,
ווייל — ווי פון האָניג-נעסטען שווערער האָניג

רינט טיעף-זין פון דעם וואָרט אַרויס, און טרויער.

II.

טרוימען.

מיר זיינען דאָ, דער טרוים האָט אונז געבוירען ,
און טרוימען עפנען אויף די אויגען זיי׳רע,
ווי קליינע קינדער אונטער קאַרשען־בוימער,

וואָס איבער זיי׳רע קרוינען געהט ארויף
די לבנה, אין דער גרויסער נאַכט אריין,
.... נישט אַנדערש אויבעט קומען אונז׳רע טרוימען.

זיי זיינען דאָ אין לעבען ווי אַ קינד וואָס לאַכט
און שוועבען אויף־און־אָפּ ווי די לבנה,
וואָס קומט ארויף פון אונטער בוימער־קרוינען.

זיי וועבען זיך אין אונז אין טיעפּסטען ווינקעל.
ווי גייסטער־הענד ביי נאַכט אין פּוסטע הייזער
וואוינען זיי אין אונז און האָבען שטענדיג לעבען.

און דריי אין איינעם: אַ מענש, אַ זאַך, אַ טרוים.

---

**מאַקסימיליאַן דאוטהענדעי:**

מיר געהען ביים ים.

מיר געה׳ן ביים ים אין טיעפען זאמד,
מיט שווערע טריט און האנד ביי האנד.
דער ים געהט אונגעהייער מיט,
מיר ווערען קלענער מיט יעדען שריט.
מיר ווערען ענדליך אזוי קליין,
און קריכען אין אַ מושעל אריין.
ווי פּעריל וועלען מיר טיעף דאָ זיין,
און אַלע מאָל אַלץ שעהנער זיין.

אין דיינע שטילע אויגען...

אין דיינע שטילע אויגען לאָז מיך רוהען,
פון אלעם אויף דער וועלט איז רוהיגער דיין אויג.
עס ליגט זיך גוט מיר אין דיין דונק'לען בליק,
דיין בליק איז ווי דער ווייכער אווענד צאַרט.

פון דונקלען האָריזאָנט פון אונזער ערד
איז נאָר א שריט אן איינציגער צום הימעל
און אין דיין שטילען אויג פערענדיגט זיך מיין ערד.

---

מלאכים גרויע...

מלאכים גרויע רינגלען מיך ארום,
און קוקען שטום אויף דיר אלץ, מיין נשמה;
אויף בערגעלעך פון אש שטיל שטעהען זיי,
מיט האלב צובראָכ'נע פליגעל וועהען זיי פערטרויערט;
דאָ און דארטען לויערט שוין דער אָווענד, מיין נשמה.

---

ווינטען מאַטערען די בוימער....

ווינטען מאַטערען די בוימער,
בלעטער פריהרען און פאלען.

מענשען, ברוין איז נאָך דאס פנים פון די זומערזונענשטראַלען,
אבער די ליפען שעפּטשען שוין די לעצטע קלאַנגען,
באלד איז ס'ליעד פערגאַנגען.

---

## אלפרעד מאָמבערט

אונטער מיין פיהרענדער האַנד...

אונטער מיין פיהרענדער האַנד
געהט די לבנה אויף אין אַן אורנאַכט-לאַנד;
און אין א טאָל, וואו ס'האָט אצינד צום ערשטען מאָל
דער שיין פון דער לבנה זיך צעווייגט,
דערזעהען האָבען מיר, א טויטער קערפּער ליגט.

געוועזען איז ער אונגעוועהנליך גרויס.
מיר ווייסען נישט זיין נאָמען. פרעמד זעהט ער אונז אויס.
מיר האָבען פאַרשעענדיג איהם אנגעקוקט, און צוגעזעצט
זיך צו דער ערד.

זיך צוגעהערט.
— בערג און וואָלקען זענען איבער אונז געהאנגען —
און מיר האָבען
שעפּטשענדיג זיך שטיל בעראַטען,
דעם טויטען אין א פעלד בעגראבען.
דאָך, וואו מיר זענען שפּעטער נישט געגאַנגען,
שפּורען זעהען מיר פון זיינע טהאטען.

---

**א י ך ל י ג . . .**

איך ליג מיט א פרוי ביי אן אָפענעם פענסטער.
אונזערע אָרעמס — צוזאמען.
מיר קוקעןביידע אין א בלומען גארטען,
קוקען אויף א רויטער נעלקע.
מיר ווייסען, אז מיר האָבען איצט זיך ליעב.
און אויך: אז קיינמאָל מעהר וועלען מיר זיך שוין נישט ליעבען
נאָך דעם אויגענבליק.

---

**ש ו ו י נ ד ז ו כ ט.**

זיי געהען פון א וואָלפאהרטסקירך.
א יוננער מאן, מיט איהם — א בלייכע פרוי,
זיי האלטען פאר די הענד זיך, גלייך ווי קינדער,
וואָס האָבען צוקערלעך בגנבה אויפגענאַשט.
אויף זייער פנים ווייזט א מידער שמייכעל זיך:
„נו, זעהסטו, איך ווער באַלד געזונט, מיין ליעבער מאן",
„יא, יא, דו ווערסט געזונט באַלד, ליעבע פרוי"...

## עמיל הערמאַן:

א וויעג־ליעד

וואָס זעה איך אויבען אין הימעל,
אין טיעפען, בלויען רוים?
מלאכים׳לעך ווייסע זעה איך.
וואָס טוען די מלאכים?

זיי פוצען אַלע שטערענדלעך,
זיי פוצען די לבנה,
אז זיי זאָלען בלאַנקענדיג
שיינען אין מיין יונגעל׳ס חלום.

---

זיבען קאַרליקלעך

זיבען קאַרליקלעך אין מיטען נאַכט
האָבען קליין־קינדעל צום קבר געבראַכט.

בעט זיך קליין־קינדעל: אין קבר איז קאַלט —
ס׳העלפט נישט, שטאַרבען געמוזט האָט עס באַלד.

לייכט האָבען אַלע גלאָקען געקלונגען,
אַלע קינדערלעך האָבען געזונגען.

זיבען קאַרליקלעך אין מיטען נאַכט
האָבען קליין־קינדעל צום קבר געבראַכט.

האָבען די חיות געוויינט אזוי ווילד,
האָבען די וואָלקען דעם הימעל פערהילט.

אויפגעפלאַמט האָט וואו א ליכט אין א הויז,
לעשט עס א שטורעם א ווילדער באַלד אויס.

זיבען קאַרליקלעך אין מיטען נאַכט
האָבען קליין־קינדעל צום קבר געבראַכט.

## ריכארד שאָוקאָל:

**צו די וואַנדערער.**

אַ, מאַכט נישט אַלע טויערן פאַר מיר צו,
לאָזט איינעם אָפען, כ'וויל צום ליכט מיר פליהען!
איך זעה די ווילדע שוואַנען ווייטער ציהען:
געפאַנגען בין איך מעהר נישט פון דער רוה.

נעהט נישט פון דאַנען מיט די וואַנדערשטעקען,
און גרויזאַם זאָלט איהר נישט פאַרביי מיין תפילה געהן!
צוריק צום לעבען נעמט מיין האַרץ זיך וועקען,
אַן איינציג טויער לאָזט פאַר מיר כאָטש אָפען שטעהן.

---

**פאָרטרעט פון מאַרקיז דע...**

זאָל איינער פון אייך שורקען האַלטען מיר מיין פערד,
זאָל איינער פון אייך לומפען ברענגען מיר מיין שווערד:
איך האָב געלאָזט איהם ביי אַ דאַמע ליגען.

העי, לאָזט אַ פויגעל נאָך און זאָל ער אין דער לופט זיך וויגען:
כ'וועל נאָכקוקען. און קיינער פון אייך הינד זאָל מיר
נישט שטערען,
ווען אין דער בלויקייט וועט מיין בליק פערלאָרען ווערען.

---

## פעטער הילע:

**נשמה פון מיין ווייב...**

נשמה פון מיין ווייב, ווי צאַרט זילבער ביסטו.
צוויי פלינקע פליגעל פון אַ ווייסער מעווע
דיינע ביידע פיס.
און פון דיין ליעבען בלוט שטייגט אויף
אַ בלויער הויך,
און אַלץ אין דיר
איז וואונדער.

## הערמאַן העסע
**מיין הארץ איז שווער...**

מיין הארץ איז שווער, מיין הארץ איז מיד,
צום ווייטען ים מיך ציהט און ציהט;
איך בענק אזוי אלץ נאָך דעם גלוט
פון פיאָלעטע אָווענד־שטונדען,
וואָס פלאַמיג אויף די וועלען רוהט
פון זיד־איטאַליענ׳ס ווייטע זונדען.
און בענקען בענק איך נאָך דעם בלויען
שטערענ־הימעל פון לאַגונען־נאַכט,
נאָך די קאַנאַלענ׳ס מידער פראַכט
און נאָך ווענעדיג׳ס שעהנע פרויען.
איך בענק אלץ נאַכ׳ן ווילדען פאָהרען
אין קליינעם שיפעל, ווען עס טראָגט
דער שטורעם איהם, און יאָגט, און יאָגט,
אז אָט געהט עס אין ים פערלאָרען — — — —
מיין הארץ איז שווער, מיין הארץ איז מיד,
צום ווייטען ים מיך ציהט און ציהט.

---

## אַרנאָ האָלץ:
**די זון זינקט.**

די זון זינקט.
איך ווארט. אזוי לאנג.

פערבאָרגען,
ווי א פערשטיקט ווייגען,
קלינגט אונטער די בוימער דער טייך.

אין דער פינסטער טאפט מיין האנד אלץ, זוכט די רויטע בלומען.

זיי זענען פערוועלקט.

דו האָסט מיך פערגעסען.

## קאַרל בוסע:
איבער די בערגער...

איבער די בערגער ווייט צו וואַנדערען,
זאָגען די מענשען, וואוינט דאס גליק.
איך האָב געוואַנדעלט פון איין אָרט צום אנדערען,
קום מיט פערוויינטע אויגען צוריק.
איבער די בערגער ווייט צו וואַנדערען,
זאָגען די מענשען, וואוינט דאס גליק.

---

ו ו אָ ר נ ו נ ג.

מיר חלומ'ט זיך: מיט הענד צושפרייט,
מיין טויטע מאַמע צו מיר געהט.

זי בויגט זיך איין און זאָגט: פערגיב,
עס שרעקט מיך די, וואָס דו האָסט ליעב.

און איבער קלינגענדיגע טריט
פערגעס דיין טויטע מאַמע ניט.

---

## גוסטאַוו פאַלקע:
און איין

און איין דיין ליעבער נאָה'נטקייט
ווי קלאַפּט מיין הארץ פאר פרייד!
איך ווער צוריק א אינגעל, —
די עלטער האָט פערוועהט.

עס מאַכט מיך ווילד דיין יוגענד'ס
זוניגער פריהלינגס הויך.
איך האָב דיך ליעב. און דרויסען
בליהען די רויזען אויך...

אַ, חלום פון טעג, פון גאָלדענע!
הארץ, ס'איז געוועזען אמאָל. —
אָוועגד־וואָלקען וואַנדערען
איבער מיין יוגענד טאָל.

**ע. פעם:**
**צ י י כע נ ס**

ס'איז שטיל און ליכטיג נאָך. ביז בין השמשות איז נאָך צייט.
ווי אין א בלויען רויך ליגט אויפ'ן ים צושפרייט די ווייט,
נאָר דאָרטען, אין דער הויך, א וואָלקען אין א בלומען־בעעט
פון מעריב זייט צו מזרח זייט א קריכענדער נעהט.

ס'איז ליכטיג נאָך און שטיל. נאָר אז דו הערסט זיך בעסער איין,
אזוי וועסטו פארנעמען א געשריי פון שרעק און פיין,
דאָס איבער דעם שטילען ים דער שטורם פויגעל רופט
און ציהט זיך צו א פעלזען שטיין, און פלאטערט אין דער לופט.

די נאכט וועט זיין א שרעקליכע — אין שטורעם, בליץ און פלאָם
וועט מישען זיך די נאכט, די ערד דער הימעל און דער ים.
און מאָרגען, אפשר, וועט אהער צום ברעג, פון דאָרטען טיעף,
דיא גרויע וועל ארויסווארפען די חורבות פון א שיף.

---

**פ. סאָלאָגוב:**
**א ו ו י ע ג ־ ל י ע ד.**

לויפסט א גאנצען טאָג זיך אום
אין דער גאס, אָ, אינגעל מיין.
וואש זיך, ליעבעס קינד, ארום,
וואשענדיג זיך, דרימעל איין.
זינג איך מיר צום שלאָף דיר צו:
אלי־לו־לו־לו־לו.

קלאפט דער שלאָף אָן אין מיין טיר,
שעפטשע איך: שלאָף, קום אריין.
טוליענדיג זיך שטיל צו מיר,
דרימעלט לייכט מיין אינגעל איין.
און איך זינג צום שלאָף איהם צו:
אלי־לו־לו־לו־לו.

שלאָף, וואו ביסטו געווען?
— כ'קום פון אונטער'ן בארג צוגעהן.
מיט מיין ברודער זיך געזעהן.
— איז דיין ברודער אויך דאָ? — ניין!
בויג איך שטיל צום קינד זיך צו:
אַלי־לו־לו־לו־לו־לו.

די לבנה שווימט פערטראַכט,
שטיל אין גאָרטען, שטיל איז, שטום.
ס'שלייכט זיך ווער צום פענסטער זאכט,
עמיץ שעפטשעט שטיל: איך קום...
זינג איך שטיל און שטילער צו:
אַלי־לו־לו־לו־לו־לו.
ווי דאָס רוישען פון אַ בוים
נעבען פענסטער שעפטשעט ווער:
— כ'שלעפ זיך, ברודער מיינער, קוים.
אוי, ווי מיר איז, ברודער, שווער!
בויג איך שטיל צום קינד זיך צו:
אַלי־לו־לו־לו־לו־לו.
— מיד פון שניידען איז מיין האנד
און די קאַסע גליטשט זיך, פאַלט...
וואקלענדיג ווער דרויסען שפאנט,
נעבען פענסטער זיך בעהאַלט.
טוליע איך צום קינד זיך צו:
אַלי־לו־לו־לו־לו־לו.

II.

און מיין ליכטיגע פרייד איז פארלאָשען.
איך בין ווידער פאר'יתומ'ט און קליין.
האָב איך ווידער אזוי זיך געלאָזען
דורך די שטויביגע גאסען אליין.

מיין נשמה האָט גליקליך פארנומען
דעם געלייטערטען טרוים פון מיין נאַכט.

פון א שענערער וועלט איז געקומען
א געשטאַלט איבער מיר און געוואַכט.

נאָר מיין ליכטיגע פרייד איז פארלאָשען,
איך זעה ווידער די שטאָדט פאר זיך שטעהן.
האָב איך ווידער אזוי זיך געלאָזען
דורך די שטויביגע גאסען אליין.

III

איך געה דורך פייכטע טאָלען,
מיך דריקט א שווערער טרויער.
איך זעה די ווייט זיך מאָלען
צוואַוואָרפענער און בלויער.

עס וועהט די נאכט מיט דרימעל —
מיט רוה געבענשטע טרוימען;
און אויבען רוהט דער הימעל
מיט ווייכע טיעפע רוימען.

אויף אלץ איז רוה און כישוף,
נאָר אין מיין הארץ איז שטורעם,
און ווייט איז צו א ישוב.
אָ, וועגען פון יסורים!

IV.

א פערשפעטיגטער רייטער, שנעל, ווילד ווי דער ווינט
פליהט פארביי פאר מיין טיר און אנטרינט,
כ'בליק איהם נאָך — נאָר די נאכט איז פאר'חשך'ט און וויסט
און מיין בליק ווערט פארלאָרען אומזיסט.

די בריאָזקעלעך שטעהען פארטרויערט ארום,
און ארום איז פארשטאָרבען און שטום.
נאָר דער ווייטער גאלאָפ טראָגט זיך אָפ פון דער ווייט....
— דו אנטלאָפענער, האָסט ניט קיין צייט!

מיין געלעגער איז איינזאם און קאַלט און נערוים
און מיך מאטערט א שלאָפלאָזער טרוים.

אַך, ווען איך זאָל נאָך איינמאָל אַ בליק טאָן אויף דיר!
ווען נאָך איינמאָל דו פליהסט פאַר מיין טיר!

ד

אָ, ווי שווער עס איז מיט מענשען לעבען!
פאַרוואָס מוז מען מיט זיי לעבען ביז'ן טויט?
פאַרוואָס זאָל מען ניט דעם גאַנצען לעבען
וואונדער כישוף'ן און שפּרעכען שטילערהייט.

און אַ רוהיגער פּאַרזונקען-ווערען
אין די וואָלקען, אין דעם הימעל און דער ערד,
ווערען ווי דאָס שווייגען פון די שטערען,
וועלכע לייכטען אויבען לויטער, ניט געשטערט!

## מ. קוזמין:

### וויזהייט.

איך האָב געפרעגט די חכמים פון דער וועלט:
צו וואָס לייכט די זון?
צו וואָס וועהט דער ווינד?
צו וואָס ווערען מענשען געבאָרען?

האָבען מיר געענטפערט די חכמים פון דער וועלט:
— די זון לייכט דערפאַר,
אַז צייטיג זאָל ווערען די תבואה אין פעלד
און מענשען זאָלען פון מגפות שטאַרבען.
— דער ווינד וועהט דערפאַר,
ער זאָל די שיפען פיהרען צו די וויטסטע ברעגען
און מיט זאמד פערשיטען קאַראַוואַנען.
— מענשען ווערען געבאָרען דערפאַר,
זיי זאָלען מיט'ן ליעבען לעבען זיך צושיידען
און געבירען אַנדערע צוליעב דעם טויט.
„פאַר וואָס האָבען די געטער אַלץ אַזוי בעשאַפען?“
— פאַרוואָס האָבען זיי דיר געגעבען אַ פערלאַנג
צו פרעגען נאַרישקייטען?

### פ. טיוטשעוו:
**די נאַכט**

דער וועג — אין הייסען זאַמד פערשאָטען.
מיר פאַהרען. שפעט. דער טאָג פערגעהט.
ביים וועג פון יעדען בוים דער שאָטען
האָט אין איין שאָטען זיך צושפּרייט.

אָט ווערט די ווייט אין גרוי פאַרצווייגען...
ווי אַלץ זעהט אומעטיג דאָ אויס!
די נאַכט — אַ וואָלף מיט הונדערט אויגען —
קוקט בייז פון יעדען קוסט אַרויס.

---

### ראָבערט ל. סטיווענסאָן:
**די הוידע**

ווי, ווען מיר געהען זיך הוידען אַצינד!
ס'איז דאָך די לופט אַזוי בלוי,
אַי, זיך אַ לאָז טון, אַ לאָז טון געשווינד,
און הוידען זיך, הוידען אַזוי.

אַרויף אין דער לופט און אַריבער דער וואַנד
ביז וואַנען מיר זעהן אַזוי ווייט,
די טייכען, די בוימער און נעבענאַנאַנד
בהמות וואָס פּאַשען ביים זייט.

מיר קוקען אַרונטער און זעהען אין גרין
דעם גאָרטען, דעם דאַך און דאָס פעלד,
מיר הוידען זיך, הוידען אַהער און אַהין,
און פריי איז פאַר אונז גאַר די וועלט.

---

**זומער אין בעט**

איםווינטער שטעה איך אויף ביי נאַכט
און טו זיך אָן ביים לעמפּיל־שיין.
און זומער מוז איך, פּונקט פערקעהרט
ווען ס'איז נאָך טאָג אין בעט שוין זיין.

איך מוז שוין זיין אין בעט און זעהן
וווי פויגעל שפּרינגען אויפ'ן בוים,
און הערען ווי אין דרויסען דאָרט
נאָך קלינגען טריט אָפּ אין'ם רוים.

און דענקסטו ניט, אז שווער מוז זיין,
ווען דרויסען איז דער הימעל בלוי,
צו מוזען געהן אין בעט אריין
ווען ס'ווילט זיך שפּיעלען מיר אזוי?

---

דער שאָטען מאַרש

ארום דעם גאַנצען הויז איז אויסגעשפּרייט די נאַכט,
און דורך די פענסטער גלאָצט זי אין דער שטוב אריין.
זי פּויזעט אין די ווינקלען, איינגעדרעהט און וואַרט.
און וויגט זיך מיט דעם וויגענדיגען לאָמפּען־שיין.

דאָס קליינע האַרץ מיינס געהט אין מיר שיער אוים פון שרעק,
איך שפּיר אין מיינע האָר א שרעקיג קאַלטען הויך,
און קרומע שאָטענס בויגען זיך פון ליכט אוועק
און געהען מיט די טרעפּ ארויף אלץ אין דער הויך.

— — — — — — — — — — —

## דערקלעהרונגען:

די זאמעלביכער „שריפטען“ ערשיינען פון צייט צו צייט און ווערען רעדאגירט פון דוד איגנאַטאָוו.

האָמער, סאַפאָ, אַנאַקרעאָן, האָראַץ און קאַטולוס — זענען פון מ. א. הערבערט איבערזעצט פון אָריגינאל און אין דעם אָריגינעלען מעטער.

די שורות אין סאַפאָ׳ס ליעדער, וואָס שטעהען אין קלאַמערען, זיינען השערות.

ריכאַרד דעהמעל׳ס — „די שטילע שטאט“; מאַקסימיליאַן דאַוטהענדעי׳ס — „אין דיינע שטילע אויגען“, „מלאכים גרויע“, „ווינטען מאַטערען די בוימער“, פ. סאָלאָגוב׳ס—„אַ וויעג ליעד“ און די ליעדער פון: עמיל הערמאַן, אַלפרעד מאָמבערט, ריכאַרד שאַוקאל, פעטער הילע, הערמאַן העסע, אַרנאָ האָלץ, קאַרל בוסע, גוסטאַוו פאַלקע און קוזמין — זענען איבערזעצט פון זישאָ לאַנדוי.

ריכאַרד דעהמעל׳ס — „אַ שטים אין דער פינסטער“, מאַקסימיליאַן דאַוטהענדעי׳ס—„מיר געהען ביים ים“ און די ליעדער פון פרידריך ניטשע און ראָבערט סטיווענסאָן — זענען איבערזעצט פון ר. אייזלאַנד.

הוגאָ פאָן האָפמאַנסטהאַל׳ס — זענען איבערזעצט פון מ. ל. האַלפערן.

א. פעט׳ס, טיוטשעוו׳ס און אלע אַנדערע סאָלאָגוב׳ס ליעדער זענען איבערזעצט פון מאַני לייב.

די פאָדערבלעטער און אלע אַנדערע צייכנונגען אין דעם בוך זענען די ארבייט פון ז. מאוד.

---

מיר דריקען אוים אונזער פערדרוס וואָס אונז האָט זיך, אין קיין איינעם פון די ביכער, ניט איינגעגעבען צו האָבען אַ איינהייטליכע אויסלייגונג, כאָטש מיר האָבען צו דעם געשטרעבט די גאַנצע צייט. — דער כאַראַקטער פון דער אויסלייגונג און אויך פון די פונקט־צייכענס הייגען אין אונזערע דרוקערייען אָפּ פון יעדען זעצער בעזונדער.

צווישען די פערדראָסיגע גרייזען געפינען זיך: אין אינהאַלט—„ה“ ראָזענטהאַל אויפ׳ן אָרט פון מ. ראָזענטהאַל; און אין מ. ל. האַלפערין׳ס „צוויי ליעדער“ איז פון אַ געוויסער צאָהל ביכער אַרויסגעפאַלען די שורה: „עס שפּילט זיך מיט דעם זיידענס חיליגען און אַלטען ספר“ (ערשטע ליעד, דריטע שורה פון אויבען) און אין צווייטען ליעד (זיבעטע שורה פון אונטען) שטעהט „פריהלינגל־צייט“ אויפ׳ן אָרט פון „פריהלינגס־צייט“.

אין וו. נאַטאַנסאָן׳ס אַרטיקעל (זיבעטע זייט, צוועלפטע שורה) שטעהט „גאַנגוס“ אויפ׳ן אָרט פון „ג אַ נ ג ע ס“.

---

אינהאַלט פון ערשטען בוך „שריפטען“:

דוד איגנאַטאָוו—„דער גבור“; זישאָ לאַנדוי—דערנער און מיידעלשע געזאַנגען: מאַני לייב—פון די ליעדער אַבענד און נאַכט; ר. אייזלאַנד—די יונגע; וואָלט וויטמאַן—„אַ גרוס דער וועלט“ (אידיש דורך י. י. שוואַרץ); י. אָפּאַטאָשו—ראָמאַן פון אַ פערד גנב. נאָטיצען—דר. ח. זשיטלאָווסקי, די אַלטע און די יונגע, אונזערע קריטיקער. דערקלעהרונגען.

---

אינהאַלט פון צווייטען בוך „שריפטען“:

מ. ל. האַלפערן—„אין דער פרעמד“; א. ראַבאָי—דער לייכטורעם; ל. מילער—ליעדער; מ. באַסין—פערלאָרענע טרוימען; י. אָפּאַטאָשו—מאָרים און זיין זוהן פיליפּ; פרץ הירשביין—דאָס ליעד פון דעם נאַר; י. י. שוואַרץ—פון דער טיעפענים; ב. ריווקין—צום נייעם ראָמאַנטיזם; זישאָ לאַנדוי—גאָמען; מאַני לייב—מעשה־ליעדער; דוד איגנאַטאָוו—אין קעסעל־גרוב; אַבאָ אָסטראָווסקי—1) אַ בריעף פון דער היים, 2) פון יענע טעג; וואָלט וויטמאַן—(בילד); דערקלעהרונגען. פאָדער־בלעטער און צייכנונגען פון ז. מאוד.

---

אַדרעס פון דער רעדאַקציע „שריפטען“:

DOVID IGNATOFF

2216 Adams Place Bronx, New York